STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10902

# SHMUESN MIT ELTERN VENN KINDER

Gershon Sapoznikow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# שמועסן מיט עלטערן
# וועגן קינדער

גרשון סאפּאָזשניקאָוו

# שמועסן מיט עלטערן וועגן קינדער

בועַנאָס-איירעס
1941

DERECHOS RESERVADOS
Hecho el depósito
que exige la Ley.

# אינהאלט:


פון ועד־החנוך — אברהם טורניאנסקי ......... 7

פארווארט — יעקב באטאשאנסקי ......... 9

דערציען קינדער
דארף מען זיך לערנען — ג. ס. ....... 13

ערשטער טייל:
דאס קינד אין שטוב ................. 17 — 44

צווייטער טייל:
דאס קינד אין שול ................. 45 — 96

דריטער טייל:
דאס קינד אין גאס ................. 97 — 116

פערטער טייל:
כאראקטער ................. 117—152

פינפטער טייל:
געלעכטער ................. 153—174

זעקסטער טייל:
ירושה און סביבה ................. 175—198

זיבעטער טייל:
וואס טוט מען מיט די
דערוואקסענע קינדער ....... 199—206

# פון ועד־החנוך
## בא דער חברה־קדישא אשכנזי

דער ועד־החנוך בא דער ח"ק, וואס שטרעבט צו דערפילן די אויפגאבע פון א צענטראלן בילדונגס־ראט בא דער בוענאס־איירעסער אזוי־גערופענער קהלה אונטערוועגנס, האט נאכן באקענען זיך מיט ג. סאפאזשניקאווס „שמועסן מיט עלטערן" באשלאסן צו סטימולירן די אויסגאבע פון דעם בוך און אויך ארויסהעלפן אין זיין פארשפרייטונג.

דער ועד החנוך שאצט אפ דעם ווערט פון דעם בוך, וואס קלערט אויף די עלטערן די פראבלעמען פון אידישער דערציאונג און באציט זיך אויפן טאג־טעגלעכן לעבן פון אידישן קינד, און באהאנדלט איבערהויפט די אידישע סביבה פון ארגענטינע און די אלע פראגן פון אידישער און אלגעמיינער דערציאונג אויפן באדן פון דעם לאנד, וועלכן אונזערע קינדער — ווי עס ווערט געזאגט אין איינעם פון די שמועסן—דארפן ליבן ווי זייער פאטערלאנד און ווי אידן אויך פארשטיין, שעצן און ליבן די גרויסע היסטארישע קולטור־ירושה פן זייערע עלטערן. אמת, עס האנדלט זיך אין פיל פאלן וועגן עלעמענטארע פראגן, פונדעסטוועגן זיינען א גרויסער טייל פון די עלטערן נישט באהאוונט און האנדלען פונקט קאפויר אינם טאג־טעגלעכן לעבן.

ווי א פעדאנאג, וואס האט געלערנט צו פארשטיין די נשמה פון קינד און ווי א שרייבער, וואס פארמאגט א קלארע און לעבעדיקע שפראך, אנגעזאפט מיט א פאלקסטימלעכן הומאר, באהאנדלט ג. סאפאזשניקאוו אין זיינע „שמועסן" וויכטיקע פראבלעמען פון קינדער־דערציאונג און זיין ווערק באטראכטן מיר דעריבער ווי א נויטיס האנטבוך פאר אידישע עלטערן, וואס פארבינדט זיי נעענטער מיט דער אידישער שול און העלפט זיי בעסער צו פארשטיין און בעסער צו דערציען זייערע אייגענע קינדער.

אויב „די אמתע דערציאונג הויבט זיך אן מיט דער דערציאנג פון די עלטערן" — ווי דער מחבר גיט אן פאר אן אנגענומענעם כלל אין דער מאדערנער פעדאנאגיק — איז דאס דאזיקע בוך א ווערטפולער בייטראג אויף דעם געביט פון דערציען די אידישע עלטערן און זיי אויפקלערן זייערע פליכטן לגבי די קינדער. אונזערע שול־טוער, די לערער און די אלע, וואס האבן א שייכות צום אידישן חנוך, דארפן דעריבער זיך באקאנען מיטן אינהאלט פון דעם דאזיקן בוך און אים פארשפרייטן צווישן די אידישע עלטערן אין ארגענטינע.

**אברהם טורניאנסקי**
פרעזידענט פון ועד־החנוך.

# פאָרוואָרט

ביכער בכלל נייטיקן זיך נישט אין קיין הקדמה'ס, זיי ריידן אַליין פאַר זיך: צום גוטן, צום שלעכטן, אָדער צו ביידע. אָבער אַ בוך אַן אָנ־הויב, אַ בוך, וואָס איז אַן ערשטס אין זיין מין, נייטיקט זיך יאָ אין אַ רעק־קאָמענדאַציע. און דאָס דאָזיקע בוך, וואָס די לייענער וועלן געפינען צווישן אָט די טאָוולען, איז אַן ערשטלינג. מיר האָבן שוין אין אונזער ביסל אידישער ליטעראַטור אין ארגענטינע אַ סך ביכער פאַר קינדער, מיר האָבן לידער און מעשהס, און לידער־מעשהס פאַר קינדער; אָבער אַ בוך וועגן די קינדער פאַר די עלטערן דערשיינט איצטער בײַ אונז צום ערשטן מאָל. חבר ג. סאַפּאָזשניקאָוו האָט דאָס מזל צו זיין דער ערשטער אויף דעם דאָזיקן געביט.

מיר האָבן איניקע שרייבער, וואָס זיינען אויך לערער און מיר האָבן אַ גאַנץ היפּשע צאָל לערער, וואָס זיינען אויך שרייבער. ווער פון די שרייבער עס מוז צוקנעלן צוליב פּרנסה און ווער פון די לערער עס שרייבט, ווייל עס רופט אים. אָבער קיינעם איז נישט איינגעפאַלן אָנצושרייבן און אַרויסגעבן אַ בוך וועגן די קינדער פאַר די עלטערן. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו טיילן מיט די עלטערן זיינע ידיעות אין דער פּעדאַגאָגיק און זיי דערציילן קלאָר און פּשוט דאָס אַלץ, וואָס זיי דאַרפן וויסן. חבר ג. סאַפּאָזשניקאָוו, וואָס איז אויך אַ שרייבער, אַ לערער האָט געטון זייער אַ נוצלעכע אַרבעט, פאַר וועלכער ער איז ווערט באַגריסט צו ווערן.

עס איז כדאי צו דערציילן די געשיכטע פון אָט דעם בוך, וואָס ליגט פון היינט אָן און ווייטער אָפן פאַר די עלטערן. דער מחבר איז גע־ווען אָנפירער פון דער קינדער־זייט אין איינער פון אונזערע היגע טעגלע־כע אידישע צייטונגען און ער האָט אויף זיין „זייט" איינגעפירט אַ רוב־ריק, וואָס האָט געהייסן „שמועסן מיט די עלטערן". ער האָט ווי אַ חבר

און א פריינט און א לערער א רייד געטון מיט די עלטערן וועגן דעם, וואס ס'איז גוט פאר זייערע קינדער און וואס — ניט גוט. ער האט זיי אויפגעקלערט וועגן די קאנפליקטן, וואס קומען פאר צווישן די עלטערן און קינדער (און קאנפליקטן קומען פאר אפילו צווישן אייניאריקע קינדער און זייערע עלטערן) און זיי קלאר געמאכט, ווען די גרויסע זיינען גע־רעכט און ווען עס זיינען גערעכט די קינדער. און די רובריק האט גע־האט אן אפקלאנג — עלטערן האבן זיך פארינטערסירט, געשריבן בריוו צום מחבר, אדער אמאל גאר געפרעגט עצות. עס איז דא כדאי צו באַ־מערקן, אז ג. סאפאזשניקאוו קען זיין א לערער אויך פאר עלטערן. ניט נאר וואס ער האט זיי וואס צו לערנען, נאר ער ק ע ן זיי אויך לערנען: ער האט א קלארע שפראך, ער קען גיבן צו פארשטיין אן ענין און אים מסביר זיין אזוי, אז ער זאל זיין קלאר פאר אלעמען. זיינע רייד זיינען נישט געווען קיין סודות פאר די לייענער און באהאנדלט האבן זיי פראגן, וואס זיינען נוגע די עלטערן אין סאמע לעבן אריין — האט ער זיי פארינ־טערעסירט. און נאך א היפשער צייט האט זיך דער מחבר חשבון געגיבן, אז ער האט אין זיינע שמועסן באריירט כמעט אלע פראבלעמען, וואס אינטערעסירן בלויז די טאטעס און די מאמעס, און אז ער האט פאר זיך א גאנצע ארבעט. ער האט באהאנדלט די פראבלעמען פון קינד אין שטוב, אין שול, אף די עקזאמענעס, אין גאס און א גאנץ יאר; ער האט באהאנדלט די פראגן וועגן כאראקטער, סביבה און ירושה. פאקטיש זיינען די שמועסן פארוואנדלט געווארן אין א האנטבוך פאר עלטערן. און ער האט זיין ארבעט רעווידירט, קאארדינירט און מיט פאראנטווארט־לעכקייט איבערורעדאקטירט, און ער קומט איצטער מיט א גאנ־צער ארבעט.

דער מחבר פון אט דעם בוך קומט נישט מיט קיין נייע טעאריעס, ער קומט צו די עלטערן מיט די עלעמענטארע ידיעות אף דעם געביט פון דערציאונג, וואס זיי מוזן וויסן. דאך איז דאס דאזיקע בוך אריגינעל; ניט טעארעטיש, נאר פראקטיש איז עס אריגינעל. עס האט מאטעריאלן וועגן אונזער קינדער־סביבה, וואס זיינען נאך אין קיין שום ארבעט ניט דערשינען בא אונז. און די פראקטישע מאטעריאלן פירן שוין אויך צו געוויסע טעארעטישע אויספירן.

און מען מוז מודה זיין, אז חבר ג. סאפאזשניקאוו קומט מיט זיין

בוך צו דער ריכטיקער צייט. ס'איז איצטער א מאָמענט פון קריזיס אין דעם קליינעם ביסל דערציאונגס־אנשטאַלטן וואָס מיר פאַרמאָגן. די וועלטלעכע אידישע שולן לעבן איבער א גייסטיקן קריזיס צוליב דעם, וואָס עס פעלט זיי אויס א י ד י ש ע ר א י נ ה א ל ט ; אין די רע־ליגיעזע שולן, וואָס רופן זיך בא אונז תלמוד־תורהס, פילט מען א קריזיס צוליב דער סתירה צווישן דער סביבה און די לימודים. די וועלטלעכע שולן זוכן יום־טובים, די רעליגיעזע שולן זוכן מיטלען ווי צו איספּאַנירן די יום־טובים. דער מחבר פון דעם בוך, וואָס מיר רעקאָמענדירן, רירט זיך טאַקע ניט צו דירעקט צו די אַנגעוויזענע ענינים, ער מיידט בכלל אויס ענינים, וואָס האָבן א דירעקטע שייכות צו אידעאָלאָגיע; ער איז דורכויס נאַציאָנאַלער איד און ער רעקאָמענדירט די עלטערן דירעקט ניט צו פאַר־לייקענען דעם אייגענעם אָפּשטאַם, אָבער ער טוט דאָס דאָזיקע ניט ווי א פּרעדיקער, נאָר ווי א פּעדאַגאָג. ער רעדט וועגן דעם מינדערווערטי־קייטס־קאָמפּלעקס, וואָס אַנטוויקלט זיך בא אונזערע קינדער און ער באַמערקט, אַז די דאָזיקע עלטערן, וואָס פאַרלייקענען זייער אָפּשטאַם און זיי שעמען זיך מיט זייער לשון און מיט זייער לעבנס־שטייגער, רופן אַרויס דעם מינדערווערטיקייט־געפיל בא זייערע קינדער און עס קומט זייער קלאָר אַרויס דער געדאַנק, אַז פאַרלייקענען דעם אייגענעם „איך" מיינט ניט נאָר פאַרלייקענען זיך אליין, נאָר עס מיינט אויך דערציען שלעכט די קינדער און זיי פאַרקריפּלען. אָבער אָט ווי דער מחבר באַ־רירט ניט דירעקט די אַקטועלע פּראָבלעמען, וואָס מיר האָבן דערמאָנט (און נאָך א סאַך אנדערע, וועלכע מיר האָבן ניט דערמאַנט), וועלן לע־רער דאָ געפינען א סאַך מאַטעריאַל, וואָס קען זיין פאַר זיי וויכטיק און קען זיי צונוץ קומען אין די שמועסן און דיסקוסיעס, וואָס זיי האָבן מיט די עלטערן, און אפשר אויך מיט די שול־פאַרוואַלטונגען. און כאָטש דאָס בוך באַשטייט פון שמועסן מיט די עלטערן, קען עס אין א גרויסער מאָס זיין א וויכטיק בוך אויך פאַר די לערער.

איך מוז אָבער באַמערקן, אַז אפן ערשטן פּלאַן און אין סאַמע עיקר איז דאָס א בוך פאַר די עלטערן. גרשון סאַפּאָזשניקאָוו ווערט זייער אָפּט פשוט א דרדקי־מלמד פאַר די טאַטעס און פאַר די מאַמעס. ער באַרירט אפילו אַזעלכע פראַגן ווי אַזוי אַנצוטאָן די קינדער און ער ווייזט אָן, אַז אייניקע מאַמעס זייגן צו גוט און זיי פעלצן אמאָל אַזוי אָן זייערע

קינדער, אז זיי ווערן דורכדעם קאמיש און אמאל שאדט עס זיי אויך צום געזונט. ער ווייזט אן די טאטעס, ווען זיי מעגן זיין שטרענג צו די קינדער און ווען ניט, און ער בארירט א סך קלייניקייטן, וואס זיינען פון גרויסער באדייטונג און די עלטערן טראכטן אפילו קיינמאל ניט וועגן זיי. דער גאנצער אומגליק פון דער דערציאונג באשטייט אין דעם, וואס עלטערן פארטראכטן זיך קיינמאל ניט וועגן זייערע קינדער, וועגן זייערע פארלאנגען און קאפריזן, און זיי באציען זיך צו זיי אויף דעם אלטן שטייגער, האבנדיק אלס כלל, אז טאטע־מאמע זיינען שטענדיק גערעכט און קינדער זיינען קיינמאל ניט גערעכט. צו אט דעם פאלשן כלל קומט בא אונז צו אויך א טרויעריקע הפקרות — די פרומע אידישע עלטערן האבן אין דער אלטער היים געשטעלט צופיל גייסטיקע פאדערונ־גען זייערע קינדער און בא אונז, אין די נייע היימען, שטעלן די עלטערן שוין גארניט קיין גייסטיקע פאדערונגען. פון תרי"ג מצוות איז מען אראפגעפאלן אויף גאר קיין מצוות ניט!

ווען איך וויל רעזומירן דעם ווערט פון ה' ג. סאפאזשניקאווס בוך, געפין איך די פשוטסטע ווערטער דערפאר: דאס בוך האט קאנקרעטע און נוצלעכע אנווייזונגען פאר די עלטערן און צווינגט זיי זיך צו פארטראכטן וועגן אומצייליקע פראבלעמען, וועגן גייסטיקע ענינים פון מענטשלעכער און אידישער דערציאונג.

איך וואלט נאך געהאט וואס צו זאגן וועגן דעם בוך, וואס איך האב דאס פארגעניגן צו רעקאמענדירן, אבער איך וויל ניט מאריך זיין, ווייל ס'איז פאראן א כלל, אז ווען די הקדמה איז צו גרויס, לייענט מען ניט אדער די הקדמה, אדער דאס בוך און **איך וויל, אז מען זאל לייענען ביידע**. און איך וויל איבערהויפט רעקאמענ־דירן, אז דאס בוך זאל מען לייענען מיט דער געהעריקער אויפ־מערקזאמקייט.

יעקב באטאשאנסקי.

# דערציִען קינדער דאַרף מען זיך לערנען

## אַנשטאָט אַן אַריינפֿיר

היילן קראַנקע אַן אַ דיפּלאָם, עס הייסט, אָן אַ געהעריקער וויסנשאַפֿטלעכער צוגרייטונג, איז, ווי באַוואוסט, שטרענג פֿאַרבאָטן. נאָר דיפּלאָמירטע דאָקטוירים זײַנען לויטן געזעץ באַרעכטיקט זיך צו פֿאַרנעמען מיט דער מעדיצינישער פּראָפֿעסיע, און קיינער וועט נישט אויסזעצן קעגן אַזאַ געזעץ, וואָס פֿאַרהיט די קראַנקע מענטשן פֿון אומדערפֿאַרענע און אומבאַרופֿענע רופֿאים, עם־הארצים און סתם שאַרלאַטאַנעס.

און נישט נאָר אַ דאָקטער מוז דורכמאַכן אַ לאַנגיאָריקן שטודיום, אַפֿילו אַ שניידער מוז לאַנג לערנען זײַן פֿאַך, און דאָס זעלבע אויך אַלע אַנדערע בעלי־מלאכות.

נאָר די קינדער־דערציִאונג, וואָס פֿאָדערט אויך וויסן און דערפֿאַרונג, ווערט אויסגעפֿירט, דאָס רובֿ, אָן דער מינדעסטער פֿאָרבאַרייטונג און אָן קענטעניש פֿון דעם קינדס נאַטור. און דערצווישן ווערן די קינדער מער אין שטוב ווי אין שול. די שול איז אין אונזער צייט מער אַ בילדונגס־אַנשטאַלט, וואָס לערנט פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטן, און דער כאַראַקטער פֿון די קינדער, זייער גאַנצע פּערזענלעכקייט, ווערט אויסגעבילדעט אין שטוב, וואו די קינדער פֿאַרבלײַבן דעם גרעסטן טייל פֿון זייער צײַט און וואו די הויפּט־דערציִער זײַנען: דער טאַטע, די מאַמע און די גאַנצע משפּחה.

פֿונדעסטוועגן, האָט מען נאָך, חלילה, קיין איין טאַטן און קיין איין מאַמען געזעצלעך נים באַשטראָפֿט פֿאַר דערציִען זייערע קינדער אָן אַ געהעריקער צוגרייטונג, כאָטש אַ שלעכטע דערציִאונג, קאָן אָפֿט אָנמאַכן נישט ווייניקער שאָדן דעם קינד, ווי אַן אומבאַרופֿענער רופֿא דעם קראַנקן.

אָבער קעגן דער דאָזיקער „געזעצלאָזיקייט“ אויף דעם געביט וועט אויך קיינער נים אויסזעצן, ווייל די עלטערן האָבן אַ „דיפּלאָם“ פֿון גאָט אַליין, די נאַטור האָט זיי געגעבן אַלע רעכט און אויך אַ סך מעגלעכ־

קיימן צו דערציען זייערע קינדער. די נאטור האט זיי אויך באוארנט מיט א זעלטן ווירקונגספולן און הייליקן מיטל — מיט דער עלטערן־ליבע — וואס אינספירירט און ריכטעט אלע זייערע מעשים לגבי די קינדער.

אבער די עלטערן־ליבע איז נאך נישט גענוג. דאס מאדערנע לעבן איז שטארק קאמפליצירט און אף אויסצובילדן א דור, וואס זאל אנטשפרעכן די דערגרייכונגען און דעם גייסט פון דער צייט, איז נייטיק די ליבע פארבינדן מיט וויסן, — ווייל נאר דארט, וואו די דאזיקע צוויי עלעמענטן גייען האנט־בא־האנט, קען די דערציאונג זיין שעפעריש און פרוכטבאר לטובת די קינדער.

די דאזיקע „שמועסן מיט די עלטערן" זיינען אויסן צו באררייכערן און באוואפענען די עלטערן־ליבע מיט א ברייטערער דערפארונג און וויסן אין די פראגן פון קינדער־פסיכאלאגיע און קינדער־דערציאונג.

ווי א דערציער, וואס האט שטענדיק מיט גרוים ליבשאפט נאכגע־פארשט דאס לעבן פון אידישן קינד, און געפרואווט אריינבליקן און פאר־שטיין זיין לויטערע נשמה, ווייל איך אף א פרייעם און אינטימען אופן זיך דורכשמועסן מיט די אידישע עלטערן וועגן א געמיינזאמען און טיף־האר־ציקן ענין — וועגן אונזערע קינדער.

די „שמועסן" זיינען א רעזולטאט פון דער דאזיקער נאכפארשונג און באאבאכטונג פון אידישן קינד אין דער סביבה פון זיין היים, אין גאס און אין שול, און באהאנדלען איבערהויפט פראקטישע טאג־טעגלעכע ענינים, טייל פון דער היגער אידיש־ארגענטינישער ווירקלעכקייט, און דארט וואו איך בין זיך סומך אף אויטאריטעטן בין איך זיי פורש־בשם.

עס איז היינט באוואוסט דער פעדאגאגישער כלל וואס זאגט, אז די אמתע דערציאונג פון די קינדער דארף זיך אנהויבן מיט דער זעלבסטדערציאונג פון די עלטערן, און אין דער היסטארישער שעה וואס איז אויסגעפאלן אף אונזער גורל, דארף די דערציאונג ווערן דער ערשטער געבאט אין אונזער נאציאנאלן לעבן, וואס האט זיין צוקונפט אין אידישן קינד.

ג. ס.

בוענאס־איירעס, 1941.

ערשטער טייל:

# דאָס קינד אין שטוב

## אינהאַלט


א מענטש איז געקומען אויף דער וועלט ........ 17

ער גייט אין אייערע וועגן ........ 19

לאָזט די קינדער זיך שפּילן ........ 22

קינדער דאַרפֿן האָבן אַ סביבה פֿון קינדער ........ 25

וואָס „צו“ איז אומגעזונט ........ 28

שרעקט נישט די קינדער ........ 34

לייכטזיניקע צייט־פֿאַרשווענדער ........ 36

אינגעלעך, וואָס האָבן מער ליב די מאַמע און מיידעלעך — דעם טאַטן ........ 39

אַראָפּ מיט די פּערענעס! ........ 43

# אַ מענטש איז געקומען אַף דער וועלט

מיט געוויין קומט דער מענטש אַף דער ליכטיקער וועלט און אין זיין ערשטן הילפסלאָזן רוף איז פאַרקערפּערט אַ פרייִדיקער אָנזאָג: אַ מענטש איז געקומען אַף דער וועלט, אַ ניי לעבן איז געבוירן געוואָרן... און ווי הילפסלאָז עס איז דער ערשטער געוויין אַזוי אומבאַהאָלפן איז דאָס מענטשלעכע קינד, וואָס מוז דורכמאַכן אַ בהדרגהדיקע און לאַנגיאָריקע אַנטוויקלונג ביז עס „מענטשלט" זיך אויס, און ווערט פיזיש און גייסטיק צוגעגרייט צו אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן.

וואָס נידעריקער ס'איז דער מין פון אַ באַשעפעניש, אַלץ קורצער איז דער פעריאָד פון זיין קינדהייט, און וואָס ווייניקער פיזישע און גייסטיקע אָרגאַנען עס פאַרמאָגט אַן אָרגאַניזם, אַלץ קלענער איז די צייט פון זיין וואוקס און אַנטוויקלונג.

דער מענטש איז נישט נאָר די העכסטע בריאה אַף דער וועלט, נאָר איז אויך די קאָמפּליצירטסטע באַשעפעניש אין איר פיזישן און גייסטיקן בוי. שטאַרק קאָמפּליצירט איז אויך דאָס מאָדערנע מענטשלעכע לעבן, וואָס פאָדערט אַ לאַנגיאָריקע צוגרייטונג פון קינד ביז עס ווערט ראוי צו פאַרנעמען אַן אָרט אינעם לעבנס-קאַמף צום נוצן פון זיך און פון דער געזעלשאַפט.

די לאַנגע מענטשלעכע קינדהייט לייגט אַרויף גרויסע פליכטן אַף די עלטערן, אָבער גיט אויך גלייכצייטיק ברייטע מעגלעכקייטן פאַר אַ בהדרגהדיקער אויסבילדונג, פאַרפולקאָמונג און צוגרייטונג פונעם יונגן דור צו אַ זעלבסטשטענדיקן און שעפערישן לעבן.

די פליכטן און זאָרגן פון די עלטערן וואַקסן צוזאַמען מיט דעם

וואוקס פון די קינדער, ווי עס זאגט א אידיש שפריכווארט: „קליי־נע קינדער לאזן ניט שלאפן, אבער גרויסע לאזן ניט לעבן".

וואויל איז צו די עלטערן פאר וועלכע דאס קלינגט ווי א גוזמא.

**אבער ווי שווער קינדער זאלן זיך נישט האדעווען, איז דאך אומגעהייער גרויס די פרייד וואס זיי פארשאפן, און איין ליכטי־קער שמייכל פון גליק, איין טראפן פרייד, ווישט אפ אין גענצן און זכרון פון די עלטערן דעם צער־גדול־בנים, דעם פיין פון דער־ציען קינדער.**

אין ערשטן לעבנס־יאר איז די פליכט פון די עלטערן מער באגרענעצט מיט זייער זארג פאר די פיזיאלאגישע באדערפע־נישן פון קינד און אויב דאס עופהלע איז זאט, טרוקן און ריין, וועט עס רואיק שלאפן דורך די נעכט, און אין די קורצע שעהן פון זיין טאג, וועט עס שטיל זיך שפילן מיט זיינע אייגענע הענטלעך און פיסלעך. אויב אבער די מאמע וועט בא יעדן געשריי פונעם קינד עס כאפן אף די הענט, וועט דאס פיצל נישט וועלן רואיק ליגן אין זיין בעט, וועט אומרואיק שלאפן און אויך פארשטערן דעם שלאף פון זיין מוטער.

**וואס רואיקער און פרייער די מוטער וועט לאזן דאס קינד אליין, אלץ גלייכער וועט זיין פאר זיי ביידן.** אינעם ערשטן לעבנס־יאר האט דאס קינד אן „ארבעט" זיך צו באקענען מיט זיינע איי־גענע גלידער און פריי לאזן זיינע חושים, וואס הייבן זיך ערשט אן אויספיקן פון איי.

מען דארף דעריבער נישט צוימען דעם קינדס נאטור, נישט פענטען עס מיט קיין ווינדעלעך און קאלדרעס און אויך נישט טרייסלען, נישט שאקלען און נישט וויגן. א געזונט קינד וועט אליין אויסשלאפן זיין צייט און א קראנק קינד וועט מען מיטן טרייסלען נישט געזונט מאכן. דאס וויגן באוויישט בלויז זיין מוח'ל, און אין די שעהן פון וואך־זיין דארף דאס קינד קענען קאנצענטרירן זיין אויפמערקזאמקייט אף די ארומיקע קעגנשטאנדן און מיט די אייגלעך, הענטעלעך און פיסלעך, און מיט אלע חושים אויפנעמען און זיך באקענען מיט די דערשיינונגען פון דער ארומיקער סביבה.

## ער גייט אין אייערע וועגן...

לאנגזאם אנטוויקלט זיך דאס נפשל און פון א „חיהלע" וואס שלעפט אלץ אין מויל אריין, פארוואנדלט זיך עס אין א „מענטשע־לע", וואס שמייכלט צו אלע ארומיקע, און דערפרייט די עלטערן מיט די ערשטע זיסע קלאנגען „מא" און „פא", וועלכע רופן ארויס בא טאטע־מאמע די טיפסטע און צארטסטע געפילן און אי־בערלעבונגען.

און אט שטעלט דאס קינד זיינע ערשטע און אומזיכערע טריט. עס מאכט דורך די גרעסטע אנשטרענגונג אין זיין לעבן. זיין יע־דער שפאן איז א העלדישער אויפטו, יעדער טראט א גרויסע דער־גרייכונג אין אן אומבאשטרייטבארער זיג. שטערט נישט דעם מענטשן, וואס שטעלט זיך אף זיינע אייגענע פיס! מאכט א ווא־רע און לאזט פריי אלע וועגן, א קינד גייט זיך באקענען מיט זיין אייגענער היים, מיט זיין טאטע־מאמעס פארמעגן.

אלץ איז פארן קינד ניי, און זיין נייגיריקייט איז שטארקער

פון זיין ווילן און אויסדויער. דעריבער קען עס זיך נישט קאָנצענ־טרירן אַ לענגערע צייט אַף איין זאַך, און זיין אויפמערקזאַמקייט פּליט פון קעגנשטאַנד צו קעגנשטאַנד, ווי אַ בין פון בלימל צו בלימל.

„די דערפאַרונג, זאָגט דער פּעדאַגאָג ש. מיגדאַל, איז אין דעם דאָזיקן פּעריאָד דער בעסטער לערער". דאָס קינד פאָרשט און באַ־אָבאַכטעט די אַרומיקע וועלט, נעמט יעדן קעגנשטאַנד אַריין אין זיינע הענטלעך און שליסט קאָנטשאַפט מיט יעדער זאַך, און וואָס גרעסער עס איז די איינגעבוירענע אינטעליגענץ פון קינד אַלץ שטאַרקער איז זיין פאָרשערישער גייסט, שאַרפער די וויסן־גירי־קייט און דער דורשט אַליין צו זען, הערן, אָנרירן, ארומטאַפּן און אויספּרובירן.

אויך די אַרומיקע מיטמענטשן זיינען פאַרן קינד אַן אָביעקט פון שטענדיקער באַאָבאַכטונג און נאָכמאַכונג. עס שפּירט נאָך און מאַכט נאָך אַלע זייערע גענג און פּאָסטעמקעס און לערנט־זיך צו זיין אַ „מענטש" מיט מענטשן גלייך און האַנדלען ווי אַ דערוואַקסענער.

די נאָכמאַכונג איז די ערשטע פרייע און זעלבסטשטענדיקע לערע פון קינד, וואָס הייבט זיך אָן אַריינפּאַסן אין דער סביבה, זיך צופּאַסן צום מענטשלעכן לעבן, און זיך איינגלידערן אין אים ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער מענטשלעכער משפּחה.

אַ גרעסער קינד, וואָס האָט שוין אַ ברייטערע פאָרשטענדעניש פאַר די אַלע אַרומיקע דערשיינונגען, קאָפּירט „ווי אַ מאַלפּע" די האַנדלונגען און באַוועגונגען פון די דערוואַקסענע. אָבער דער אונ־טערשייד אין דער דאָזיקער נאָכמאַכונג איז אַזוי גרויס ווי וויט עס איז בכלל דער מהלך פון היות ביז מענטשן. די נאָכמאַכונג פון דער מאַלפּע איז אַ ריין אויטאָמאַטישע, אַ מעכאַנישע און אומבאַוואוסט־זיניקע, ווי די פונקציע פון אַ שפּיגל, וואָס ווייזט דאָס געשטאַלט אַזוי לאַנג עס שטייט פאַר אים דער אָריגינאַל. אין דער נאָכמאַכונג פון קינד נעמען אָבער אָנטייל אַלע זיינע פּסיכישע עלעמענטן, און מיטן וואוקס פון זיין זכרון און באַוואוסטזיין פאַרוואַנדלט זיך די

נאָכמאַכונג אין באוואוסטזיניקער און זעלבסטשטענדיקער האַנדלונג.

אַ גייט אַ מיידעלע אַריין אין קיך, פאַרפּוצט זיך אין דער מאַמעס פאַרטוך און נעמט זיך „קאָכן" מיטיק פון ברעקעלעך ברויט, בלעטעלעך גרינס און אַנדערע „שפּייז-פּראָדוקטן", וועלכע זי קלייבט ערגעץ צונויף אָדער באַקומט פון דער מאַמען אַ מתנה. דאָס קינד מאַכט נאָך דער מוטער. דאָס קליינע „באַלעבאָסטינקע" שפּילט זיך, און לערנט זיך שפּילנדיק אומצוגיין מיט קיך-געשיר, כדי שפּעטער זעלבסטשטענדיק צו קאָנען דערפילן אירע פונקציעס אַלס הויז-ווירטין.

אַ אינגעלע קלאַפּט מיט אַ האַמער און טרעפט נישט אין טשוועקל. עס פאַרדריסט אים און ער זידלט זיך אויס באַ יעדן דורכפאַל „ווי אַ גרויסער". דאָס מאַכט נאָך דאָס קינד דעם פאָטער אָדער דעם שכן און צוזאַמען מיט די קלעפּ פון העמערל „קלאַפּט" עס אויך אויס זייער לשון.

אַ מיידעלע קושט, האַלזט און צערטלט איר ליאַלקע און באַשיט זי מיט די האַרציקסטע און צערטלעכסטע ווערטער — דאָס מאַכט זי נאָך די סענטימענטאַלע ליבע-אויסגוסן פון איר מוטער.

אַן אַנדער מיידעלע שרייט אויף איר ליאַלקע און וואַרפט זי פון איין אָרט אויפן אַנדערן; דאָ, זאָגט זי, דאַרף מען נישט גיין און דאָרט דאַרף מען נית שטיין; זי שיט איר פון צייט צו צייט אַריין אַ קללה און גיט איר אויך צומאָל אַ רים און אַ קניפּ, — דאָס מאַכט זי, נע־בעך, אויך נאָך איר מוטער און לערנט זיך צו זיין אַ „מאַמע".

אויף די ביישפּילן פון די גרויסע לערנען זיך די קליינע און דאָס דאַרפן די עלטערן גוט געדענקען, און נישט געבן די קינדער קיין שלעכטע ביישפּילן און נישט ווייזן זיי קיין מיאוסע מוסטערן, וועל־כע די קינדער קאָפּירן און זייגן אין זיך אַריין „מיט דער מאַ־מעס מילך".

# לאָזט די קינדער זיך שפּילן

דאָס קינד מאַכט נאָך די דערוואַקסענע און פאַרוואַנדלט זייערע האַנדלונגען אין פאַרווײַלונג און שפּיל. און די נאָכמאַכונג איז ניט קיין מעכאַנישע קאָפּיע, נאָר באַפּאַרבט מיט א רײַכן צויבער פון קינדס פאַנטאַזיע, וואָס פאַרוואַנדלט אַלץ אין א וואונדערלעך געמיש פון חלום און וואָר, פון טרוים און ווירקלעכקייט.

די קינדערישע פאַנטאַזיע איז וואונדערבאַר שעפעריש. א פליג פאַרוואַנדלט עס אין א העלפאַנט, א פּאַפּירל אין א שיף, א שיף אין אן אָדלער... דעריבער איז גלײַכער נישט צו באַלאָדן דאָס קינד מיט קיין פאַרטיקע שפּילערייען, וואָס לאָזן נישט קיין פּלאַץ פאר דער זעלבסטשטענדיקער טעטיקייט פונעם קינדס פאַרשטעלונגס-קראַפט.

א שטעקן אלס פערד, איז פאר א אינגעלע פון א פּאָר יאָר, פיל בעסער ווי א פאַרטיק פערד, ווײַל צום שטעקן מאָלט ער אליין צו פיס, רעדלעך אָדער גאָר פליגל, און אין זיינע „רייזעס" איבער דער שטוב און הויף אַרבעט נישט נאָר דער קערפּער, נאָר אויך זיין

פארשטעלונגס-קראפט. און פאר א מיידעלע אין דעם עלטער, קען א טיכל פון וועלכן זי מאכט זיך א „קינדעלע", זיין פונקט אזוי גוט ווי די פיינסטע און ווערטפולסטע ליאלקע.

די אלע צאצקעס, וואס נייען, שפרינגען און פארן ווערן דעם קינד גיך נמאס, ווייל עס האט נישט מיט זיי וואס צו טון, זיי גיבן נים קיין טעטיקייט זיין פאנטאזיע און זיין שטענדיקער שאפונגס־לוסט. אוודאי פריידט זיך דאס קינד ווען עס באקומט אזא שפילצייג, דרייט ער עס אן איין מאל, צוויי מאל, הונדערט מאל; אבער דער חפץ מאכט שטענדיק די זעלבע באוועגונגען, — פארט אביסל און שטעלט זיך אפ. דאס קינד בלייבט א פאסיווער צושויער, ווערט עס אים גיך דערעסן, און דאס שפיל — וואס איז קיין שפיל נים — וויל עס מער נישט אנקוקן.

מיטן וואוקס פונעם קינד וואקסן אויך זיינע השגות אין באַ־ציאונג צו זיינע שפילערייען. וואס ברייטער עס ווערט זיין גייס־טיקער האריזאנט, אלץ גרעסער ווערן זיינע פארלאנגען. א פיצל קינד באגנוגנט זיך מיט ארומקריכן איבערן פאל, אן עלטערס וויל שוין אבער „קלעטערן אף די ווענט".

דאס שפילצייג מוז דעריבער „וואקסן" מיטן קינד צוזאמען. פאר א פיצל קינד, וואס קען נאך נישט גיין, זיינען גענוג עטלע־כע וואשבארע קייקעלעך אדער רעדעלעך, און א פרייער פלאץ אף ארומצוקריכן און באוועגן דאס אייגענע קערפערל און לאזן אין גאנג די הענטלעך און פיסלעך. פאר אן עלטער קינד מוזן שוין גע־שאפן ווערן פיל גרעסערע שפיל-באדינגונגען און מער מעגלעכקיי־טן צו „ארבעטן" און אזוי שפילנדיק אנטוויקלען זיין אונטערנע־מונגס-גייסט, זיין ווילן, איניציאטיוו און אויסדויער אין דער שטרעבונג צו פארווירקלעכן געוויסע פלענער און דערגרייכן באַ־שטימטע צילן.

צוזאמען מיטן פיזישן וואקס פון קינד וואקסט אויך זיין פאר־שטענדעניש, זיין דערפארונג און אינטערעס, און פונקט ווי א

שול-קינד גייט אריבער פון א נידעריקערן קלאס אין א העכערן, אזוי דארף אויך דאס קינד אין פארשול-עלטער גיין פון איינפאכע און לייכטע שפילערייען צו מער שווערערע און קאמפליצירטערע.

דאס שפיל איז דעם קינדס זעלבסטבילדונג, שפילנדיק לערנט זיך עס אויס צו באהערשן די אייגענע גלידער, וועלכע ווערן אין שפיל פארשטארקט און אנטוויקלט. און באזונדערס גוט זיינען די שפילן, וואס גיבן דעם קינד א געלעגנהייט וואס מער צו „אר־בעטן", צו מייסטרעווען, שניצן, שניידן, בויען און פלאנעווען. שפילנדיק באקענט זיך דאס קינד מיט די אייגנשאפטן פון די אלע זאכן וואס רינגלען אים ארום, און דערלערנט אויך די חכמה פון פארזיכטיקייט, אויסגערעכנטקייט, ארבעט און אויסדויער.

און א קינד, ווי געזאגט, אנטוויקלט אין שפיל ניט בלויז זיינע מעגלעכקייטן, נאר אויך זיינע גייסטיקע פעאיקייטן, און באריי־כערט זיין באוואוסטזיין און זכרון מיט נייע דערפארונגען, אנט־דעקונגען און איינפאלן, וואס פארשאפן אים פיל פרייד און פארגעניגן.

## קינדער דאַרפֿן האָבן
## אַ סביבה פֿון קינדער

דאָס קינדערשע וועלטל האָט זיינע אייגענע געזעצן, וואָס זיי־
נען גאַנץ אַנדערע ווי די נאָרמען לויט וועלכע עס אַנטוויקלט זיך
דאָס לעבן פֿון די דערוואַקסענע. ווען אַן עלטערער מענטש זאָל זיך
שטעלן ריידן צו זיך אַליין און לעבן מער מיט טרוימען ווי מיט דער
רעאַלער ווירקלעכקייט, וואָלטן מיר עס באַטראַכט פֿאַר אַן אומ־
נאָרמאַלער און פּאַטאָלאָגישער דערשיינונג.

דאַקעגן איז זייער נאָרמאַל די טרוימעריי פֿון קינד און זיינע
חלומות אויף דער וואָר, זיינע טענות צו זיך אַליין, זיינע פֿאַנטאַס־
טישע אויסטראַכטענישן און זיין דראַמאַטישע פֿעאיקייט צו שפּילן
די פֿאַרשיידענע ראָלן און אין די פֿאַרשיידנסטע סיטואַציעס—דאָס
אַלץ באַטראַכטן מיר פֿאַר אַ נאָרמאַלער און געוואונטשענער דער־
שיינונג, וואָס ברענגט צום אויסדרוק דעם קינדס אינטעלעקט,
וועלכער שוועבט נאָך אין די הימלען פֿון ליכטיקן טרוים, וואו אַלץ
נעמט אָן אַזעלכע אומרעאַלע און פֿאַנטאַסטישע פֿאָרמען.

די איניציאַטיוו פֿון קינד, זיין שפּיל־לוסט און זיין דראַנג צו

באַוועגונג און טעטיקייט, קומען אָבער צום פולן אויסדרוק נאָר אין אַ געזעלשאַפט פון קינדער. מיט דערוואַקסענע וועט אַ קינד קיינמאָל זיך ניט פילן אַזוי גליקלעך ווי מיט חברימלעך פון זיין עלטער.

פון דריי-פיר יאָר אָן פילט שוין דאָס קינד אַ נויטווענדיקייט אין חברים און שותפים צו זיינע שפּילערייען. דאָס איז די צייט ווען מען דאַרף דאָס קינד שיקן אין קינדער-גאָרטן, און ווען דאָס איז ניט מעגלעך, דאַרפן די עלטערן אים לאָזן פריי זיך שפּילן מיט אַנדערע קינדער, און ניט מיט קיין פיל עלטערע פון אים, ווייל עס וועט זיי נאָכמאַכן — און נישט שטענדיק איז דאָס עלטערע קינד אַ גוטער מוסטער — און אויך נישט מיט קיין פיל קלענערע, ווייל עס וועט זיך מיט זיי ניאַנטשען און זיך שפּילן ווי מיט ליאַלקעס, אָבער ניט ווי מיט זייענגלייכן.

אין אַ געזעלשאַפט פון קינדער ווערט אָף אַ נאַטירלעכן אופן געצוימט דעם קינדס איבערפלייסיקע טרוימעריי, זיין „רעדן צו די ווענט" און זיין חלומען אָף דער וואָר. דעם קינדס פאַנטאַזיעס ווערן ענגער פאַרבונדן מיט דער ווירקלעכקייט און צוגעפּאַסט צו די בשותפותדיקע שפּילערייען, און צום ווילן און געשמאַק פון די אַלע אַנדערע קינדער.

בא אַ קאָלעקטיוון שפּיל אַנטוויקלען זיך די געזעלשאַפטלעכע אייגנשאַפטן פון די קינדער, און עס ווערן אָפּגעטעמפּט זייערע עגאָאיסטישע ־אימפּולסן און זייער געפיל פון אויסדערוויילטקייט, וואָס אַרבעט זיך אויס אין פאַרקער מיט די דערוואַקסענע, וואָס צערטלען צו פיל די קינדער און גיבן זיי אַלץ נאָך.

אין שפּיל אַנטוויקלען זיך די הומאַניטאַרע געפילן פון קינד. עס לערנט זיך אויס צו טיילן מיט זיין שפּילצייג, מיט זיינע איינפאַלן און געדאַנקען; איינס העלפט אַרויס דעם צווייטן און אַלע צוזאַמען שטרעבן צו איין ציל. דער יחיד מוז פאַרבייגן זיינע פאַרלאַנגען און קאַפּריזן, און זיך צופּאַסן צו די רעגלען פון קאָלעקטיוון שפּיל, אָדער צו די באַדערפעענישן און מעגלעכקייטן פון אַנדערע קינדער.

עס אַנטוויקלט זיך דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט און דער

כאראקטער ווערט דיסציפלינירט, ווייל אין צוזאמענדיקן שפיל מוז מען זיך אונטערווארפן דעם אנפירער, און דער ווילן ווערט גע־שטארקט, ווייל דאס קינד שטרענגט זיך אן נישט אפצושטיין פון אנדערע קינדער אדער פארקערט, עס באמיט זיך אנצויאגן און איבערשטייגן אייניקע פון זיינע חברימלעך.

אין שפיל פארבינדט זיך אפט א פארמעסט צווישן פארשיידע־נע קינדער, א שטרייט פאר דער אנפירונג, א שטרעבונג צו געפי־נען חן אין די אויגן פון אנדערע. געפילן פון חברשאפט, צוגעבונ־דנקייט, אפפערווויליקייט, און אלע אנדערע גייסטיקע און פיזישע מעגלעכקייטן און פעאיקייטן קומען צו זייער אויסדרוק און ווערן אנטוויקלט אין די קאלעקטיווע שפילערייען.

שפילנדיק האלט אויף דאס קינד זיין גוטע שטימונג און באזונ־דערס נוצלעך און נייטיק זיינען פאר קינדער די שפילערייען אף דער פרייער לופט, וואס פארלייכטערן די בלוט־צירקולאציע, די פארדייאונג און לאזן אין באוועגונג און האלטן אויף אין א פרישן מונטערן צושטאנד דעם גאנצן ארגאניזם, אלע זיינע חושים, גע־פילן און געדאנקען.

קינדער וואס ווערן דערצויגן אין איינזאמקייט אדער בלויז אין געזעלשאפט פון דערוואקסענע, פארזוכן פריצייטיק דעם טעם פון לאנגווייליקייט און אומעט, וואס לאזט איבער א שאטן פון טרויע־ריי אף זייערע געזיכטער און פארצערטקייט און נעבעכדי־קייט אין זייער גאנצן וועזן.

## וואָס „צו" איז אומגעזונט

וואָס „צו" איז אומגעזונט. אַלץ דאַרף זיין אין אַ מאָס, און אַז דער מענטש זאָל נישט פאַרלירן זיין גייסטיקן גלייכגעוויכט און זיינע גוטע מענטשלעכע מידות, טאָר ער אין קיין שום זאַך נישט אי־בערטרייבן און אין אַלץ זיין מעסיק און איינגעהאַלטן.

גליק איז ווי שטאַרקער וויין, אין אַ גרויסער דאָזע פאַר־שיכורט עס דעם באַוואוסטזיין. צו פיל רייכטום קאָן אָפט זיין אַזאַ דעמאָראַליזירנדיקער כוח ווי צו פיל אָרעמקייט; דאָס ערשטע, גיט צו פיל מעגלעכקייטן אָן דער מינדעסטער אָנשטרענגונג פון שכל און ווילן, און דאָס צווייטע, גיט צו פיל ליידן און זאָרג, וואָס פאַר־טעמפּן דעם שכל און פאַרצערן די געפילן.

אין פאַבריקן שמועס האָב איך געזאָגט, אַז אַ קינד דאַרף געזעלשאַפטלעך זיך אויסלעבן און זיין וואָס מער אין אַ געזעלשאַפט פון קינדער און ניט פון קיין דערוואַקסענע. דאָס הייסט אָבער ניט,

אַז מען דאַרף דאָס קינד שטענדיק לאָזן אַרומבלאָנקען מיט אַנדערע קינדער און אַף שעהן־לאַנג פאַרפאַלן ווערן פון שטוב.

אונזערע אידישע גאַסן און הויפן זיינען, קיין עין־הרע נישט, איבערגעפּוילט מיט קינדערלעך און אַ סך מאַמעס אָדער טאַטעס זיינען צופרידן, וואָס זיי „פּטרן דעם טומל אַרויס פון שטוב" און וואָס דאָס קינד שפּילט זיך מיט קינדער.

אָבער די עלטערן דאַרפן — ווי ווייט מעגלעך — די קינדער האָבן אַפן אויג אויך אין דער צייט ווען זיי זיינען אויסער דער שטוב, און וויסן מיט וועמען זיי שפּילן זיך, ווייל אין די צוזאַמענדיקע שפּילערייען קענען אָפט געבן דעם טאָן די אַמערסטן איבערגעפּירטע קינדער, וואָס אימפּאָנירן זיך לייכט אַף זייערע מער נאַיווע און צוריקגעהאַלטענע חברימלעך.

אויב די עלטערן קענען נישט אויסקלייבן קיין פריינט און חברים פאַר זייערע דערוואַקסענע און פּוליאַריקע קינדער, וואָס פאַרמאָגן שוין אַליין אַ קריטעריום וועגן זאַכן און מענטשן, דאַרפן זיי אָבער יאָ אינטערווענירן אינעם אויסוואַל פון חברימלעך און פריינט פאַר זייערע קלענערע קינדער.

אָבער באַזונדערס איז נייטיק אַ געוויסער קאָנטראָל מצד די עלטערן אַפן קינדס צייט, ווייל ווען קינדער שפּילן צוזאַמען פאַרגעסן זיי אַלע מאָסן און פליכטן.

און שטאַרק מעסיק דאַרף מען אויך זיין אין באַטיילן דאָס קינד מיט שפּילצייג. וואָס אָפטער עס וועט באַקומען שפּילערייען אַליין אַ קלענערן אינטערעס וועט עס צו זיי אַרויסווייזן און וועט שטענדיק פאָדערן אַלץ נייע מתנות.

אַ קינד וואָס פאַרמאָגט אַ סך שפּילצייג, איז ווי אַ רייכער פאַרשווענדערישער יורש, וואָס ווייסט נישט און וויל נישט וויסן דעם ווערט און די מי, וואָס דאָס רייכטום האָט געקאָסט אָנזאַמלען.

באַ אַזעלכע קינדער האָט קיין שפּילצייג נישט קיין ווערט, זיי וואַרפן זיך פון איין זאַך צו דער אַנדערער, באַטראַכטן אַלץ אויבנאויפיק, באַפרידיקן בלויז דאָס געפיל פון נייגיריקייט, בינדן

זיך צו קיין זאך נישט צו, באקומען גארנישט ליב, און עס ווערט זיי אלץ גיך נמאס און לאנגווייליק.

קיין טיפע געפילן וועלן זיך בא אזעלכע קינדער נישט אויס־בילדן און זיי וועלן בלייבן אויבערפלעכלעך נישט נאר אין זייערע סענטימענטן, נאר אויך אין זייער ארט דענקען, וואס וועט קיינמאל נישט פילן דעם שעפערישן און לײדנשאפטלעכן דראנג פון וויסן־גיריקייט, וואס שטויסט צו פארשן, שטודירן, ארייננדרינגען און באנעמען די נשמה פון זאכן און מענטשן.

א קינד וואס פארמאגט ווייניקער שפילצייג וועט זיך מער צובינדן צו יעדער זאך, עס האלטן טייערער, מער אפהיטן, טיפער אין דעם ארייננדרינגען, אויפמערקזאמער באטראכטן און עס וועלן אין זיין נשמה לאנגזאם זיך אויסבילדן שטארקע און קאנסטאנטע געפילן, מיט א טיפערן און גרינטלעכערן צוגאנג צו זאכן, און מיט א רייכערן און טיפערן גייסט.

די שיינע און ברייטהארציקע טבע, וואס איז איינגעפירט בא אייניקע מענטשן, אז א מתנה פאר די קינדער נישט ארייננצו־קומען אין שטוב, איז אין דערווירקלעכקייט זייער א שלעכטע און שעדלעכע מידה פון וועלכער אלע עלטערן, — און באזונדערס די אלע גוטע און ליבהארציקע פעטערס און מומעס, — דארפן זיך אפגעוואוינען.

קינדער וועלכע מען שטופט פון אלע זייטן מתנות הייבן אן קוקן אלעמען אף די הענט און שאצן די מענטשן לויט די מתנות וואס מען גיט זיי. אזעלכע קינדער האלטן אין איין פאדערן מען זאל זיי געבן, זיי ריידן זיך איין אז אלץ קומט זיי, וויפל מען גיט זיי איז ווייניק און שטענדיק פאדערן זיי נאך.

מען דארף פון צייט צו צייט באשענקען דאס קינד מיט א מתנה. דאס שאפט שטימונג און ברענגט אריין א יום־טוב אין שטוב. אבער מען טאר נישט איבערכאפן די מאס, ווייל וואס „צו" איז אומגעזונט, עס פארדארבט דעם כאראקטער פון קינד און אנשטאט גליק, פארשאפט עס אים לײדן און אומרו.

# שרעקט נישט די קינדער

ווען עלטערן קענען זיך ניט קיין עצה געבן מיטן קינד, ווענדעט מען געוויינטלעך אָן די פארשיידנסטע מיטלען, דער אויסוואַל פון וועלכע איז שוין אָפּהענגיק פון דער דערציאונג און פון דעם טעמפעראַמענט פון די עלטערן גופא.

אייניקע אימפּאָנירן זיך פשוט מיט פיזישן כוח: מען גיט דעם קליינעם שטיפער אָדער עקשן אַ פּאָר קלעפּ, און דאָס קינד, ווי אַ שוואַכערער צד אין דעם קאַמף, מוז זיך אונטערגעבן. אַנדערע ווידער, וואָס האַלטן נישט פון קאַנטשיק, פּרוּוון זיך אימפּאָנירן מיט גוטן, מיט בקשות, מיט צוזאָגן, אָדער גאָר מיט געשרייען און דראָונגען.

אָבער געוויינטלעך ווערן אָנגעווענדעט דראַסטישע מיטלען ווען די עלטערן פארלירן שוין דאָס געדולד. און ווען אַ מענטש גייט אַרויס פון די כלים און פארלירט דאָס גייסטיקע גלייכגעוויכט, איז

ער נישט פאראנטוואָרטלעך פאר זיינע מעשים און טוט אָפּ זאכן, אַף וועלכע ער אַליין האָט שפּעטער חרטה.

אין די באַציאונגען מיט די קינדער דאַרף מען באַזונדערס זיך באַמיען נישט אויפצורעגן. ווייל מיט כעס קען מען אַ קינד בלויז אָפּשרעקן, אָבער בשום אופן נישט איבערצייגן און נאָך ווייניקער דערציען.

דאָס בעטן זיך בא די קינדער, אָדער זיי אונטערקויפן מיט צוזאָגן זיינען מיטלען אוודאי ניט קיין פּאַסיקע. אָבער דער מעטאָד פון אָנשרעקן איז באַזונדערס אַ שעדלעכער און אַף דעם וועלן מיר זיך באַציען אין דעם שמועס.

מיר באַצייכענען עס ווי א „מעטאָד”, ווייל אייניקע עלטערן שרעקן זייערע קינדער נישט נאָר אין די בייזע מינוטן פון כעס, נאָר דווקא אין גוטן מוט, ווי אַ מיטל וואָס דאַרף פאַרהיטן די קינדער פון אַלע אומגליקן און ווי א בייטש, וואָס דאַרף זיי האַלטן אין שטענדיקער מורא און געהאָרכזאַמקייט.

אין אַרגענטינע איז נאָך צו דעם פאַראַן אַ מין נאַציאָנאַלע סטראַשידלע פאַר די קינדער, דער שרעקלעכער קינדער־פרעסער סעניאָר „קוקאָ”. די אַלטע אידישע מאַמעס פלעגן שרעקן מיטן „ציגיינער מיט דער טאָרבע”, די היגע מאָדערנערע און אַרגענטינזירטע מאַמעס באַנוצן זיך מיט דער וואונדערבאַרער ווירקונג פונעם „קוקאָ”.

וויל מען נישט, אַז דאָס פּיצל קינד זאָל גיין אין קיך, זאָגט מען אים אָן די בשורה, אַז דאָרטן זיצט אַ „קוקאָ”. און אַז אַ קליגע מאַמע וויל פאַרהיטן דאָס פאַרמעגן פון דער שפּייז־שאַפקע, אַז עס זאָל דאָרט עפּעס נישט געמינערט ווערן, זאָגט זי אָן איר קליינעם נאַשער, אַז דאָרטן איז פארשלאָסן דער שרעקלעכער „קוקאָ”.

דאָס קינד הייבט אָן זען דעם „קוקא” אין אַלע פינצטערע וויגקעלעך און זיין אָנגעשראָקענע פאַנטאַזיע מאָלט אים אוים די שרעקלעכסטע בילדער, וואָס באַרויבן זיין פרייד און פארשטערן זיין שלאָף.

אין די פּאָליציייאישע נייעס, וואָס ווערט טעגלעך פאַרעפנטלעכט אין דער בוענאָס-איירעסער פּרעסע, איז איינמאָל געווען אַ קורצע ידיעה וועגן אַ זיבניאָריק קינד, וואָס האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט און ווען אַ פּאָליציאַנט איז צו אים צוגעגאַנגען, איז עס פאַר שרעק אַראָפּ פון זינען. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט מען אין שטוב שטענדיק געשראָקן דאָס קינד מיטן פּאָליציאַנט, אַז אַ „פּאָליציאַנט" וועט קומען און אים צונעמען.

ווער ווייסט וואָסערע שרעקלעכע בילדער די קינדערישע פאַנטאַזיע האָט פאַרבונדן מיטן שרעקונגס-וואָרט „פּאָליציאַנט"? און ווען דאָס קינד האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט און אַ פּאָליציאַנט איז צו אים צוגעגאַנגען, אָבער נישט אַף „צונעמען", נאָר אַף אָוועקפירן אַהיים, האָט דאָס אומגליקלעכע נפשל פאַר דערשרעק געליטן אַ שווערע גייסטיקע דערשיטערונג.

דער אומגליקלעכער פאַל מיטן קינד איז, נאַטירלעך, אַ זעלטענער אויסנאָם. זייער ווייניק דערגייט עס צו אַזעלכע עקסטרעמען, אָבער אַ פאַקט איז, אַז דאָס טעראָריזירן די פאָרשטעלונגס-קראַפט פון די קינדער מיט שרעקונגס-בילדער איז ניט נאָר שעדלעך, נאָר אויך געפערלעך.

עס איז פּשוט אַ פאַרברעכן צו באַפעלקערן דאָס קינדערשע וועלטל מיט קוקאָס, טייוואָלים און מכשפים, און פאַרשטערן מיט די גרויל-בילדער די ליכטיקע פרייד פון די אומשולדיקע קינדער-יאָרן.

## קינדער דאַרפן אַרויסהעלפן
## אין דער שטוב-אַרבעט

נישט נאָר שפּילן זיך דאַרף אַ קינד, נאָר אויך אַרבעטן. פון דער פריסטער יוגנט אָן דאַרף מען שוין צוגעוואוינען דאָס קינד צו באַדינען זיך אַליין און אויך אַרויסהעלפן די עלטערן אין דער אַרבעט.

די מוטער איז פאַרן קינד נישט קיין דינסט און דאַרף עס נישט באַדינען. און עס פאַלט נישט צו שווער פאַר די קינדער ווען זיי העלפן גרייטן צום טיש, אַרומווישן דאָס מעבל און טון אַנדערע קלענערע און גרעסערע אַרבעטן אין קיך, אין הויף און אין שטוב.

די דאָזיקע אַרבעט האָט אַ גרויסע דערציערישע באַדייטונג אינעם זין פון אויסבילדן דעם כאַראַקטער פון קינד, און אַנטוויקלען אין אים שיינע מאַנירן און הומאַניטאַרע געפילן.

אַ קינד וועלכן מען טראָגט אַלץ אונטער, וועלכן מען באַדינט אָן אויפהער, וועלכן מען גיט אַלע רעכטן אָן פליכטן, — אַזאַ קינד פאַרוואַנדלט זיך אין אַ טיראַן פון דער פאַמיליע, דער עגאָיזם פון וועלכן עס וואַקסט צוזאַמען מיט די יאָרן.

אַ קינד אין פאַרשול-עלטער מוז שוין האָבן באַשטימטע אַרבעטן אין שטוב און עס דאַרף וויסן, אַז זיין חוב איז נישט בלויז צו נעמען, נאָר אויך געבן און נישט בלויז פאַרלאַנגען באַם צווייטן נאָר אויך פאָדערן פון זיך.

דערלאנגען דעם טאטן א גלאז וואסער, לאמיר זאגן, אדער העלפן דער מאמען אויסווישן די טעלער, זיינען „קלייניקייטן", אבער די דאזיקע קיילניקייטן שפילן א גרויסע ראלע אין דער דערציאונג פון קינדס כאראקטער.

דורך אזעלכע האנדלונגען ווייזט דאס קינד ארויס זיין ליבע, אויפמערקזאמקייט און דרך־ארץ צו די עלטערן. אויסערדעם אנט־וויקלט זיך באם קינד א באוואוסטזיין פון מיטגעפיל און פארשטענ־דעניש פאר יענעמס מי און ארבעט.

א קינד, וואס העלפט אליין ריין־מאכן די שטוב, וועט נישט אנ־שמוצן, און עס באקומט א באגריף און א געוואוינהייט פאר ריינ־לעכקייט און ארדענונג.

**מען טאר אבער נישט די קינדער באלאסטן מיט קיין ארבעט, און אויב די מאמע דארף נישט זיין קיין דינסט פאר אירע קינ־דער, דארפן נאך ווייניקער די קינדער זיך פארוואנדלען אין באַ־דינער פון זייערע עלטערן.**

קינדער, וואס ווערן צו־פרי באלאסטעט מיט שטוביקע זאר־גן פארלירן זייער קינדערישן חן, און דער פריצייטיקער אומעט באגלייט זיי נאכדעם ווי א שווארצער שאטן זייער גאנץ לעבן.

נישט די ארבעט פון קינד דארפן אויסן־זיין די עלטערן, נאר דעם קינדס אייגענע נוצן. נישט דער אויפטו איז אין דעם פאל וויכ־טיק, נאר זיין דערציערישע ווירקונג. ארבעטנדיק אנטוויקלט דאס קינד זיין ווילן, זיין זכרון, אלע זיינע גייסטיקע און פיזישע קרעפטן. און ארבעטן דארף מען דאס קינד לערנען נישט מיט קיין געשרייען, נישט מיט קיין קלעפ און נישט מיט קיין מוסר־דרשות.

מיט גוטן קען מען פיל מער אויפטון ווי מיט בייזן. א גוט וואָרט ווירקט שטארקער ווי א קאנטשיק און מיט א שמייכל קען מען מער אויפטון ווי מיט א שטעקן.

מען דארף סטימולירן דעם קינד אין זיין ארבעט, אים צוגעבן חשק; זיך נישט צעגיסן אין לויב־געזאנגען, אבער נישט איגנא־רירן און אנערקענען זיין יעדן אויפטו.

## לייכטזיניקע צייט-פאַרשווענדער

עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס שטענדיק איילן זיי זיך און דאָך פאַרשפּעטיקן זיי, און ליגן שטענדיק ווי אונטער אַ באַרג פון נישט-אָפּגעטוענע אַרבעטן און פון נישט-דערפילטע פליכטן.

צווישן אַנגעשטעלטע, אַרבעטער, הויז-באַלעבאָסטעס, ווי בכלל צווישן מענטשן, וואָס לעבן „אַפן זייגער" און וואָס זיינען באַלאַסטעט מיט פאַרשיידענע אַרבעטן און פליכטן, קען מען אָפט טרעפן אַזעלכע טיפּן, וואָס „יאָגן פון זיך שטענדיק די פּאַרע" און זיינען קיינמאָל נישט פאַרטיק.

עס קענען זיין פאַלן ווען איינער איז באַלאָדן מיט צו פיל אַרבעט, און ס'איז אים פיזיש אוממעגלעך אַלץ צו דערליידיקן אין צייט. ווידער זיינען דאָ מענטשן, וואָס זיינען געשטראָפט פון גאָט מיט ליימענע פינגער, אַלץ „פאַלט באַ זיי מיט דער פוטער אַראָפּ". זיי רירן זיך לאַנגזאַם, טוען פּאַמעלעך, און יעדער קליי-ניקייט קומט זיי אָן קריעת-ים-סוף, ווי שפּאַלטן דעם ים.

אשת חיל מי ימצא? — אַ ווייב אַ בריה האָט מען נאָך געזוכט

אין די ביבלישע צייטן און נישט געפונען ביז היינט. און מענער בריות וואלגערן זיך אויך נישט אין די גאסן. ארבעטן שנעל און גוט איז נישט לייכט, און קוואליטעט פאדערט אנ־שטרענגונג און צייט.

טאנדעם ווערט געמאכט כאפ־לאפ און יעדער פראפעסיע האט אירע טאנדעטניקעס. דער ציל דארף דעריבער זיין נישט נאר דער טעמפא און כמות פון דער ארבעט, נאר אויך — און דער עיקר — דער איכות, די קוואליטעט, וואס איז אין דער דערציאונג א פאקטאר פון ערשטראנגיקער באדייטונג.

קינדער דארף מען לערנען צו ארבעטן נישט נאר שנעל, נאר אויך שיין, ריין און גוט. **די יאגעניש נאך שנעלקייט קען נישט שאפן קיין באציאונג צו דער ארבעט,** און נאר דאס שטרעבן צו פער־פעקטקייט, צו שלימות, קען ארויסרופן א געפיל פון אינטערעס און ליבע צו דער פראפעסיאנעלער און שעפערישער טעטיקייט.

אבער אמשווערסטן איז אויסצובילדן א געוואוינהייט צו סיס־טעמאטישער און פלאנמעסיקער ארבעט, וואס פאדערט א באשטימטע גייסטיקע דיסציפלין איבער זיך און איבער דער אייגענער צייט.

צערייבן די צייט איז זייער לייכט, לעבן מיט אויסרעכענונג, איז א סך שווערער. און די „אויסרעכענונג" דארף זיין נישט נאר אין געלט, נאר אויך אין די שעהן און מינוטן פון טאג, וועל־כע קענען בא די אומאויסגערעכנטע צייט־פארשווענדער פאר־לוירן־גיין אן נוצן און אן פארגעניגן.

קינדער דארף מען לערנען צו ארבעטן מיט אויסרעכענונג, עקאנאמיש, אזוי אז די קלענסטע אנשטרענגונג זאל געבן די גרעסטע רעזולטאטן. און לערנען דארף מען די דאזיקע וויכטיקע לעבנס־קונסט אין שטוב, בא דער טאג־טעגלעכער קליינלעכער ארבעט, וואס נעמט צו א סך צייט און אמאל אויך א סך געזונט בא יעדן מענטשן.

אפילו באם גרייטן צום טיש קען מען אין דעם זין א קינד

זייער פיל לערנען. זאָל עס נישט טראָגן יעדן לעפל און גאָפּל באַזונדער, און נישט אָנמאַכן זיך קיין אומזיסטע גענג און אומזיכטע אַרבעטן. אויסגערעכנט דאַרף מען זיין אין יעדער „קלייניקייט, ווייל די „קלייניקייטן" פילן אויס א גרויסן טייל פון אונזער לעבן.

דער גרויסער אידישער דיכטער פּרץ מאַרקיש, האָט אַמאָל געהייסן „פאַרקלעפּן אַלע ציפערבלאַטן"; אָבער ווי גוט דאָס וואָלט נישט געווען, מוזן מיר דאָך — און איבערהויפּט אין שטאַטישן לעבן — „אפן זייגער" און קוקן אפן ציפערבלאַט.

אין קוקט מען, זאָל מען קוקן מיט נישט קיין בלינדע אויגן, און ווען איינער דאַרף אַרויסגיין אכט אַזייגער, זאָל ער זיך נישט פאַרנעמען מיט קיין אַרבעטן, וואָס וועלן דויערן ביז ניין. דער מענטש, וואָס מוז זיך צופּאַסן צו אַ באַשטימטער צייט, מוז אויך קענען צופּאַסן זיינע מעשים און געדאַנקען צום ריטם פון דער צייט און נישט פאַרגעסן, אַז די צייט שטייט נישט.

די דאָזיקע פאַרגעסעניש צעשטערט דעם אינערלעכן פרידן און שאַפט אַ קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס האָבן נישט דעם „ציפערבלאַט" פאַר די אויגן, נאָר טראָגן אים ווי אַ האָרב אויף די פּלייצעס. זיי פילן דעם דרוק פון דער ארבעט און פּאַסן זיך נישט צו צו דער צייט. אָבער דער מענטש דאַרף זיין אויסגערעכנט נישט נאָר אין זיין אַרבעט, נאָר אויך אין זיין אָפּרו. ווייל דער וואָס קען נישט רוען קען אויך נישט אַרבעטן.

# אינגעלעך, וואָס האָבן מער ליב די מאַמע
# און מיידעלעך — דעם טאַטן

ס׳איז נאַטירלעך, אַז אינגלעך זאָלן זיין מער צוגעבונדן צום טאַטן, און מיידלעך — צו דער מאַמען. לויט איר נאַטור איז אַ מיידעלע מער גענייגט צו די באַשעפטיקונגען, צו דעם לעבנס־שטייגער און צו דער מיסיע, וועלכע עס דערפילט די מוטער און אינסטינקטיוו מאַכט זי איר נאָך אין אירע שפּילערייען. זי וואַשט, קאָכט, פּוצט זיך, נייט און שפּילט זיך מיט איר פּופּע ווי אַ „מאַמע".

דאַקעגן אינגלעך האָבן אַ נייגונג צו גאַנץ אַנדערע שפּילעריי־ען. זייערע מענערישע כאַראַקטער־שטריכן אַנטפּלעקן זיך שוין אין דער פּריסטער יוגנט און בעת אַ מיידעלע קען שעהן־לאַנג פאַרברענגען צערטלענדיק איר ליאַלקע, וועט אַ אינגל רייטן אַף אַ שטעקן, שפּילן אין פערדלעך, קלאַפּן טשוועקלעך, האַמערן, מייסטרעווען, בויען און קערן וועלטן.

די קליידונג און דאָס פּוצן זיך פאַרנעמען אַ גרויס אָרט אין

קינדס שפּילערייען און אין דעם איז די מאַמע דער ערשטער מיסטער פאַרן מיידעלע, איר אַרויסהעלפערקע און חברטע. דאָס אינגעלע איז אָבער מער חבר מיטן טאַטן, פון אים קאָפּירט ער אַלע זיטן און געננ, מיט אים שפּילט ער זיך גערן און ווערט מיט אים אַ גוטער ברודער. צו דער מאַמעס באַשעפטיקונגען ווייזט דאָס אינגל אַרויס אַ גאַנץ קנאַפּן אינטערעס, דאַקעגן אָבער אינ־טערעסירט ער זיך שטאַרק מיט אַלץ וואָס עס טוט דער טאַטע.

אין לעבן טרעפן מיר אָבער אָפט מיידעלעך, וועלכע זיינען „פאַר־ליבט״ אין טאַטן און אינגלעך וועלכע זיינען שטאַרק צוגעבונדן צו דער מאַמען.

מיר זעען נישט אין דעם קיין שום אומנאַטירלעכע נייגינגען פון געשלעכטלעכן כאַראַקטער, ווי אייניקע זיינען גענויגט צו טראַכטן און ווי עס האָט אויך געלערנט פרויד, וועלכער האָט אַזאַ דערשיינונג באַצייכנט ווי אַן עדיפּ־קאָמפּלעקס, לויטן נאָ־מען פון לעגענדאַרישן קעניג עדיפּ, וואָס האָט חתונה־געהאַט מיט זיין אייגענער מוטער. דער באַרימטער פּסיכאָלאָג פּראָפ־עסאָר ד״ר שניאורסאָן, זאָגט, אַז די סיבות פון אַזאַ אָפּנייג אין די סימפּאַטיעס פון די קינדער דאַרף מען זוכן אין זייערע לעבנס־באַדינגונגען, אין דער סביבה און אין דער באַציאונג צו די קינ־דער מצד די עלטערן.

און פאַקטן פון טאָג־טעגלעכן לעבן באַשטעטיקן די דאָזיקע טעאָריע. דאָרט וואו אַ קינד ווערט דערצויגן אין אַ סביבה פון קינדער, וואו עס פילט נישט קיין מאַנגל אין שפּיל און פאַרווייי־לונג, וואו עס לאַנגווייליקט זיך נישט אין דער געזעלשאַפט פון דערוואַקסענע און וואו איינער פון די עלטערן טרייבט נישט אי־בער אין זיינע צערטלעכקייט־אויסדרוקן — דאָרט גייען די סימ־פּאַטיעס פון די קינדער אין אַ נאַטירלעכער ריכטונג: מיידעלעך זיינען מער צוגעבונדן צו דער מאַמען און אינגעלעך זיינען מער „חבר״ מיטן טאַטן.

אָפּנויגן אין דער דאָזיקער נאַטירלעכער איינשטעלונג טרעפן מיר דאָס רוב באַ איינאיינציקע קינדער, וועלכע קענען זיך ניט שפּילן פריי מיט אַנדערע קינדער און וואָס ליידן דעריבער פון אוי־

מעט און לאנגוויל. אזעלכע קינדער בינדן זיך מער צו צו דעם פון די עלטערן, וואס ברענגט אריין מיט זיין אנוועזנהייט מער שפיל, מער פארוויילונג, מער פרייד פארן קינד און מער יום-טוב אין שטוב.

בא דעם איינאיינציקן טעכטערל, וואס פארברענגט דעם גאנ-צן טאג מיט דער פארנומענער און פארזארגטער מאמען, איז דער טאטע א ליבער גאסט און א גאנצער יום-טוב. די מאמע דערעסט פארן טאג, דא שטייט זי מיטן לעפל איבערן מויל, דארט לאזט זי נישט גיין, דאס לאזט זי נישט טון, יענס וויל זי נישט געבן, — זי איז פארן קינד אפט א שטערונג אין שפיל און א סימבאל פון פיל אומאנגענעמע פליכטן, וועלכע דאס קינד מוז אין פארלויף פון טאג דערפילן.

מיט בענקשאפט טראכט דעריבער דאס מיידעלע וועגן טאטן, וואס וועט קומען אין אוונט און זיך שפילן מיטן קינד, און א מעשהלע דערציילן, און נאך אפשר ברענגען שפילעכלעך אויך. און אז דער פאטער קומט ווערט פריילעך אין שטוב, די גאנצע פא-מיליע זעצט זיך באם טיש, דער טאטע דערציילט עפעס פון גאס און מעג דאס קינד נישט פארשטיין, קלינגט עס אים אויסטערליש-שיין, אינטערעסאנט און ניי נאך א גאנצן טאג פון לאנגווילן זיך מיט דער מאמען.

און ווען דער פאטער שפילט זיך נאך מיטן קינד, דערציילט א מעשהלע אדער נעמט עם ארויס אף א שפאציר, איז דאס מיידע-לע איבערגליקלעך. עס וועט בענקען נאכן טאטן מער ווי נאך דער מאמען.

אבער דאס איז א בענקשאפט נאך שפיל און נישט עפעס אנ-דערש. דאס מיידעלע איז גליקלעך מיטן פאטערס אנוועזנהייט, עס צאפלט פון פרייד בא זיין אנקומען און עס טרוימט וועגן אים. דאס קינד האט מער ליב דעם טאטן ווי די מאמען, זאגן מענטשן, — אבער דאס איז א ליבע צו פרייד, א נאטירלעכער דראנג צו שפיל, וואס האט אין זיך נישט קיין שום פאטאלאגישע עדיפ-עלעמענטן, נאר בלויז א נארמאלע באדערפעניש זיך צו פרייען און שפילן.

ווען די דאָזיקע באַדערפעניש וועט אָבער באַפרידיקט ווערן אַף אַ נאַטירלעכן אופן, ווען דאָס מיידעלע וועט פריי זיך אויסלעבן אין שפּילערייען מיט אַנדערע קינדער און נישט פילן אַזוי דעם הונגער אין שפּיל, וועט עס פאַרלירן דעם איבערפלוס פון ליבע צום פאָטער און וועט צו אים האָבן די זעלבע געפילן ווי צו דער מוטער.

דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן וועגן יעדן ציטערדיקן בן-יחידל. און ווען אין אַזאַ פאַל וועט דער פאָטער זיין שטרענג, טרוקן און קאַרג אַף אַ גוט וואָרט צום קינד און די מוטער וועט אים נישט נאָר באַדינען, נאָר אויך זיך שפּילן מיט אים, וועט דאָס אינגעלע זיין מער צוגעבונדן צו דער מאַמען ווי צום טאַטן.

אינגעלעך, וואָס זיינען „פאַרליבט“ אין דער מאַמען און מיידעלעך — אין טאַטן, זיינען קינדערלעך נ אָ ר מ אַ ל ע, וועלכע ווערן אָבער דערצויגן אין אומנאָרמאַלע באַדינגונגען, וואָס קענען פאַרורזאַכן גאַנץ אומאַנגענעמע קאָנסעקווענצן אין דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון די קינדער.

קינדער דאַרפן וואָס מער זיין אין געזעלשאַפט פון קינדער, און ווען זיי וועלן פריי און נאַטירלעך זיך אויסלעבן אין זייערע בוזאַמענדיקע שפּילערייען, וועלן אויך אַף אַ נאַטירלעכן און נאָרמאַלן אופן קומען צום אויסדרוק זייערע געפילן צו די עלטערן.

# אַראָפּ מיט די פּערענעס!

קיין שום פאָלק פעלצט נישט אזוי די קינדער ווי מיר אידן, און אף קיין שום נים-אידיש קינד טשעפעט מען נישט אָן אזוי פיל שמאַטעס ווי אף אונזערע אידישע קינדער, וועלכע שלעפּן אף זייערע יונגע פלייצעס נים אזוי דעם יאָך פון אידישקייט, ווי דעם יאָך פון הלבשה.

דער פחד פאר א „פאַרקילונג” איז בא אונז מוראדיק גרויס, און ווייל יעדע קראַנקייט ווערט צוגעשריבן דער „פאַרקילונג” קעמפט מען קעגן דער אָנשיקעניש מיט בערג קליידער, מיט וואַ־רעמע קאָלדרעס, מיט גראָבע פּערענעס און — דאָס ערגסטע — מיט פאַרמאַכטע טיר-און-פענצטער.

די אידישע פּערענע, די אויבערדעק פון פעדערן, וואָס איז נישט איבעריק היגיעניש און געזונט אפילו אין די קאַלטע לענדער, איז אוודאי נישט נוצלעך, און אפילו שעדלעך, אין אזא קלימאַט ווי אונזערער.

די פערענע האט געקריצט דעם ים צוזאמען מיט די אידישע עמיגראנטן און אויב דעם סאמאוואר האט מען איבערגעלאזן אין דער אלטער היים, האט מען אבער די פערענע מיטגענומען, און אין א סך אידישע פאמיליעס וויקלט מען נאך אין דעם די קינדער.

און א קינד דארף מען צודעקן ווארעם, אבער אזוי אז עס זאל אונטערן צודעק ניט שוויצן. די פיזיאלאגישע ווירקונג פון דעם איז א טעמע פאר מעדיקער, דעם דערציער אינטערעסירן אין דעם פאל מער די פסיכישע איינפלוסן. און וועגן דעם קענען מיר זאגן, אז **א הייסער און שווייסיקער צודעק רייצט אומאנגענעם דאס בלוט און צעהיצט די יונגע פאנטאזיע, וואס פלאמט זיך לייכט אויף און מאלט אין דער פארשטעלונג אומגעזונטע בילדער...**

אין די אריסטאקראטישע שול-אינטערנאטן פון ענגלאנד שלאפן די קינדער אף שטרויזעק און דעקן זיך צו מיט לייכטע וואלענע קאלדרעס, וואס זיינען גענוג אף צו באשיצן דעם קערפער פון קעלט, אבער צו לייכט און דין אף צו שאפן שוויים און היץ.

קינדער דארפן ניט שלאפן אפן בויך און אויך אומגעזונט איז צו שלאפן אפן פלייצע. שלאפן דארף מען אפן זייט, ווי ווייט מעגלעך אויסגעצויגן, און שטענדיק מיט די הענט אף דער קאלדרע...

אין אזא פאזע איז דעם קינד פיל לייכטער אויפצושטיין, זיין קערפער ווערט נישט פארוויכט און פויל פון דער פערענע-היץ, און עס ווילט זיך אים נישט איבעריק צו ליגן אין בעט און שלאפן.

די עלטערן, וואס פארזעען נישט אזעלכע „קלייניקייטן" פארהיטן זייערע קינדער פון א סך שלעכטע און געפערלעכע געוואוינהייטן.

צווייטער טייל :

# דאָס קינד אין שול


קינדער אין פאַרשול־עלטער

דאַרפֿן געשיקט ווערן אין קינדער־גאָרטן ........ 47

אין וועלכער טורנע זאָל מען

פאַרשרייבן דאָס קינד? ........................ 51

צוויי שפּראַכן ........................................ 54

שיקט די קינדער אין אַ אידישער שול ............ 57

לאָמיר נישט פאַרלייקענען אונזער

נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם ........................ 59

אַ וואָרט צו די מאַמעס ........................ 63

ווען דאָס קינד לערנט זיך שלעכט ............ 67

פאַרוואָס האָבן אייניקע קינדער ניט

קיין חשק צום לערנען ........................ 71

וועלכע קינדער לערנען זיך שלעכט ............ 73

חוזקט ניט פון קיין קינדער ........................ 76

די היים דאַרף שטיין אין פאַרבינדונג מיט דער שול .... 79

לערנט די קינדער זעלבסטשטענדיק צו לייענען ........ 81

דער בעכטער לערער איז דאָס בוך ............ 83

לייענט פאָר פאַר אייע'ע קינדער ............ 85

לייג נישט אָפּ אויף מאָרגן דאָס, וואָס

דו קענסט מאַכן היינט ........................ 88

פריער דאַרף מען מאַכן די לעקציעס און

נאָכדעם — זיך שפּילן ........................ 90

עקזאַמענעס ........................................ 92

נאָכן שול־יאָר ........................................ 94

# קינדער אין פאַרשול-עלטער
# דאַרפן געשיקט ווערן
# אין קינדער-גאַרטן

ס'איז אַן אַלגעמיין-באַוואוסטער כלל, אַז ווען אַ יונג קינד וועלכעס האַלט נאָך אין וואַקסן, פאַרנעמט זיך מיט שווערער פיזישער אַרבעט, ווירקט עס זייער אומגינסטיק אַף זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. די ענערגיע, וועלכע דאָס קינד דאַרף אַף וואַקסן ווערט פאַרווענדעט אַף דער אַרבעט; די קראַפט, וואָס זאַמלט זיך אָן אין יונגן קערפּער און וואָס דאַרף געבן קאַלך פאַר די ביינער און פלייש אפן לייב, ווערט פאַרנוצט אַף די באַוועגונגען און אָנשטרענגונגען, וועלכע דאָס קינד מאַכט דורך באַ דער אַרבעט.

די קינדער, וואָס אַרבעטן איבער די כוחות בלייבן דעריבער פיזיש אומאַנטוויקלט, עס שטעלט זיך אָפּ זייער וואוקס, די אַרבעט פרעסט אויף די לעבנס-ענערגיע, וואָס סטימולירט זייער פיזישע און גייסטיקע אַנטוויקלונג.

דאָס איז גערעדט געוואָרן וועגן פיזיש־שווערער אַרבעט אין פאַרמאַכטע לאָקאַלן און פאַבריקן, וואו א לאַנגדויערנדיקער אַר־בעטס־טאָג — וואָס שאַדט ניט די דערוואַקסענע אַרבעטער — פאַר־קריפּלט אָבער די מינדעריעריקע און שטעלט אָפּ זייער נאָר־מאַלן וואוקס.

אין די ציוויליזירטע לענדער איז דעריבער די אַרבעט פון מינדעריעריקע שטרענג פאַרבאָטן. אויך אין אונזער לאַנד איז אָנגע־גומען דאָס דאָזיקע געזעץ, און די אַרבעט פון מינדעריעריקע איז רע־גלאַמענטירט און באַגרענעצט.

אָבער דאָס הייסט נישט, אז יעדער פיזישע אַרבעט איז נישט צוטריטלעך פאר די קינדער. פאַרקערט, אַ קינד וואָס טוט גאָר־נישט, וואָס באַוועגט זיך ווייניק, ווערט נאָר באַוואַקסן מיט שמאַלץ, אָבער נישט מיט קיין קראַפט. אַ יונגער קערפּער דאַרף האָבן באַוועגונג און אַרבעט, כדי אַלע זיינע אָרגאַנען זאָלן זיך אַנטוויקלען נאָרמאַל און כדי עס זאָל פאַרקומען אַ נאָרמאַלער און אינטענסיווער שטאָפן־אויסטויש אינעם יונגן קערפּער.

שעדלעך איז נאָר די פיזישע אַרבעט איבער די כוחות פונעם יונגן אָרגאַניזם, וואָס פאַרמאָגט נאָך נישט דעם אויסדויער פון אַ פאַרהאַרטעוועטן און אויסגעפּרואווטן קערפּער פון א דער־וואַקסענעם.

און פונקט ווי עס איז שעדלעך איבערצומידן א יונג קינד מיט פיזישער אַרבעט, אַזוי איז אויך געפערלעך פריצייטיק צו באַלאַסטן דאָס קינד מיט צו שווערער גייסטיקער אַרבעט. אויך די אָרגאַנען, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט גייסטיקער טעטיקייט דאַרפן בהדרגה־דיק צוגעוואוינט ווערן צו דערפילן זייערע פונקציעס, און דאַרפן נישט באַשווערט ווערן מיט אַן אַרבעט איבער זייערע כוחות.

וויסנשאַפטלעך איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז א קינד ביז זעקס יאָר דאַרף נאָך נישט לערנען, אַז זיין מוח'ל איז נאָך גענוג שוואַך אַף צו באַנעמען דעם לימוד. דאָך זיינען דאָ עלטערן אומ־געדולדיקע, וועלכע וואָלטן געוואָלט וואָס גיכער אריינשטופן אין זייערע פיר־און־פינעפיעריקע קינדער די תורה, און אַף געוואָלט

זיי אויסלערנען שרייבן און לייענען. אַזעלכע עלטערן זיינען שטאָלץ ווען זייערע קינדער הייבן אָן לערנען פאַר די זעקס יאָר, און זיי זיינען גליקלעך ווען זיי גיט זיך איין פאַר דער צייט אַוועקצוזעצן זייערע מינדעריעריקע קינדער אַף דער שול־באַנק.

די קינדער האָבן פון אַזאַ לערנען אַ גאַנץ קנאַפּע פּעולה. פּריציִיטיק כאַפּט מען קיין ווייסן נישט אַריין. אַ קינד ביז די זעקס יאָר דאַרף באַזוכן אַ קינדערגאָרטן; לערנען אין דעם עלטער איז נישט נאָר איבעריק, נאָר אפילו שעדלעך.

אַ נאָרמאַל קינד, נאָך די זעקס יאָר לערנט זיך אויס לייענען און שרייבן אין געציילטע חדשים. דאַקעגן אין פאַרשול־עלטער, קומט אָן דעם קינד דער לימוד זייער שווער, אַזוי פיזיש ווי אויך גייסטיק. עס איז אָן אַרבעט איבער זיינע כוחות, און מען טאָר אין דעם עלטער דעם קינדער־גאָרטן נישט פאַרבייטן אַף קיין שול און דאָס קינדער־שפּיל אַף שווערן און ערנסטן לימוד.

אָבער פון דעם אויבנגעזאָגטן דאַרף מען נישט מאַכן דעם פאַלשן אויספיר, אַז קינדער אין פאַרשול־עלטער דאַרף מען נישט לערנען. אדרבא, לערנען יאָ, אָבער נישט מיט דער סיסטעם, מיט די מעטאָדן און מיט דער פּראָגראַם, וועלכע מען ווענדעט אָן אין שול פאַר די קינדער אין שול־עלטער.

קינדער אין פאַרשול־עלטער פאָדערן אַ גאַנץ באַזונדערן צוגאַנג. זיי דאַרף מען לערנען שפּילנדיק און דורך שפּיל אַריינפירן זיי אין דער וועלט פון פלאַנמעסיקער און ציל־באַוואוסטער אַרבעט. אויך דער קינדער־גאָרטן פירט אַף זיין אופן און מיט זיינע מיטלען דאָס קינד צו דער שול.

אָבער דער וויכטיקסטער דערציאונגס־פאַקטאָר אינעם פאַרשול־עלטער איז נישט דער קינדער־גאָרטן — מיר פאַרמאָגן זייער ווייניק דערציאונגס־אַנשטאַלטן פון דעם מין — נאָר די שטוב, די היים, וואו דאָס קינד איז ביז זעקס יאָר אינגאַנצן אָנגעוויזן אַף דער דערציאונג פון די עלטערן, וואו עס באַקומט זיין ערשטע לעבנס־דערפאַרונג און וואו עס הייבט זיך אָן פאָרמירן זיין אינטעלעקט, זיין כאַראַקטער, זיינע נייגונגען און זיינע געוואוינהייטן.

אויך אין שטוב דאַרף מען דאָס קינד לערנען, אָבער נימ שרייבן און לייענען, און אויב עס כאַפּט זיך צו אַ בלייפעדער זאָל עס בעסער מאַכן „מענטשעלעך", אָבער ניט קיין אותיות. קינדער האָבן ליב מעשהלעך, דאַרף מען זיי דערציילן און לייענען מעשה־לעך, און זינגען לידעלעך. א מעשהלע קען אַ קינד הערן א סך מאָל ביז עס הייבט אָן עס איבערדערציילן, פריער טיילוויז און נאָכדעם אינגאַנצן. דאָס אַנטוויקלט די פאַנטאַזיע פון קינד און שטאַרקט זיין זכרון.

אויך אין פאַרשול־עלטער, און אונטער דער אויפזיכט פון דער מוטער, דאַרף זיך דאָס קינד צוגעוואוינען צו ריינקייט און אָרדענונג; עס דאַרף אויסלערנען זיך אליין צו באַדינען און טון אייני־קע לייכטערע שטוב־אַרבעטן.

דאָס איז די פּראָגראַם פון „לימודים", וועלכע אַ קינד דאַרף דורכמאַכן אין פאַרשול־עלטער און וועט דאָס קינד מיט אַזאַ „גיים־טיקן באַגאַזש" אָנקומען צו די זעקס יאָר אין שול, וועט עס גיך באַהערשן די חכמה פון לייענען און שרייבן, און די אַלע אַנדערע ווינשאַפטן, וועלכע די עלטערן האָבן געוואָלט אַריינכאַפּן פאַר דער צייט.

## אין וועלכער טורנע זאָל מען פֿאַרשרייבן דאָס קינד?

עס הייבט זיך אָן אַ נײַ שול־יאָר אין די שולן, און בײַ אַ סך עלטערן שטעלט זיך די פֿראַגע: אין וועלכער טורנע צו פֿאַרשרײַבן דאָס קינד — אין דער טורנע פֿון אין דער פֿרי אָדער נאָכמיטאָג?

און ווי עס שײַנט, האָט די פֿרימאָרגן־טורנע גאַנץ ווייניק סימפּאַטיעס בײַ די עלטערן. די קלאַסן נאָך האַלבן טאָג זײַנען שטענדיק איבערגעפּולט; דאַקעגן אַף צו שיקן די קינדער אין דער ערשטער טורנע זײַנען דאָ גאַנץ ווייניק בעלנים, סיידן עס פֿעלן אויס פּלעצער אין די קלאַסן פֿון דער צווייטער.

און מאָטיוון קעגן דער פֿרימאָרגן־טורנע זײַנען דאָ איבער־גענוג. באַזונדערס האָבן געוואָרפֿן אַף איר אָן אומחן די מאַמעס.

—עס איז אַ רחמנות צו וועקן דאָס קינד אַזוי פֿרי,— טענהט די מאַמע.

—איך האָב נישט קיין האַרץ עס אויפֿצורײַסן פֿון שלאָף,— גיט צו די מומע.

—פֿאַרטאָג נעמט דורך די קעלט, — זאָגט די באָבע. — נאָך

האַלבן טאָג גייט אַרום די זון, ווערט וואַרעמער, טריקענער...

דעם טאַטן בלייבט שוין נישט מער ווי צושטימען. — אוודאי, זאָגט ער פילאָזאָפיש, נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת. — אין די היגע ווינטער־פרימאָרגנס איז אַ רחמנות אַ הונט אפן גאַס אַרויסצו־טרייבן, נישט נאָר שיקן אַ קינד אין שול.

און נאָך אַזאַ מין פאַמיליע־באַראַטונג פון די דאָזיקע ווייכ־הארציקע און ליבע מענטשן בלייבט עס, אַז מען זאָל יאָסעלען אָדער דינעלען שיקן אין שול אריין באַטאָג, און בשום־אופן נישט אין דער פרי.

דער בעל־דבר אַליין, עס הייסט דאָס קינד, האָט בײַ דער באַראַטונג קיין וואָרט נישט געהאַט; אָבער ווען מען פרעגט אים שטימט עס מיט ביידע הענט פאַרן פאָרשלאַג פון די עלטערן און וואָלט צו די מאָטיוון פון דער מאַמען, פון דער מומען, פון דער באָבן און פון טאַטן, נאָך געקענט צוגעבן זײַנע אייגענע, איבער־צייגנדיקע אַרגומענטן.

ערשטנס, וואָלט עס געהאַט צו זאָגן, אַז אין אַ קאַלטן ווינטערדיקן פרימאָרגן איז אַ מחיה צו ליגן אין אַ וואַרעמען בעט און טרוימען מיט אָפענע אָדער מיט פאַרמאַכטע אויגן, אַז די מאַמע זאָל מיינען אַז יאָסעלע אָדער דינעלע שלאָפט נאָך, קיין בייז אויג.

צווייטנס, איז אין דער פרי זייער שווער אַרויסצוקריכן פון אונטער דער וואַרעמער קאָלדרע און פון אונטער דעם קישן, וואָס די גוטע מאַמע האָט צוגעלייגט אַף די פיסלעך, דאָס קינד זאָל זיך, חלילה, נישט פאַרקילן, אָדער נישט כאַפּן קיין צוג־ווינט.

דריטנס, איז דאָס ליגן אין בעט בכלל זייער אַן אנגענעמע באַשעפטיקונג; דאַקעגן איז דאָס ערגסטע צו שלאָפן „אפן זיי־גער", באַדאַרפן אויפשטיין צו דער מינוט און נישט קיין צייט־האָבן צו גענעצן און אַרומגיין מיט האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן דעם פרימאָרגן אין שטוב.

און פערטנס, קען די פוילקייט געפינען נאָך צענדליקער אַר־גומענטן, וואָס דערווייזן שוואַרץ אַף ווייס, אַז ליגן פאַרטאָג

אין בעט איז זייער אַ חשובע און אנגענעמע מלאכה, וועל־
כע אלע פיינע און אנשטענדיקע לייט מעגן זיך עס ווינטשן פאר
זייערע קינדער און קינדס־קינדער.

אָבער ווייל די פרימאָרגן־טורנע האָט אזוי פיל קעגנער,
וועלן מיר זי פרואוון אביסל רעאַבילטירן, כדי נישט צו פאר־
שטאַרקן די פאַלשע מורא פון די עלטערן און דער עיקר — כדי
נים צו סטימולירן די פוילקייט און אַפּגעלאַזנקייט פון די קינדער.

דאָס ליגן אין בעט — איז דאָס ערגסטע אומגליק פארן קינד.
אין בעט דאַרף דאָס קינד **שלאָפן אָבער נישט ליגן.** און ווען מען
האָט צייט אין דער פרי, ווען מען דאַרף זיך נישט איילן אין שול,
—ליגט מען. די מאַמע אליין טראַכט: זאָל עס ליגן, אין שטוב
איז קאַלט. און זי לייגט נאָך צו אַ פריי־געוואָרענע קאָלדרע
אַפן קינדס בעטל.

דאָס קינד איז זיך מחיה. אויסגעשלאָפן איז עס, און די וואַרעמ־
קייט צעהיצט דאָס בלוט און דעם מוח, ליגט עס און טרוימט און
טראָגט זיך נאָכדעם אַרום מיט די טרוימען און מיט דער פוילקייט
דעם גאַנצן טאָג, און אָפטמאָל אפילו דאָס גאַנצע לעבן.

די וואָס פאַרברענגען זייער קינדהייט אַף אזאַ מין אופן,
זעען אוים דערוואקסענערהייט ווי מיט אַ וואָרעם בעט אַפן רוקן.
דאָס בעט מיט דער מאַמעס קאָלדרע און קישנס ליגט באַ זיי ווי
אַ האָרב אַף די פלייצעס; אַזעלכע מענטשן וועלן זיך גיכער צו־
לייגן כאַפּן אַ דרימל ווי צולייגן אַ האַנט צו אַן אַרבעט...

**אַ פוילער ווערט מען נישט געבוירן, — דאָס רוב איז פוילקייט
אַ רעזולטאַט פון דערציאונג און די עלטערן, וואָס לאָזן אויסבייטן
די פרימאָרגן־שעהן — די שעהן פון אַרבעט און שול — אַף שעהן
פון פוילע טרוימען אין בעט, טוען אַ קנאַפּע טובה זייערע קינדער.**

# צוויי שפּראַכן

אונזערע קינדער האָבן צוויי שפּראַכן, אַנדערע באַטראַכטן עס פאַר אַן אומגליק. מיר זעען אָבער אין דעם קיין געפאַר נישט. פאַרקערט, פון פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט — און אין דעם פאַל אינטערעסירט אונז די דערציערישע זייט פון דעם ענין —דערגאַנצט איין שפּראַך די צווייטע, און וואָס שפּראַכלעך רייכער עס איז אַ מענטש, אַלץ לייכטער וועט ער אויפנעמען און אַסימילירן נאָך נייע שפּראַכן.

מיר זיינען איבערהויפּט אַ פיל־שפּראַכיק פאָלק, און אין דעם פאַל זיינען מיר, מער־ווייניקער, אין דער זעלבער לאַגע ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. איין שפּראַך דאַרף אָבער נים אַרויסשטויסן די צווייטע, נאָר זיך קעגנזייטיק דערגאַנצן, און פונקט ווי דאָס אידישע לעבן שליסט נישט אויס אונזערע אַלגע־מיינע בירגער־פליכטן, אַזוי דאַרף אויך איין שפּראַך נים אויס־שליסן די אַנדערע אין מויל פון אונזערע קינדער.

אין די העכערע, פאַרמעגלעכע שיכטן איז, ווי באַוואוסט, די פיל־שפּראַכיקייט אַ צייכן פון „גוטן טאָן", און עס איז אין מאָדע אָנצוהייבן לערנען די קינדער פראַנצויזיש אָדער ענגליש נאָך איידער זיי הייבן אָן רעכט צו ריידן אין זייער לאַנד־שפּראַך. בא אונז איז די פיל־שפּראַכיקייט נישט קיין ענין פון מאָדע, און אָפּגעזען פון נאַציאָנאַלן מאָמענט, איז עס פון דערציערישן שטאַנדפּונקט אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר, וואָס ווירקט גינסטיק אַף דער אַלגעמיינער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון אונזערע קינדער.

עס איז אָן איינגערעדטע זאַך, אַז איין שפּראַך פאַרדאַרבט די אויסשפּראַך פון דער צווייטער. אויב דאָס איז ריכטיק לגבי די עלטערע, איז עס אָבער אַבסאָלוט פאַלש אין שייכות צו די קינדער. אַ דערוואַקסענער נעמט שווער אויף אַ נייע שפּראַך און פאַרגעסט אָבער אויך שווער די אַלטע. נאָך שווערער איז איבערצונעמען און אַסימילירן אַ נייע אויסשפּראַך. קינדער פאַרמאָגן אַ אינגערן זכרון אין אַ פיל לייכטערע און שנעלערע צופּאַסונגס־פעאיקייט. אַ קינד פּאַסט זיך שנעל אַריין אין אַ נייער סביבה, און ווערט אויך גיך היימיש מיט אַ נייער שפּראַך און אויסשפּראַך.

קינדער הייבן שנעל אָן צו טראַכטן און ריידן אין צוויי, און אפילו אין מער שפּראַכן, און דאָס שטערט נישט, ווי מען מיינט, זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג, נאָר פאַרקערט — פאַרברייטערט זייערע פעאיקייטן און מעגלעכקייטן, און באַרייכערט זייער שפּראַכלעכע דערפאַרונג און אינטעליגענץ.

אָפט זאָגט אָן אַ לערער אַ אידישן קינד עס זאָל אינדערהיים נים ריידן קיין פרעמדע שפּראַך, „ווייל עס פאַרדאַרבט זיך די אויס־שפּראַך". מעגלעך, אַז דער לערער האָט דערביי די בעסטע כוונות, אָבער אין דער אידישער שטוב ווערט אַ פּאַניק און טאַטע־מאַמע, מיטן זיידן און דער באָבען, הייבן אָן ברעכן זיך די צונג און ריידן מיטן קינד די לאַנד־שפּראַך.

און אויב אין דער שפּראַך פון קינד פילט זיך ווירקלעך אַ פרעמדער אַקצענט, וועלן אַזעלכע טרייע עלטערן די לאַגע נאָר

פארערגערן. פארן קינד זיינען טאטע־מאמע די גרעסטע אויטאָ־ריטעטן, און עס וועט ניט ווילנדיק זיך אָנהייבן נעמען פאר א ביי־שפיל די מוסטערן פונעם ווארשעווער, בריסקער אדער כעלעמער שפאניש, וואָס עס וועט הערן פון דער מאמען אדער פון דעם טאטנס מויל.

די עלטערן דארפן מיטן קינד ריידן אידיש און מוסטערן פון אַ שיינעם און נאַטירלעכן שפאניש זאָל עס זיך אָפלערנען אין שול, אין גאַס און אין דער ליטעראַטור. פונקט ווי קינדער לערנען פארשיידענע קעגנשטאַנדן און וויסנשאַפטן, אַזוי קענען זיי און דארפן אויך לערנען פארשיידענע שפראכן, און צוגלייך מיט דער לאַנד־שפראך, די מוטער־שפראך—אידיש.

דאָס זיינען די צוויי שפראַכן אף וועלכע אונזערע קינדער אין דעם לאַנד דאַרפן זיך אויסלעבן, און זיי אויך שעצן און ליבן. ווי בירגער פון דעם לאַנד דאַרפן זיי ליבן זייער פאַטערלאַנד און ווי אידן אויך פאַרשטיין, שעצן און ליבן די גרויסע היסטאָרישע קולטור־ירושה פון זייערע עלטערן.

## שיקט די קינדער אין אַ אידישער שול

ווי באַוואוסט, נעמט אַרום די אידישע שול גאָר אַ קליינעם טייל אידישע קינדער. אַכציק פּראָצענט פון אונזער יוגנט באַקומט נישט קיין אידישע דערציאונג, טרעט ניט אריבער די שוועל פון א אידישער שול, און בלייבט טויב און בלינד פאר א אידיש וואָרט און פאר א אידיש בוך.

זיכער זיינען אין דעם ניט שולדיק די קינדער. זיי זיינען בלויז די קרבנות. די אמתע שולדיקע זיינען די עלטערן, און ס'איז אויך ניט פריי פון שולד די גאנצע אידישע געזעלשאפט און די אזוי־גערופענע געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס האָט באַוויזן צו שאַפן פארשיידענע סאָציאַלע, פילאַנטראָפּישע, פינאַנציעלע און קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס, אָבער מען האָט פאַרנאַכלעסיקט און געלייגט וויניק אויפמערקזאמקייט אף די אידישע שולן און אפן גאנצן אידישן שול־וועזן.

אונזער ישוב האַלט אוים צענדליקער און הונדערטער אינסטיטוציעס, דער גרעסטער טייל פון וועלכע זיינען איינגעאָרדנט לויט די לעצטע פאָדערונגען פון דער מאָדע און לויט די לעצטע דערגרייכונגען פון דער טעכניק. נאָר די שולן בלייבן פאריתומט, פאַרוואָרלאָזט, אַלטפרענקיש און פאַרלאָזן, ווי שטיפקינדער פון אונזער געזעלשאפטלעכקייט, וואָס איז אַזוי איניציאַטיווּפול. אונטערנעמעריש און ברייטהארציק אף אַלע געביטן, אָבער גאַנץ וויניק אפן געביט פון דער אידישער שול.

מעגלעך, אז די עקזיסטירנדיקע אידישע שולן באפרידיקן נישט אלע פאדערונגען, אבער ס׳איז א פאקט, אז עס הערשט א מוראדיקער מאנגל אין טוער און אין מיטלען בא אלע אידישע שולן, אזוי וועלטלעכע ווי רעליגיעזע.

די עלטערן, וואס האבן געדארפט זיין די ערשטע אין דער ארבעט פאר דער אידישער שול, זיינען אף דעם געביט דאס רוב דווקא די לעצטע. די שול-ארבעט פאלט אף געציילטע טוער, וואס טראגן אוים אף זייערע פלייצעס אונזער קליין און ארעם שול-וועזן און קאנען אליין פאר אים נים שאפן קיין גרעסערע מעגלעכקייטן און אויך נישט קיין ברייטערן פעדאגאגישן שוואונג.

אין די אייראפעאישע לענדער איז די אידישע שול געוועזן א נאטירלעכע און זעלבסטפארשטענדלעכע דערשיינונג. דארט האט מען פאר דער שול קיין גרויסע פראפאגאנדע נים געדארפט פירן; זי איז דארט געוועזן אן אינטעגראלער און ארגאנישער טייל פונעם גאנצן אידישן לעבן וואס האט געאטעמט — אין א גרויסער מאס — מיט דער אידישער שפראך און מיט דער אידישער קולטור.

אין די אמעריקאנישע לענדער איז פיל גרעסער דער נסיון פון אסימילאציע און די אידישע שול איז נים בלויז א דערציאונגס-אנשטאלט פאר אונזערע קינדער, נאר איז הויפטזאכלעך און דער עיקר א קולטור-יסוד פון אידישן לעבן און א פונדאמענט, וואס באפעסטיקט אונזער נאציאנאלן קיום.

**די אידישע שול שאפט א נאטירלעכע און געזונטע פארבינדונג צווישן די עלטערע און אינגערע דורות, און פירט אריין די קינדער אין דער היסטארישער אטמאספערע פון אידישן פאלק, אין גייסט פון זיין קולטור און אין דעם אינטערעסן־קרייז פון זיין אקטועלן לעבן.**

לערנען די קינדער אידיש, אידישע ליטעראטור, אידישע געשיכטע, אידיש וויסן — דאס איז א פליכט, וועלכע יעדער פאטער דארף פארשטיין און דערפילן. און ווען די דאזיקע פליכט וועט אריינדרינגען אין באוואוסטזיין פון די אידישע עלטערן, וועלן אויך געפונען ווערן די וועגן ווי נאך בעסער און העכער אוועקשטעלן די אידישע שול.

## לאָמיר נישט פאַרלייקענען
## אונזער נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם

די היסטאָרישע אומשטענדן אין וועלכע מיר לעבן, האָבן אויס־געבילדעט בײַ אונז א נאַציאָנאַלן מינדערווערטיקייטס־געפיל, א מין „אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס", וואָס שאַצט אונטער אונזערע מעג־לעכקייטן און אונזער נאַציאָנאַלע ווירדע.

דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז אין משך פון לאַנגע יאָרהונדער־טער געווען אומברחמנותדיק פאַרפאָלגט, איז אונטערדריקט גע־וואָרן ניט נאָר פיזיש און מאַטעריעל, נאָר אויך גייסטיק און נאַ־ציאָנאַל אַלס אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע איינהייט מיט אַן אייגענער קולטור און מיט גרויסע קולטורעלע טראַדיציעס זייט טויזנטער יאָרן.

די שווערע באַדינגונגען פון אידישן לעבן, האָבן ניט געשאַפן קיין גינסטיקן באָדן אויף וועלכן עס זאָלן זיך פאַרוואָרצלען און צע־וואַקסן דער נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַוואוסטזיין און שטאָלץ, וואָס

איז אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַנדערע מלוכהש-זעלבסטשטענ־דיקע פעלקער.

אַן ענגלענדער רעדט אַ פרעמדע שפּראַך נאָר אין אַ נויט-פאַל, ער וויל הערן דעם קלאַנג פון זיין שפּראַך אין אַלע ווינקלען פון ערד־קוגל. דאָס איז אַן אויסדרוק פון נאַציאָנאַלער זעלבסטליבע, וואָס טראָגט בא אַנדערע פעלקער מילדערע און נאַטירלעכערע פאָרמען. בא אונז איז צו מערקן אַ צווייטן עקסטרעם פון צו פיל מוותר זיין אף דער אייגענער נאַציאָנאַלער ווירדע, מינדערשעצן די אייגענע שפּראַך און די אייגענע נאַציאָנאַלע און קולטורע־לע ווערטן.

אין די צייטן פון מיטלאַלטערלעכע געטאָס, זיינען די אידן גע־ווען אָפּגעשלאָסן פונעם אַרומיקן ניט-אידישן לעבן, און צווישן די צוויי וועלטן איז געשטאַנען אַ הויכע און אומדורכדרינגבאַרע וואַנט פון אומציילבאַרע רעליגיעזע דאָגמעס און קעגנזייטיקע אַבערגלויבנס. ווער סאיז פאַרבלענדט געוואָרן מיטן גלאַנץ פון דער ברייטער ניט־אידישער וועלט, האָט געמוזט אינגאַנצן איבערייסן מיטן געטאָ; קיין בריק צווישן די צוויי וועלטן איז נישט געווען.

דער מעכטיקער וואוקס פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, וואָס האָט געבראַכט צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין 18-טן יאָרהונדערט, האָט צוזאַמען מיט דער באַסטיליע אויך אַראָפּגע־טראָגן אין פיל לענדער די געטאָ־ווענט, און האָט ענגער פאַרבונ־דן און דערנענטערט די פעלקער דורך אומציילבאַרע פעדים פון קעגנ־זייטיקע קאָמערציעלע, אינדוסטריעלע און אויך קולטורע־לע אינטערעסן.

דאָס אידישע געטאָ־לעבן האָט ברייט אויפגעפּראַלט די טירן און האָט פאַרחידושט אַנגעקוקט דעם צויבער פון דער ברייטער און פיל-צוזאַגנדיקער ניט-אידישער וועלט. די אידישע משכילים, וואָס האָבן געוואָלט אייראָפּעאיזירן דאָס אידישע לעבן, האָבן די ערש־טע זיך אַ ציי געטון צו די פרייע און ברייטע האָריזאָנטן, און מיטן פּיזמון: „זיי אַ איד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס", האָבן אַ סך פון זיי פאַרלאָזן די טראַדיציאָנעלע היימישע נעסטן.

די העכערע אידישע שיכטן האָבן, דאָס רוב, איינגאַנצן זיך „אויסגעמענטשלט" און טיילוויז, אָדער איינגאַנצן, זיך אַסימילירט. די ברייטע אידישע פאָלקס-מאַסן, די „עם-הארצים", וואָס זיינען דווקא געווען קנאַפּע „אידן אין שטוב" האָבן אַף זיך איבערגענומען די בעסטע טראַדיציעס פון אידישן פאָלק און זיינען געוואָרן די טרעגער פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, די בויער פון דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור, די פאָנען-טרעגער פון דער וועלטערדיקער אידישער געשיכטע.

אָבער דער „זיי אַ איד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס" האָט זיך ווי איינגעוואָרצלט אין אונזער באַוואוסטזיין. אמת, דאָס קומט נישט ווי א באַוואוסטזיניקע און לאָגישע האנדלונג, נאָר ווי אַ מין אינסטינקטיוו שוץ-מיטל אַף זיך צו פאַרטיידיקן פון די אַרומיקע פיינטלעכע קרעפטן.

דער „איד אין שטוב" מיינט שוין היינט נישט בלויז די טראַדיציאָנעל-רעליגיעזע אידישקייט, נאָר אויך די אידישע שפּראַך, דאָס אידישע בוך, די אידישע שול, די אידישע צייטונג, דאָס גאַנצע אידישע לעבן. דאָס אַלץ דאַרף, לויט דער דעה פון די דאָזיקע אינסטינקטיווע נעאָ-משכילים פאַרשטופּט ווערן אונטערן היימישן דאַך, אַז עס זאָל חלילה נישט פאַלן אין די אויגן פונעם ניט-אידישן שכן.

מען שעמט זיך מיט דער אידישער שפּראַך אין גאַס, מיט אַ אידישער צייטונג אין וואַגאָן אָדער אין שטאָטישן טראַמוויי. אַ קינד זאָגט צום פאָטער: „פּאַפּאַ, רייד צו מיר ניט קיין אידיש אין גאַס" און דער פאָטער נעמט עס אויף ווי אַ נאַטירלעכע און לאָגישע פאָדערונג, ער וויל ניט פאַרשעמען דאָס קינד פאַר זיינע חברים און מאַטערט זיך מיט אים אויך צו ריידן שפּאַניש, אָדער אין אַ צווייטן לאַנד אין אַנדער שפּראַך, ווייל דורכוים קומט פאַר דער זעלבער פּראָצעס און די זעלבע דערשיינונג.

צווישן זיך רעדט מען נאָך דווקא אידיש. מען לייענט אידישע צייטונגען און אידישע ביכער, מען שיקט נאָך אַפילו די קינדער אין אידישע שולן, אָבער קיין באַציאונג צו זיך איז נישטאָ, עס איז נישט צו פילן קיין שטאָלץ מיטן אייגענעם — זאָל זיין באַ-

שיידענעם, אָבער דאָך אייגענעם — נאַציאָנאַלן פאַרמעגן.

עס ווערט געמערקט אַ טענדענץ, וואָס טיפער צו באַהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם, מען זאָל ניט אַרויסשמעקן די אידישע אַנגעהעריקייט, עס זאָל זיך נישט אַרויסזען דער אידישער שטאַם. דייטשלאַנד האָט אָבער באַוויזן, אַז קיין תרופה צו אַנטיסעמיטיזם איז עס נישט. די דייטשע אידן זיינען געווען הונדערטפּראָצענטי־קע דייטשן נישט נאָר אין גאַס, נאָר אויך אין שטוב און דאָך האָט זיי נישט אויסגעמיטן די ראַסן־פאַרפאָלגונג.

עס איז אמת, אַז היינט טראָגט אָפּ זיך יעדער יחיד אַ נאַ־ציאָנאַלע אחריות און מוז זיך אויפפירן אַזוי, אַז זיינע האַנדלונגען זאָלן ניט אַרויסרופן קיין ביטול אָדער קיין צאָרן פון די אַרומיקע שכנים, וועלכע זיינען געניטגט אין אונזער צייט, צו פאַראַלגעמיי־נערן יעדן טאָט פון יחיד אויפן גאַנצן כלל, אויפן גאַנצן אידישן פאָלק.

און אַזוי דאַרפן מיר דערציען אונזער יוגנט: אין ליבע צו אונ־זער גרויסער נאַציאָנאַלער קולטור, אין ליבע צו אונזער פאָלקס־שפּראַך, אין שטאָלץ צו אונזער טויזנט־יאָריקער געשיכטע און אין געפיל פון נאַציאָנאַלער אחריות אַלס בירגער פון דעם לאַנד, אין וועלכן מיר לעבן, און אַלס קינדער פון דעם פאָלק פון וועלכן מיר שטאַמען.

# אַ וואָרט צו די מאַמעס

אַט קומט אַ מיידעלע אין שול, אַ שיין קליין מיידעלע. דאָס קינד זעט אויס ווי אַ גראָב פּעסעלע אַף פיסלעך, אָבער נישט אַזוי פון איר אייגענער גרעב ווי פון די סוועטערלעך און לייבעלעך אין וועלכע די מאַמע האָט זי איינגעוויקלט. סאיז קאַלט, און די מאַמע, די הארציקע און טרייע אידישע מאַמע, זאָל געזונט זיין, האָט איר מיידעלע געוואָלט פּארהיטן פון אַ פאַרקילונג, און זי גוט און וואַרעם אָנגעטון.

אויך זעקעלעך טראָגט דאָס מיידעלע לאנגע, ביז די קני און נישט ווי אַלע קינדער, וואָס בלייבן, נעבעך, מיט נאַקעטע פיסלעך. שיכעלעך טראָגט עס ווארעמע, אינעווייניק אויסגעבעטע מיט פּוטער און אַף די הענטלעך האָט דאָס מיידעלע הענטשקעלעך — אַ מתנה פון דער אידישער מאַמעס מאַמען — פון דער באָבען, וואָס האָט זיי מיט די אייגענע הענט אויסגעשטריקט.

פינף מאָל איז די מאַמע ארוים אפן גאַס און האָט געקוקט אפן

הימל, האָט געשמעקט די לופט און האָט געטאַפּט די ווענט, ביז זי האָט באַשטימט, וואָס זי זאָל היינט אָנטאָן איר מיידעלע. און אַזוי טראַכטנדיק ווי בעסער צו פאַרפּאַנצערן דאָס קינד קעגן א „ווינטעלע" האָט די מאַמע פאַרגעסן מיטצוגעבן דעם מיי־דעלע אַ טיכעלע.

ווען ס'איז געקומען צום שלייפעלע אין די האָר איז שוין גע־ווען שפּעט. און ווער דאַרף דען שלייפעלעך? אַ שלייפל מאַכט דאָך נישט ווארעמער אין קעפּל, האָט איס די מאַמע אָף גיך געגעבן אַ דריי, האָט געמאַכט אַ פּאָר קניפּן און דאָס שלייפל איז געבליבן שטעקן ווי אַ פערדיש עקעלע אָף די האַלב-צעפּאַטלטע הערעלעך.

—ענדלעך „ארויסגעפּראַוואַדיעט", גיי געזונט און קום געזונט, —שעפּטשען דער מאַמעס ליפּן. איר מאַמישע האַרץ איז רואיק, זי האָט אַלץ געטון וואָס אַ אידישע מאַמע דאַרף טון, און וווייטער האָבן מיר אַ גרויסן גאָט אין הימל.

דאָס קינד איז אָבער נישט אינגאַנצן רואיק. פון צייט צו צייט פאַרפאַרט עס מיט די פינגערלעך אין קעפּל און קראַצט מיט גרויס פאַרגעניגן. דאָס שלייפל איז שוין אַראָפּ אָף אַ זייט און פונעם שרינטל איז קיין סימן געבליבן.

ס'איז היינט ווינטער, וואָשט די מאַמע דאָס קינד נישט אַזוי אָפט — מען קען עס נאָך חלילה פאַרקילן. זומער צוואָגט מען טאַ־קע דאָס שיינע קעפּעלע אַלע וואָך, אָבער ווינטער? — מען דאַרף דאָך האָבן אַ האַרץ פון אַ גזלן אָף צו וואַשן דאָס קינד אין אַזעלכע קעלטן...

אַ מאַמעס האַרץ איז ניט אָפּצושאַצן. האָט שוין דאָס מיידעלע אַ גאַנצן „פלאָד" אין קעפּל און פון צייט צו צייט דערפילט זי אויך אַ בים אונטערן פינפטן לייבל. אָבער אַהין קען זי זיך נישט דער־לאַנגען מיט אירע שוואַכע פינגערלעך און דרייט זיך נאָר אומבאַהאָלפן.

דאָס מיידעלע איז דענערווירט. צו די לימודים, ווי צו דער גאַנצער אויסערלעכער וועלט, ווייזט זי אַרויס אַ קנאַפּן אינטערעס,

זוויל איר אויפמערקזאַמקייט איז געווענדעט צו די „אינערלעכע שונאים”, וואָס לאָזן זי נישט רוען. אָן אייגן העמד איז נענטער צום לייב, און אויב דאָס העמד איז נישט איבעריק ריין, צווינגט זי נאָך מען זאָל וועגן איר טראַכטן.

ווישט דאָס מיידעלע איר נעזל מיטן אַרבל, באַם לויפן ווערט עס גיך פאַרשוויצט און פּילט אָפּן לייב ווי אַ באַריר פון קלעפּיקע און בייסיקע פינגער. קומט דאָס קינד אַהיים רויט, אָנגעבלאָזן, נערוועז און אויפגערעגט...

איז די מאַמע אַ שלעכטע? — חלילה! אַ אידישע מאַמע קען גאָר נישט זיין שלעכט. זי האָט איר קינד קיין רעה נישט געמיינט. נאָר וואָס דען? זי האָט אַ צו גרויסע מורא פאַר אַ פאַרקילונג און אַ צו קנאַפּן חוש פאַר ריינלעכקייט און שיינקייט. ס׳איז אַ רעזול־טאַט פון אונזער דורות־לאַנגן געטאָ־לעבן. אין דער אָרעמ־קייט פון די אידישע קליין־שטעטלעך איז מען אַמאָל ניט געווען שטאַרק איבערקלייבעריש אָף אַזעלכע זאַכן; דאַקעגן אין דער גרויסער שטאָט איז מען שטאַרק עמפּפינדלעך אָפּן אויסערלעכן פּוץ, און וואָס שייך היגיענע מוז מען אין די געדיכט־באַפעלקערטע שטעט זיין באַזונדערס אָפּגעהיט און פאָרזיכטיק.

אַ קינד דאַרף מען אָנטאָן וואַרעם, אָבער נישט צום שוויצן און נישט ביז חוזק. זאָקן ביז די קני וועלן דאָס קינד נישט ראַטעווען פון אַ פאַרקילונג און אָן איבעריק לייבעלע קען ברענגען מער שאָדן ווי נוצן. וואָס שייך דעם שלייפל גיט ער צו די קינדערלעך אַ גאַנץ באַזונדערן חן און אַ טיכעלע איז דאָך אוודאי און אוודאי נייטיק...

אין דער שמוציקייט און אָפּגעלאָזנקייט פון די קינדער זיינען ניט שטענדיק שולדיק די באַדינגונגען, און די מאַמעס דאַרפן גוט וויסן, אַז קינדער דאַרפן קומען אין שול אויסגעצוואָגענע, גוט גע־וואַשענע, מיט ריינע אויערן, מיט אָפּגעשאָרענע נעגל און נישט נאָר מיט ריינע, נאָר אויך מיט גוט־געפּרעסטע כאַלאַטלעך...

ג. סאָפּאָזשניקאָוו

לאָמיר זיך טרייסטן, אַז אַזעלכע אַלטפרענקישע און אָפּגעלאָזענע מאַמעס דאַרף מען הײַנט זוכן מיט ליכט. אָבער עס שאַדט נישט, אַז אַלע מאַמעס זאָלן גוט וויסן, אַז קינדער ווײַנע און היגיענישע לערנען בעסער, זײַנען שענער און געזינטער.

# ווען דאָס קינד לערנט זיך שלעכט

גרויס איז די שמחה צו פירן אַ קינד דאָס ערשטע מאָל אין שול. טאַטע-מאַמע לעבן איבער אַ טיפע פרייד, אַ שטילן אָבער פריידיקן יום-טוב אין לעבן. אַט נישט לאנג איז עס געווען אַזאַ אומבאַהאָלפן ברעקל, געלעגן בײַ דער מאַמעס ברוסט, און איצט איז עס שוין אַ גאַנץ „מענטשעלע", — מען פירט עס שוין אין שול.

דאָס ווייסע כאַלאַטל, וואָס מען טוט אָן דעם נייעם שילער, פאַרשאַפט אפשר די טאַטעס און מאַמעס מער פאַרגעניגן ווי די קינדער. אייניקע פאַרגלייכן דעם מאָמענט פון פירן דאָס קינד צום ערשטן מאָל אין שול צו דער שמחה, וואָס דערוועקט זיך בײַ די עלטערן בײַם פירן אַ קינד צו דער חופּה.

עס איז אַביסל אַ געוואַגטער פאַרגלייך. אָבער מיט דער שול זיינען פאַרבונדן די אינטימסטע טרוימען און האָפענונגען פון טאַטע-מאַמע, וואָס ווילן מאַכן זייערע קינדער פאַר „מענטשן", וועלכע זאָלן מיט זייער וויסן און בילדונג פאַרזיכערן נישט נאָר זייער

אייגענעם גליק, נאָר אויך פאַרשאַפן נחת, כבוד און פרייד זייערע עלטערן.

אָבער די פרייד פון ערשטן שול-טאָג האַלט אָן נישט לאַנג. באַם קינד ווערט עס אַ נאַטירלעכע, טאָג-טעגלעכע דערשיינונג, אַ געוואוינהייט, אַ מין „מוז", וועלכן עס דאַרף טעגלעך דערפילן. אייניקע קינדער דערפילן די פליכט זייער גערן; אַנדערע טוען עס מער געצוואונגען. די שול ווערט אָבער אַ לעבנס-נויטווענדיקייט אַזוי פאַר די קינדער ווי אויך פאַר די עלטערן.

ווען טאַטע-מאַמע זיינען אָבער פאַרנומען מיט דאגות-פּרנסה, ווען מען איז פאַרהאָרעוועט און פאַרהאָוועט באַ דער אַרבעט אָדער באַם געשעפט, איז פשוט נישטאָ קיין צייט, און עס ליגט נישט אין זינען נאָכצופאָלגן די אַרבעט און די דערפאָלגן פון קינד אין דער שול.

אַ סך עלטערן באַגנוגענען זיך דאָס רוב מיטן אַריינקוקן יעדן מאָנאַט צום קינד אין נאָטיץ-ביכל, און דערמיט זיינען זיי יוצא. באַקומט דאָס קינד גוטע אָפּצייכענונגען, איז דאָך אַוודאי גוט, — שרייבט מען אונטער דאָס ביכל און ס'איז דערפילט די שול-פליכט צום קינד אַף אַ גאַנצן קיילעכדיקן חודש. אָן אַליאַרעם הייבט זיך אויף נאָר דאַן ווען דאָס קינד באַקומט שלעכטע אָפּצייכענונגען. אין אַזאַ פאַל גייט דאָס רוב די רעאַקציע פון די עלטערן אין די פאָלגנדיקע צוויי ריכטונגען:

ערשטנס, כאַפּט דאָס קינד אַריין אַ פאַרציע מוסר פון דער מאַמען, וואָס דערוויזט אים מיט אותות ומופתים, ווי גוט עס איז ווען מען לערנט זיך, ווי וואויל עס איז ווען מען ענדיקט גוט די שול, און ווי נוצלעך עס איז צו האָבן בילדונג און דאָס גלייכן. אַ טאַטע קען זיך אַמאָל נישט באַגנוגענען מיט ווערטער און איבערגיין צו מעשים און מיט שלאָג-אַרגומענטן פאַרברייטערן דער מאַמעס טענות.

דאָס איז די ווירקונג אַפן קינד. צווייטנס, גייט די אינטערווענץ פון די עלטערן אין שול. זייער זעלטן קומט אַפ דער טאַטע

אָדער די מאַמע מיט אַ בלויזער אינפאָרמע באַם לערער. ס׳טרעפט, אַז אייניקע גייסטרייכע מאַמעס פאַלן אַף אַן איינפאַל און קוקן אַריין אין די העפטן פון דער שכנהס קינדער און געפינען דאָרט אויס, אַז יענע קינדער שרייבן נאָך ערגער און דאָך האָבן זיי יאָ באַקומען גוטע אָפּצייכענונגען פונעם זעלבן לערער אָדער פון דער זעלבער לערערקע. עס הייבט זיך אָן אין אַזאַ פאַל אַ סדרה באַקלאָגענישן, און עס פילט זיך געקריוודעט די מאַמע און אויך פילט זיך באַעוולהט און דער־שלאָגן דאָס קינד.

אַזאַ רעאַקציע פון די עלטערן גיט דאָס רוב נישט קיין פּאָזי־טיווע רעזולטאַטן. ריידן און אויפקלערן דעם קינד דאַרף מען, אָבער בשום אופן ניט שרעקן, ניט דראָען און ניט שלאָגן. מוסר און קלעפּ קענען אמאָל גיכער ארויסשלאָגן דעם חשק צו לערנען, ווי אַרויסקלאַפּן די פוילקייט און אָפּגעלאָזנקייט. מען מוז שטו־דירן און אויסגעפינען די סיבות פון דער אָפּגעשטאַנענקייט באַם קינד. מעגלעך, אַז די אמתע סיבה פון די שלעכטע אָפּצייכענונגען איז די איינגעבוירענע אומפעאיקייט אָדער אַנדערע סיבות, וואָס זיינען פון קינד גאָרניט אָפּהענגיק; אין אַזאַ פאַל קענען מוסר און קלעפּ אַוודאי ווייניק וואָס העלפן.

מען דאַרף פון קינד נישט פאַרלאַנגען מער וויפל עס קען גיבן, אָבער אויך נישט ווייניקער. עס דאַרף דערפילן זיינע פליכטן צו דער שול און מיטגיין מיטן קלאַס. דאָס קען באַ א געוויסער אַנ־שטרענגונג באַוויייזן יעדער דורכשניטלעכער שילער. מיר האַלטן, אַז עס איז אויך נישטאָ קיין גרונט חושד צו זיין, אַז די לערער זיי־נען נישט געגוג אָביעקטיוו אין זייער באַציאונג צו די קינדער. אין דעם פאַל קענען גיכער זיין נישט־אָביעקטיוו די על־טערן, וועלכע זיינען גענויגט צו זען באַ זייערע קינדער מער מעלות ווי חסרונות.

אַ קינד וואָס שטייט אָפּ פון קלאַס, וואָס לערנט זיך שלעכט, פאָדערט אַ סך אויפמערקזאַמקייט. ווען דער טערמאָמעטער ווייזט היץ באַם קינד וועט קיינעם ניט איינפאַלן צו באַשטראָפן דעם קראַנ־

קן אָדער באַשולדיקן דעם דאָקטער. דאָס זעלבע איז מיט די אָפּציוו־
בענונגען פון לערער. אַ קינד מיט שוואַכע פעאיקייטן דאַרף מען
צוגעבן מוט, העלפן, סטימולירן און שטאַרקן דעם גלויבן אין זיינע
אייגענע כוחות — אָן וועלכע עס איז אוממעגלעך יעדער גייסטיקער
פאָרשריט.

## פאַרוואָס האָבן איניקע קינדער
## ניט קיין חשק צום לערנען?

איניקע קינדער גייען זייער גערן אין שול, לערנען מיט חשק און פאַרשאַפן אַ סך פרייד די עלטערן און באַפרידיקן אויך די לערער. פאַר אַנדערע דאַקעגן — איז די שול אַן אמתע אָפּקומעניש און דאָס לערנען אַ פּיין. אַזעלכע שילער ליידן אַליין, פאַרשאַפן געננוג קאָפּ-דרייעניש די לערער, און אַ סך זאָרג און האַרצווייטיק זייערע עלטערן.

געוויינטלעך פּרוּווט מען פאַרטרייבן דעם אומווילן צו לערנען מיט אַ גאַנצער רייע „היימישע מיטלען", מיט מוסר און דראָונגען. אָפט העלפן אַזעלכע מיטלען אויך. און איבערהויפּט אין דער ערשטער צייט, ווען דער אומווילן צום לערנען איז נאָך נישט געוואָרן כראָניש, און האָט נאָך נישט באַוויזן טיף זיך איינצוועסן אין דער פּסיכיק פון קינד און קאַליע מאַכן די קינדערשע נשמה.

אָבער זייער שלעכט איז ווען מען דאַרף איבער די קינדער שטיין מיט אַ בייטש, זיי טרייבן מיט שטעקנס אין שול און זיי אונטעריאָגן, דערמאָנען און מונטערן בײַ די לעקציעס.

מען דאַרף געפינען נאַטירלעכערע און וויסנשאַפטלעך-מער-באַרעכטיקטע מיטלען כדי צו ווירקן אַף די קינדער, וועלכע האָבן פאַרלוירן דעם אַפּעטיט, דעם ווילן און דעם אינטערעס צום לערנען.

**ווייל דער אומווילן צום לערנען איז אויך אַ קראַנקייט, וועלכע קען האָבן פיזישע און פּסיכישע סיבות, און אַזוי לאַנג מען געפינט נישט אויס די דאָזיקע סיבות, איז אומעגלעך אונטערצונעמען אַ פּראַקטישע און ווירקזאַמע היילונג.**

יעדעס קינד, ווי שלעכט און נאַריש עס זאָל נישט זיין, וואָלט געוואָלט זיך אויסצייכענען, פאַרדינען לויב פון די לערער, באַוואונדערונג פון די מיטשילער און ליבע פון די עלטערן.

אויך דער מאַמעס מוסר-דרשות אָדער דעם טאַטנס קלעפּ מוזן קיין איין קינד קיין פאַרגעניגן ניט פאַרשאַפן, און אויב עס שטעלט זיך דאָך אויס אַף די אַלע געפאַרן און אומאַנגענעמלעכקייטן איז אַ סימן, אז דאָס קינד שטויסט זיך אָן אַף גרויסע אינערלעכע אָדער אויסערלעכע שוועריקייטן, וועלכע עס איז נישט אומשטאַנד בייצוקומען מיט זיינע אייגענע שוואַכע כוחות, און דעריבער דאַרף מען עס ניט אונטערשמייסן אָדער מוסרן—נאָר ארויסהעלפן, און זיך באַמיען צו פאַרלייכטערן די שול-„לאַסט”, אויב זי פאַלט צו שווער אַפן קינד.

ווען אַ פאָטער זאָגט: „דאָס קינד וויל ניט לערנען” — איז אַזאַ דיאַגנאָז נאָך זייער אַ מאַנגלהאַפטער און נישט קיין פולער. צו אַזאַ מחלה איז נאָך נישטאָ קיין רפואה, וואָס זאָל גוט זיין אין אַלע פאַלן און פאַר יעדן חולה.

מען מוז אויסגעפינען די סיבות, וואָס האָבן פאַרורזאַכט אַזאַ מין אַנאָרמאַלע דערשיינונג, און אַף אייניקע מעגלעכע סיבות וועלן מיר אָנווייזן.

## וועלכע קינדער לערנען זיך שלעכט?

ערשטנס, איז מעגלעך, אז דאָס קינד איז ווירקלעך פויל, צע־שטרייט, פאַרטון אין שפּיל און צעטראָגן. אין אַזאַ פאַל איז יאָ נייטיק איינצושטעלן אַ געוויסע דיסציפּלין, אָבער בשום אופן ניט אָפּרייסן דאָס קינד פון זיינע באַליבטע שפּילערייען און פאַרווײלונגען. אַף אַלץ דאַרף זיין צייט: אַ צייט אַף לערנען, אָבער אויך אַ צייט צום שפּילן.

די מאָדערנע שול איז נישט קיין תפיסה, וואָס רויבט אַוועק באַם קינד זיין גאַנצע פרייהייט, און דאָס לערנען און מאַכן די לעק־ציעס דאַרף נישט זיין קיין אַפּקומעניש, וואָס זאָל באַם קינד איינ־גאַנצן צונעמען זיין צייט פון שפּיל.

דער קנאַפּער חשק צום לערנען באַ אייניקע שילער איז אָפט טאַקע אַ רעזולטאַט פון דעם צו פיל איינקנעלן, און פון דער צו גרויסער איבערמידונג באַ די לעקציעס אָן אָפּרו און אָן איבערייס אין משך פון אַ לענגערער צייט.

נאָך אָן אָפּרו אַרבעט זיך געשמאַקער, לייכטער און שנעלער.

די הפסקות אין שול, וואָס קומען נאָך יעדער לעקציע פון פינף און פערציק אָדער פופציק מינוט, זיינען אַ ברכה פאַרן לימוד און נאָך מער פאַר די שילער. אין שטוב קען נישט איינגעפירט ווערן קיין סיסטעם פון פויזעס און די מאַמע, אָדער דער טאַטע קוקן נישט אַפן זייגער און האַלטן נישט קיין גלעקל. אָבער די עלטערן דאַרפן דאָך וויסן, אַז נאָך דער אַרבעט קומט אַן אָפּרו, און נאָך די לעקציעס האָט דאָס קינד כשר פאַרדינט זיין צייט פון שפּיל.

פוילקייט קען אויך זיין אַ רעזולטאַט פון געוויסע פיזישע און פּסיכישע דעפעקטן, וועלכע מען קען היילן, אָבער נישט אַרוים־קלאַפּן מיט קיין שמיץ.

קינדער בלוט־אָרעמע, פיזיש־אָפּגעשוואַכטע, קראַנקע און שלעכט־דערנערטע, קענען בכלל נישט האָבן קיין באַזונדערס־שטאַרקן חשק צו פיזישער און גייסטיקער טעטיקייט, און קענען אויך נישט אויסהאַלטן קיין לענגערע אינטעלעקטועלע אָנשטרענגונג נישט אין שול און אויך נישט אין דער היים.

צו דער קאַטעגאָריע פון „שלעכטע" שילער דאַרפן, אין דער ערשטער ריי, אויך צוגערעכנט ווערן די אַלע קינדער מיט שווערע אויפנאַמס - פעאיקייטן, מיט אַ לאַנגזאַמער אָריענטאַציע און מיט אַ שלעכטן זכרון, וועלכע באַנעמען נישט וואָס מען זאָגט זיי אין שול און וואָס מוזן, נעבעך, שווער און לאַנג האָרעווען אין דער היים ביז זיי נעמען עפּעס אַריין אין זייערע שווערע און האַר־טע קעפּלעך.

פאָדערט מען פון אַזעלכע קינדער מער וויפל זיי קענען גיבן, מער וויפל זייערע נאַטירלעכע פעאיקייטן קענען באַוויזן, פאַרלירן זיי אינגאַנצן דעם חשק צו דער שול און דאָס לערנען ווערט בא זיי אַ שווערע אָפּקומעניש, וואָס פאַרשאַפט זיי פיזישע און גייס־טיקע ליידן.

מיט אַזעלכע קינדער דאַרף מען אומגיין פאָרזיכטיק און נים אונטערטרייבן נאָר אַרויסהעלפן און סטימולירן. דאָס מוסרן און ברענגען פאַר אַ ביישפּיל אַנדערע פעאיקערע קינדער וועט בא אַזעלכע שילער נאָר אָפּשלאָגן דעם מוט און בא זיי אַנטוויקלען דעם מינדערווערטיקייט־געפיל: דעם גלויבן אַז די אַרבעט אָדער דאָס

**לערנען איז איבער זייערע כוחות, און אז זיי וועלן שוין במילא דאָס נישט באַנעמען, און במילא נישט דערגרייכן...**

אויך דער רייפקייט־פּעריאָד, וואָס פאַלט אויס בײַ אינגלעך אומגעפער צו די 13—14 יאָר און בײַ מיידלעך צו 12—13, באַווירקט שטאַרק די גייסטיקע פעאיקייטן פון די קינדער.

אין דער דאָזיקער איבערגאַנג־צייט, אין וועלכער עס אַנטוויקלען זיך אייניקע אינערלעכע דריזן און עס וואַקסט דער גאַנצער אָרגאַניזם, ווערט ווי געהאַמעוועט און אָפּגעשטעלט די גייסטיקע אַנטוויקלונג און אייניקע קינדער, וואָס האָבן ביזן רייפקייט־פּעריאָד זיך אויסגעצייכנט מיט זייער התמדה און פלייס ווערן פלוצים צעשטרייט, פויל, אָפּגעלאָזן און הייבן אָן אָפּשטיין אין אַלע לימודים. אָבער דער דאָזיקער צייטווייליקער אינטעלעקטועלער צוריקטריט און דער פאַרלוסט פון דער גייסטיקער ענערגיע, וואָס ווערט אויפגעפרעסן דורכן ראַשן פיזישן וואוקס, האַלט אָן בערך ניט לאַנג. עס קומט נאָכדעם דעם גייסטיקער גלייכגעוויכט, און נאָך דעם איבערברוך־פּעריאָד צעבליען זיך מיט אַ פרישער קראַפט אַלע גייסטיקע פעאיקייטן פונעם יוגנטלעכן, וואָס איז שוין נישט מער קיין קינד און וואָס ווערט געזעצטער, זעלבסטשטענדיקער און ערנסטער אין זיין אָפּשאַצונג פון זאַכן און אויך אין זיין באַציאונג צו דער שול און צום לערנען.

## חוזקט נישט פון קיין קינדער

יעדער קלאַס האָט זיין פּראָגראַם פון לימודים, וואָס איז באַשטימט פאר אלע שילער גלייך, אָן אונטערשייד פון זייערע פעאיקייטן און מעגלעכקייטן. אָבער יעדעס קינד איז אַ וועלטל פאַר זיך, און איין שילער איז אנדערש פון אנדערן נישט נאָר אין זיין אויסערלעכן אויסזען, נאָר אויך אין זיין אינערלעכן וועזן, אין זיין אינטעלעקט, אין זיין באַנעמונג, אין זיינע געדאנקען און געפילן.

דאָס וואָס פאר איין שילער איז לייכט, גוט און קלאָר, קען גראָד פאַרן צווייטן זיין שווער, שלעכט און אומפארשטענדלעך. איינעם קען אינטערעסירן איין קעגנשטאַנד און אַ צווייטער ווייזט ארויס אַ נייגונג צו עפּעס אנדערש.

איינער באַנעמט אַן ענין באַלד, אָריענטירט זיך שנעל, ענטפערט גלייך און פארדינט לויב פונעם לערער און באַוואונדערונג.

פון די שילער. בא א צווייטן, באוועגן זיך די געדאנקען לאנגזאם, ווי א וואגן אין בלאטע און אף זיינע ענטפערס אין קלאס באקומט ער אפט א חוזק-שמייכל, אויב ניט פונעם לערער, איז פון די שילער.

און אט אין דעם איז אפטמאל פארבארגן די סיבה, פארוואס אייניקע שילער האבן געווארפן אן אומחן אף דער שול און אפן לערנען.

פאר אן עמפפינדלעך קינד איז א חוזק-שמייכל ערגער ווי דער שווערסטער קלאפ. און ווערט עס אויסגעלאכט, פארוואונדעט עס זיין צארטע קינדערשע נשמה און עס ווערט אים נישט ליב דאס לערנען און די גאנצע שול.

קינדער קאנען זיין ברוטאל און עגאיסטיש. דאס געפיל פון אלטרואיזם, פון מיטגעפיל, פון פארשטענדעניש פאר פרעמדן צער איז בא זיי נאך שוואך אנטוויקלט. פארשאפט זיי דאס חוזקן אי־בער א חברל פארגעניגן, פארוואנדלען זיי עס אין א שפיל און פאר־ווילן זיך מיט זיינעליידן.

עס טרעפט, אז אייניקע קינדער ווערן פארשטויסן דורך זייע־רע אייגענע חברימלעך און נישט אריינגענומען אין זייערע אלגע־מיינע שפילערייען. פאר אזעלכע אומגליקלעכע איז די שול אן אמתער אומגליק און יעדער טאג א פיין, וואס פארביטערט זיי דאס לערנען און דאס גאנצע לעבן.

אונזערע שולן זיינען לערן-אנשטאלטן, וואס שטעלן זיך, דאס רוב, נישט קיין דערציאונגס-אויפגאבן און דער לערער, וואס האט אונטער זיין אויפזיכט א דרייסיק אדער פערציק שילער, און וואס מוז דער עיקר אין זינען האבן די פראגראם, דאס לערנען, איז פשוט ניט אומשטאנד צו באאבאכטן און אריינדרינגען אין די נשמה-אייגנשאפטן פון יעדן קינד באזונדער.

די צונעמענישן מיט וועלכע מען באטיטלט אייניקע קינדער, ווערן אויך נישט דורך אלעמען גלייך פארטראגן. און ס׳טרעפט גאנץ אפט, אז שילער טשעפען אן א וואסערן נישט איז צונאמען אף זייערן א חברל, און ווען דאס קינד איז עמפפינדלעך און פרוו־בירט זיך ווערן און קעמפן מיט זיינע באליידיקער, ווערט דאס

באַ די קינדער אַ שפּיל, און זיי הערן ניט אויף מיט אים זיך צו רייצן.

די שילער גופא קענען אמאָל פאַרביטערן דאָס לעבן פון זייערן אַ חבר און ווען עס אינטערוועניִרן ניש באַציִיטנס די עלטערן אָדער דער לערער, ווערט אַזאַ קינד אַפּשטיין אין די לימודים אָדער זיך אָפּשליסן אין־זיך און זוכן — אין בעסטן פאַל — אַ רעטונג אין לייענען און אַ באַהעלטעניש אין די ביכער.

# די היים דאַרף שטיין אין
# פאַרבינדונג מיט דער שול

די גרעסטע קונסט, — איז די קונסט פון אומגיין מיט מענטשן, און הגם יעדער מענטש לעבט אין אַ געזעלשאַפט פון זיינע מיט־מענטשן, באַזיצט אָבער נישט יעדער איינער די דאָזיקע וואונדער־באַרע און אלערהעכסטע חכמה.

און אומגיין מיט קינדער איז נישט לייכטער ווי פאַרקערן, זיך אימפּאָנירן, זיך איינלעבן און געווינען דעם צוטרוי פון דערוואַקסענע.

אַ קלאַס מיט קינדער איז ווי א וועלט מיט וועלטעלעך, וואו יעדעס קינד איז אַ וועלטל פאַר זיך, וואָס דרייט זיך אין זיין אייגע־נער אָרביטע און באַוועגט זיך לויט זיינע אייגענע פּסיכישע, גייס־טיקע און פיזישע מעגלעכקייטן, געוואוינהייטן און נייגונגען.

אין די היינטיקע שולן, און אפילו אין די בעסערע פון זיי, ווערט נאָך ווייט נישט אָנגעווענדעט דער פּרינציפּ פון אינדיווידוע־לער דערציאונג און דעם לערער ווערט נישט געגעבן קיין מעגלעכ־קייט — ווי מיר האָבן אויבן געזאָגט — אריינצודרינגען אין דער נשמה פון יעדן קינד באַזונדער.

קינדער צעפיעשטשעטע פון דער היים וואָלטן געוואָלט, אז מען זאָל זיי אויך רימען און לויבן אין קלאַס און ווען דער לערער צאַצקעט זיך נישט מיט זיי, ווי די מאַמע, ווערט זיי נמאס די שול און זיי פאַרלירן דעם חשק צום לערנען.

קינדער מיט אַ קרענקלעכער עמפּפינדלעכקייט פילן זיך גע־טראָפן פון לערערס יעדן העכערן טאָן און זיי רעאַגירן אָף יעדן איינדרוק, וואָס טרייסלט אויף זייערע נערוון, און קענען זיך גאָר־ניט בארואיקן און נישט פארגעסן ביז מען בעט זיי איבער. עס זיינען דאָ קינדער מיט אן אויפגעשרויפטער אייגנליבע, וואָס מיינען, אז שטענדיק ווערן זיי באַ'עוולהט און נישט גענוג אָפּגעשאצט.

די אַלע אויסגערעכנטע און נאָך פיל אַנדערע פאַקטאָרן, טייל פון וועלכע מיר האָבן שוין דערמאנט אין די פאָריקע שמועסן, קע־נען אומגינסטיק באַווירקן דאָס קינד און שאַפן אין אים אַן אומווילן צום לערנען. עס איז דעריבער דורכויס נייטיק די היים זאָל שטיין אין פאַרבינדונג מיט דער שול, און די עלטערן זאָלן אָריענטירן און העלפן דעם לערער צו דערקענען זייערע אייגענע קינדער.

אַ קינד, וואָס לערנט זיך שלעכט דאַרף דעריבער באַהאַנדלט־ווערן מיט דער גאַנצער פּאָרזיכטיקייט און איידער די עלטערן און לערער באַשטימען דעם היילונגס־רעזשים, דאַרף פריער פעסטגע־שטעלט ווערן דער ד י אַ ג נ אָ ז, און עס דאַרפן אויסגעפונען ווערן די סיבות, וואָס האָבן פאַראורזאַכט די מחלה פון נישט־וועלן לערנען.

# לערנט די קינדער
# זעלבסטשטענדיק צו לייענען

אַ געוואוינהייט איז די צווייטע נאַטור, — און מען קען האָבן גוטע געוואוינהייטן ווי אויך שלעכטע. קלאָר, אַז שלעכטע זאַכן זיך אָפּצולערנען איז פיל לייכטער ווי גוטע. שלעכטס פאָדערט נישט קיין אָנשטרענגונג, און נאָכגעבן די אייגענע אינסטינקטן און זיין פויל, איז לייכטער ווי צוימען די איינגעבוירענע פוילקייט און זיין ארבעטסזאַם.

זיצן אין טראַמוויי און קוקן פארחלומט אין פענצטער, איז לייכטער ווי מאַכן די רייזע מיט אַ בוך צי מיט אַ צייטונג אין האַנט. מרוימען, לאָזן די געדאַנקען אומגעשטערט און ציללאָז שווימען, איז לייכטער ווי צו דענקען מיט אַ סדר וועגן אַ באַשטימטן ענין... זיך צו דיסציפּלינירן גייסטיק, דאָס דאַרף מען לערנען פון דער פריסטער יוגנט אָן.

לייענען איז אַן ארבעט. אַ פאַרווײַלונג און אַ פארגעניגן איז עס פאַר די, וואָס זיינען שוין געוואוינט צו לייענען, וואָס פילן אַ באַדערפעניש און גליק צו פאַרברענגען די פרייע צייט מיט אַ בוך אין האַנט. נישט אַלע האָבן אָבער אַזעלכע באַדערפענישן און נישט אַלע קענען געניסן פון אַזעלכע פארגעניגנס.

דאָס לייענען איז אַ גייסטיקע טעטיקייט, וואָס פאָדערט אַ גע־ווייסע אָנשטרענגונג, אַ גייסטיקע דיסציפּלין, אַ „געוואוינהייט" צו דענקען און נאָכשפּירן דעם געדאַנקענגאַנג פון מחבר. מיר מיינען דאָס ערנסטערע לייענען און דאָס בעסערע בוך. די שונד-ליטעראַטור — פאַר קינדער און דערוואַקסענע — לייענט זיך מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, און נאָך מער דורך די קינדער, וואָס האָבן נאָך נישט קיין אַנטוויקלטן געשמאַק, וואָס קאָנען נישט אָפּ־טיילן גוטס פון שלעכטס, און וואָס וואַרפן זיך אויף דער שונד-לי־טעראַטור, וואָס רייצט מער זייער פאַנטאַזיע, פונקט ווי די דער־וואַקסענע שונד-לייענער פאַרשלינגען די ביכער וואָס רייצן מער זייערע אינסטינקטן.

לייענען דאַרף מען זיך לערנען און געוואוינען פון דער פריסטער יוגנט אָן. דאָס קינד דאַרף מען פירן צום בוך, און אויב די שול טוט דאָס נישט, דאַרפן עס טון די עלטערן. דאָס בוך איז אַ מעכטיק דערציאונגס-מיטל, וואָס געוואוינט־צו דאָס קינד זעלבסטשטענדיק צו דענקען און פאָרשן, וואָס אַנטוויקלט זיין פאָרשטעלונגס-קראַפט, און פירט אים אריין אין דער וועלט פון די גרויסע און אומשטערבלעכע גייסטער, דער נאָמען פון וועלכע איז פאַרייביקט אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

דאָס זעלבסטשטענדיקע לייענען איז פונקט אזוי וויכטיק ווי די בילדונג, וועלכע מען באַקומט אין שול. מאַקסים גאָרקי האָט זיינע „אוניווערזיטעטן" געהאַט אינעם אָרומיקן לעבן און נאָך מער אין די ביכער, וועלכע האָבן באַפרוכפּערט זיין טאַלאַנט און באַ־רייכערט זיין וויסן מיט די אַלע דערגרייכונגען פון דער מענטשלע־כער קולטור. אין אַזעלכע „אוניווערזיטעטן" האָבן זייער בילדונג באַקומען די גרעסטע גייסטער פון אַלע ציימן.

די ראָלע פון בוך איז אומגעהויער גרויס, און פונקט ווי דאָס קינד דאַרף גיין אין שול און מאַכן זיינע לעקציעס פאַר דער שול, אַזוי דאַרף עס אויך לייענען פאַר זיך, פאַרן אייגענעם פאַרגעניגן, פאַר זיין אייגענעם גייסטיקן געניטס און גייסטיקער אַנטוויקלונג.

# דער בעסטער לערער
# איז דאָס בוך

לייענען לערנען זיך אויס אונזערע קינדער אין שול. אָבער דער וואָס קען לייענען ווערט נאָך נישט קיין **לייענער**. לייענען קענען זייער א סך מענטשן, אָבער די צאָל פון די וואָס לייענען, וואָס פילן אַ באַדערפעניש צו לייענען א בוך, אַ זשורנאַל, אָדער אפילו אַ צייטונג — איז זייער קליין.

און דאָס לייענען איז אַ מעכטיק דערציאונגס-מיטל נישט נאָר פאַר די קינדער, נאָר אויך פאר דערוואקסענע. דער בעסטער לערער, — ווערט געזאָגט, — איז דאָס בוך. אָבער נישט אַלע, וואָס קענען לייענען האָבן אַ צוטריט צום בוך און אַ פאַרשטענדעניש פאַרן דערציערישן ווערט פון לייענען.

קינדער דאַרף מען לערנען, ווי מיר האָבן געזאָגט, זעלבסט-שטענדיק צו לייענען, זיי אָריענטירן און פירן אינעם לאַבירינט פון דער וועלט-ליטעראַטור און זיי אויסהיטן פון די וועגן, וועלכע פירן צום שונד, וואָס רייצט בלויז די אינסטינקטן, אָבער שפייזט

נישט דעם גייסט און דעם אינטעלעקט פון מענטשן. שונד בארוישט ווי שטארקער וויין און פארדארבט דעם געשמאק און דעם געדאנק ווי אן אזארט-שפיל. דאס איז אזוי מיט די דערוואקסענע שונד-לייענער און דאס זעלבע אויך מיט די קינדער. שונד פירט נישט צו ליטעראטור און ווער עס קריכט אריין אין דער שונד-בלאטע בלייבט, דאס רוב, אין איר שטעקן, פונקט ווי דער שיכור, וואס קען נאר שטילן זיין דורשט מיטן שארפן און רייצנדיקן ברענשטאף פון משקה.

די עלטערן, וואס אינטערעסירן זיך מער און אקטיווער מיט דער גייסטיקער אנטוויקלונג פון זייערע קינדער, דארפן סטימולירן דעם אינטערעס פון זייערע קינדער צו לייענען און ווענדן דעם דאזיקן אינטערעס נישט אין דער ריכטונג פון שונד, נאר פון בעסערן בוך, — אין דער ריכטונג פון ליטעראטור.

## לייענט פאַר אייערע קינדער!

דעם חשק צו לייענען דאַרף מען אַנטוויקלען. עס איז אַ נע־וויסע גייסטיקע פעאיקייט, וועלכע דאַרף ווערן אונטערגעהאַלטן און געשפּייזט מיט שטענדיקער איבונג.

אַ מענטשן, וואָס האָט קיינמאָל נישט געלייענט, קומט אָן די מלאָכה זייער שווער. ער ווערט מיד פון די ערשטע פּאָר שורות און לייגט אַוועק דאָס בוך. פאַר אַ פויער, אַ האַלבן אַנאַלפאַבעט, קען זיין לייכטער אַנצוהאַקן אַ פורל האָלץ ווי איין מאָל אַוועק־לייגן זיין חתימה, אָדער אַרומטראַכטן אַ וואָסערן ניט־איז ענין. צו פיזישער אַרבעט איז ער געוואוינט, צו גייסטיקער — נישט.

מיט מענטשן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט גייסטיקער טעטיקייט קען פאָרקומען אַ פאַרקערטע דערשיינונג. זיי קען מיד־מאַכן די קלענסטע פיזישע אָנשטרענגונג, דאַקעגן מיטן מוח זיינען זיי גרייט צו קערן הרים.

עס איז אומגעזונט, ווען איין טייל פון די מענטשלעכע פעאי־קייטן ווערן אַנטוויקלט אויפן חשבון פון די אַלע איבעריקע טיילן.

„אם אין קמח, אין תורה", — האָבן געזאָגט אונזערע חכמים, — און דער דאָזיקער אַלטער אמת ווערט היינט אויסגעדריקט מיטן דעוויז: אַ געזונטער גייסט אין אַ געזונטן גוף.

די מאָדערנע דערציאונג באַמיט זיך דעריבער צו אַנטוויקלען אַזוי די פיזישע ווי אויך די גייסטיקע פעאיקייטן. אַ קינד דאַרף האָבן לופט, זון, גוטע שפּייז, אַ סך באַוועגונג און שפּיל, וואָס זאָל באַגינסטיקן דעם פּראָצעס פון זיין פיזישן וואוקס. ניט ווייניקער דאַרף אויך געזאָרגט ווערן פאַר זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג. אויך דער גייסט, דעם קינדס אינטעלעקט, זיין מוח און געפילן, דאַרפן האָבן גינסטיקע באַדינגונגען, און נאָך מער — אַ צוגעפּאַסטע טעטיקייט, וואָס זאָל שפּייזן, אַנטוויקלען און סטימולירן זייער וואוקס.

אַ אינגל וואָס קלאַפּט אַ פּאָר שעה דורכן טאָג די פּילקע אין גאַס, וועט זיכער האָבן געזונטע פיס און אַ פלינקן גוף; וועט ער זיך אָבער אויסשליסלעך אָפּגעבן מיט דער דאָזיקער פיינער מלאכה, איז אויך נישט ווייניקער זיכער, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ מייסטער פון דער „פיזישער קולטור" און מיט דער גייסטיקער קולטור וועט אַזאַ בחור קיין שייכות נישט האָבן.

בא נאָרמאַלע און גינסטיקע באַדינגונגען זאָרגן שוין די קינדער אליין פאַר זייער פיזישער „אויסבילדונג". די פאַרלאַנגען און נויטן פון קערפּער זיינען צודרינגלעכער ווי די פאָדערונג פון גייסט. אַ געזונט קינד וועט אומבאַוועגלעך ניט זיצן, און אין אַ שיינעם טאָג וועט עס זיך רייסן אויפן גאַס. בא אַ פיזיש נאָרמאַל קינד קען דער חשק צום שפּילן זיין אַ סך שטאַרקער ווי דער חשק צום לערנען און צו לייענען. אויפן געביט פון דער גייסטיקער דערציאונג איז דעריבער באַזונדערס נייטיק די אויפמערקזאַמקייט און די אָנפירונג פון די עלטערן און לערער.

אין דער הינזיכט קען זייער פיל אויפטון די היים. די עלטערן דאַרפן זאָרגן, אַז זייערע קינדער זאָלן לייענען און דאַרפן גוט אַכטונג געבן אויף דער ליטעראַטור, וועלכע די קינדער פאַרשלינגען אָפּטמאָל אָן אַ סדר און אָן אָן אָפּקלייב.

לייענען דאַרף מען אָנהייבן פֿאַר די קינדער נאָך אַ סך פֿריער איידער זיי הייבן אָן צו גיין אין שול. פֿאַר אַ קינד פֿון דריי אָדער פֿון פֿיר יאָר קען מען שוין פֿאָרלייענען מעשהלעך. אין אידיש איז דאָ אַ גאַנץ היפּשע ליטעראַטור אױף דעם געביט, און אפילו אונזערע היגע שרייבער האָבן אין דעם זשאַנר פֿיל געשאַפֿן. אַ קינד וועט נישט מיד ווערן צו הערן אַ מעשהלע אומציילינקע מאָל, און יעדעס מאָל געפֿינט עס אויס אין דער זעלבער געשיכטע עפּעס אַ נייעס זין, וועלכן עס האָט פֿריער גאָרנישט באַמערקט אָדער דערפֿילט.

דעם קינדס פֿאַנטאַזיע, זיין פֿאָרשטעלונגס-קראַפֿט, טייטשט-אַריין אינעם מעשהלע וואָס עס וויל, און אָפּהענגיק פֿון זיין שטימונג באַקומען אויך שטענדיק אַן אַנדער אויסזען די פּערסאָנאַזשן וועגן וועלכע מען לייענט. דעריבער איז אַ קינד גרייט צו הערן די זעלבע געשיכטע אַ סך מאָל.

דאָס פֿאָרלייענען פֿאַרן קינד אין פֿאָרשול-עלטער שאַפֿט דעם אינטערעס פֿאַרן בוך און ווען דאָס קינד לייענט שוין זעלבסטשטענדיק, דאַרף עס פֿאָרלייענען פֿאַר די עלטערן. אָבער דאָס פֿאָרלייענען טאָר נישט טראָגן קיין כאַראַקטער פֿון אַ „פֿאַרהערן", נאָר פֿאַרקערט — די עלטערן אַליין דאַרפֿן אַרויסווייזן אַ פֿאַרינטערעסירונג מיטן געלייענטן און דערמיט מוטיקן דאָס קינד ווייטער זעלבסטשטענדיק צו גיין אױף די וועגן פֿון זיין גייסטיקער פֿאַרפֿולקאָמענונג.

## לייג נישט אָפּ אויף מאָרגן דאָס,
## וואָס דו קאָנסט מאַכן היינט

ווען מען איז אומבאַקאַנט דער אומאַנגענעמער געפיל, וואָס עס פאַרשאַפט אונז דער באַוואוסטזיין אַז מיר דאַרפן שרייבן אַ בריוו און דאָך שרייבן מיר נישט, און אַזוי גייען אַוועק טעג, וואָכן און אַמאָל אויך חדשים?

אין אַזאַ פאַל קלייבט זיך אָן אינעם אונטערבאַוואוסטזיין פון מענטשן אַ געוויסע אומצופרידנקייט, אַן אומרואיקייט און אַ פאַרדרוס אויף זיך אַליין. ווען מען דערמאַנט זיך — מאַטערט דאָס געוויסן, די פאַרשטעלונגס-קראַפט ברענגט ארויס פאַר די אויגן די אַלטע טאַטע - מאַמע, וועלכע וואַרטן פאַרצווייפלט אויף אַ בריוו פון זון ערגעץ אויף יענער זייט ים, און דער זון זוכט פאַר זיך אַ מאָראַלישע באַרעכטיקונג: — איך בין אַ פאַרנומענער מענטש, טראַכט ער, שטענדיק פאַריאָגט, פאַרהאַוועט, פאַרזאָרגט, די דאגות-פּרנסה נעמען אַראָפּ דעם קאָפּ... און ער שמאַיעט און פילדערט נאָך שטאַרקער און באַקלאָגט זיך נאָך מער, כדי צו פאַר־

מיבן און שטילן די שטימע פון אייגענעם געוויסן, וואָס מאָנט, וואָרנט און באַמרואיקט.

און ווער עס פאַרמאָגט אַן עמפּינדלעכער געוויסן פילט יעדן מאַ־ראַלישן זעלבסטפאַרוואורף נאָך שטאַרקער און טיפער. דער מענטש פאַרביטערט זיך די שטימונג, ווערט נערוועז, פאַרלירט דעם אַפּעטיט, הגם נישט יעדערער גיט זיך אָפּ אַ קלאָרן דין־וחשבון וואָס מיט אים קומט פאָר.

אַן אַרבעט, וואָס ליגט אונז אין זכרון, וועלכע מיר דאַרפן טון און לייגן זי אָפּ, איז ווי אַ באַרג אויף די פּלייצעס, וואָס דריקט דעם געמיט און יאָגט אומבאַוואוסטזיניק אַן אויפן מענטשן אַ שאָטן פון טרויער.

לייג ניט אָפּ אויף מאָרגן דאָס, וואָס דו קענסט מאַכן היינט — איז נישט בלויז אַ קלוגער שפּריכוואָרט, נאָר אויך אַ טיפער פּסיכאָ־לאָגישער אמת. דאָס אָפּלייגן פון היינט אויף מאָרגן איז אַן אמתער גיפט פאַרן גייסט; אַ גיפט, וואָס אַרבעט לאַנגזאַם אָבער זיכער, וואָס צעפרעסט דעם כאַראַקטער פון מענטשן און פאַרדאַרבט אים די שטימונג. און דאָס אָפּלייגן אויף שפּעטער ווערט אַ געוואוינהייט, אַ שלעכטע געוואוינהייט, ווי אַ כראָנישע קראַנקהייט, וואָס דעמאָראַ־ליזירט גייסטיק דעם מענטשן און ער הייבט אָן צו אַרבעטן אָן אַ סדר, אָן אַ סיסטעם, אָן ליבע און אָן אינטערעס. אַזעלכע מענטשן טוען קיין איין אַרבעט נישט גרינטלעך און רואיק, זיי כאַפּן שטענ־דיק דעם סוף פאַרן אָנהייב און לעבן מיט דער אייביקער זאָרג, אַז זיי האָבן נאָך אַ סך וואָס צו טון און מיט דער מורא, אַז זיי וועלן דאָס נישט באַווייזן, אז ס'איז איבער זייערע כוחות, אַז זיי וועלן פאַלן אונטער דער לאַסט...

מען דאַרף זיך קענען דיסציפּלינירן און מיט אַ סדר און סיסטעם אויסנוצן די אייגענע צייט. אָפּלייגן אויף שפּעטער דאָס וואָס דאַרף און קען אָפּגעטון ווערן איצט, איז אַ צייכן פון געפערלעכער ווילן־שוואַכקייט, וואָס דאַרף באַקעמפט ווערן אין דער פרישטער יוגנט און אויפן ענערגישסטן אופן.

# פרייער דאַרף מען מאַכן די לעקציעס
# און נאָכדעם זיך שפּילן

לייג נישט אַפּ אַף מאָרגן דאָס, וואָס דו קענסט מאַכן היינט — איז, ווי מיר האָבן עס אויבן געזאָגט, אַ געבאָט פון אונזער פּסיכישער נאַטור, וואָס רעכנט זיך אומברחמנותדיק אָפּ מיט יעדן איינעם, וואָס וואַגט נאָר איבערצוטרעטן אירע שטרענגע און דראַסטישע געבאָטן.

אונזערע קינדער האָבן יעדן טאָג אַף אַ שעה אָדער צוויי שול־אַרבעט אין שטוב, און אייניקע פון זיי מאַכן אָפּ זייערע לעקציעס אַזוי גיך און לייכט, אַז אין שטוב מערקט מען גאָרנישט ווי זיי ווערן פאַרטיק; דאַקעגן פאַר אַנדערע קינדער, קומט אָן די היים־אַרבעט זייער שווער, און עס קומען דערביי אויך נישט אָפּ אָן עגמת־נפש די עלטערן.

און ווען די קינדער זיינען אָפּגעלאָזן, נאָכלעסיק און פויל, און האָבן אַ טבע אָפּצולייגן אַף שפּעטער און אַף מאָרגן דאָס וואָס זיי קענען מאַכן איצט — ווערן די לעקציעס אַן אמתע פּיין פאַר די קינדער און אַ זאָרג פאַר די עלטערן.

אַט קומט אַ קינד פון שול, עסט אָפּ און נעמט זיך שפּילן אָדער גלאַט אַזוי צערייבן זיין צייט. דאָס קינד איז פאַרטון, פאַר־האַוועט, פאַרנומען און פאַרשמאַיעט; דער מאַמען איז אַ שאָד עס אָפּצוריים פון זיינע טרוימען, און זי לאָזט אים זיך שפּילן.

אָבער אין דערווירקלעכקייט איז דאָס קינד נישט אינגאַנצן רואיק, נישט פולשטענדיק גליקלעך און זאָרגלאָז. אין זיין אונ־טערבאַוואוסטזיין מאַטערט אים אַ געדאַנק: עס דאַרף מאַכן די לעקציעס, און דער געדאַנק טאַטשעט ווי אַ וואָרעם און פאַרבי־טערט די שטימונג.

דאָס איז די שטימע פון געוויסן, וועלכע דאָס קינד פּרוּווט פאַרטרייבן, פאַרשפּילן און פאַרטויבן. אָבער דאָס געוויסן לאָזט זיך נישט, און בעת דאָס קינד איז, דאַכט זיך, מיט לייב־און־לעבן אריינגעטון אין שפּיל, גיט אים אַ ברען אין מוח: דו האָסט נאָך נישט געמאַכט דיינע לעקציעס, דער לערער וועט שרייען, די מאַמע וועט זיך בייזערן...

אינעם קינד קומט פאָר אַ גייסטיקער צוזאַמענשטויס, אַ שטילער אינערלעכער קאַמף פון ווילן און אינערציע, פון פליכט און עגאָיזם, פון געוויסן און אינסטינקט.

און דער דאָזיקער קאַמף איז אָפט גורם ערנסטע גייסטיקע שטערונגען, וואָס דריקט זיך אויס אין אַן אומרואיקייט און נערוועזיטעט. און צו דעם איז דאָ איין איינציקע תרופה, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם קלוגן פאָלקס־שפּריכוואָרט, וואָס זאָגט: לייג ניט אָפּ אויף מאָרגן דאָס, וואָס דו קענסט מאַכן היינט.

אַ מאָראַלישע דיסציפּלין מוז מען אויסבילדן בא די קינדער. אַ דיסציפּלין, וואָס פאָדערט דאָס ערשטע צו דערפילן די פליכט און לאָזן רואיק דאָס געוויסן. **אָן אַזאַ דיסציפּלין איז נישט מעגלעך קיין גייסטיקער גלייכגעוויכט און קיין אינערלעכער פרידן.**

# עקזאמענעס

עקזאמענעס — א ווארט, וואס איז פארבונדן מיט א סך איבערו און זארג פאר די קינדער. עס איז א יום־הדין, אין וועלכן עס ווערט אונטערגעצויגן א סך־הכל פון א יאר אפגעטוע־נער ארבעט.

ס'איז עקזאמען־צייט און די גוטע שילער ווי די שלעכטע לע־בן איבער א פעריאָד פון אינטענסיווער טעטיקייט. ווער עס גרייט־זיך און איז זיכער אז ער וועט „דורכגיין", ווער עס ארבעט און לעבט מיט האפענונגען, און ווער עס הארעוועט און האפט אף א נס־מן־השמים, אף א גליקלעכן צופאל, אף א „גראנדע".

אבער דער משפט איז באם עקזאמען ניט שטענדיק קיין גע־רעכטער און דער סך־הכל איז נישט פינקטלעך קיין אריפמעטישער. וואס מוז אין סומע געבן נישט מער און נישט ווייניקער וויפל צאלן מען רעכנט צוזאמען.

עס טרעפט, אז גוטע שילער, וואס האבן א גאנץ יאר ארויס־געוויזן גוטע אפצייכענונגען, זאלן באם עקזאמען ליידן א דורכ־פאל. דאקעגן זיינען דא פאלן, ווען גאנץ קנאפע ווייסער, וואס האבן א גאנץ יאר נישט אריינגעשמעקט אין די ביכער, זאלן באם עקזאמען דערשיינען ווי גאנצע למדנים.

דער אופן פון עקזאמענירן אפילו טראגט א מין גורל־כאראקטער. די שילער ציען גורל, יעדער איינער ציט א „בילעט", אף וועלכן ס'איז אנגעשריבן די טעמע אף וועלכער ער דארף ענטפערן. עס קען דעריבער טרעפן, אז א שלעכטער

שילער זאָל אַנטרעפן אַ „גוטע“ טעמע, עס הייסט, אַ לייכטן ענין אין וועלכן ער איז באַהאַוונט, און אַ בעסערער און פלייסיקער שילער זאָל ארויסציען אַ „נומער“ מיט זייער אַ שווערער טעמע, אָדער מיט אַזאַ ענין, אין וועלכן ער איז שוואַך אָדער הינטערשטעליק.

אַף אַזאַ אופן איז דער עקזאַמען ניט שטענדיק די אַבסאָלוט־ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פונעם וויסן, פון דער פלייסיקייט און פון דער אינטעליגענץ פון די שילער. ס׳טרעפט גאַנץ אָפט, אַז אַפילו גוטע שילער פאַרלירן זיך און ווערן צעטומלט באַם עקזאַמעניר־טיש. באַם אָנבליק פון פרעמדע מענטשן, וואָס זיצן מיט שטרענגע מינעס פון העכערע שופטים, ווערן קינדער צעטומלט; עס ווערט זיי הייס אין קאָפּ, די פיס הייבן אָן ציטערן, דער מוח זאָגט זיך אָפּ צו אַרבעטן און די צונג בלייבט ווי פאַרגליווערט...

ערשט נאָכן עקזאַמען דערמאָנט זיך אַזאַ אומגליקלעכער בחורל, אַז אַף די פראַגן וועלכע מען האָט אים געשטעלט האָט ער געקענט ענטפערן, מען האָט אים נאָר געדאַרפט געבן אַ ביסל געלעגנהייט רואיק צו דענקען און נאָכטראַכטן. אָבער באַם עקזאַמעניר־טיש האָט ער נישט געקענט קאָנצענטרירן נישט די געדאַנקען און נישט דעם זכרון.

זאָלן די עלטערן אין דער עקזאַמען־צייט ניט פאַרגרעסערן דעם פּחד פון די קינדער. זאָל מען אַף זיי ניט אָנוואַרפן קיין שרעק, אַז זיי וועלן אויך „אַריינכאַפּן אַ חלק“ אין שטוב נאָך אַ דורכפאַל באַם עקזאַמען. אַף די קינדער ציטערט שוין אַזוי אויך די הויט, און אַף צו פאַרהיטן זייערע נערוון דאַרף מען זיי סטימולירן און צוגעבן מוט, אָבער נישט טעראָריזירן מיט קיין שרעקנס־בילדער ווי יענער ציגיינער, וואָס האָט געשלאָגן מכות־רצח זיין קינד עס זאָל נישט צעברעכן דעם קרוג, און האָט אים ערשט נאָך די קלעפּ געשיקט מיטן קרוג נאָך וואַסער...

די אָפּגעשטאַנענע און דעפעקטיווע קינדער ווערט מען מיט שטעקנס פון איין קלאַס אין צווייטן נישט אריבערטרייבן — צו זיי דאַרף מען אָנווענדן גאַנץ אַנדערע מיטלען — און צו די נאָרמאַלע און בעסערע שילער דאַרף מען איבערהויפּט ניט קיין שטעקנס, זיי טרייבן זיך אליין אונטער.

# נאָכן שול־יאָר

## וועגן די פּרעמיעס און אויסצייכענונגען, וואָס ווערן אויסגעטיילט די קינדער נאָכן שול־יאָר

שוין פאַרענדיקט דאָס שול־יאָר אין דער מלוכה־שול און עס הייבן זיך אויך אָן וואַקאַציעס אין די אידישע שולן. די ענדע שול־יאָר איז פאַרבונדן, ווי געוויינטלעך, מיט עקזאַמענעס, מיט פּרעמיעס, מיט אויסצייכענונגען און שול־אונטערנעמונגען. מיר האָבן שוין די פראַגע פון עקזאַמענעס באַרירט אין פאַריקן שמועס, און וועלן נאָר אין דעם פאַל פאַרברייטערן דעם ענין אין שייכות מיטן פּסיכישן אָפּקלאַנג אינעם קינד פון די אַלע פייערלעכע צערע־מאָניעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן סוף שול־יאָר.

ערשטנס, די פּרעמיעס. מען איז זיך נוהג אין אַ סך שולן אויסצייכענען די קינדער מיט אַטעסטאַטן, מעדאַלן, פּרעמיעס, אָדער גלאַט שבחים, וואָס ווערן אַראָפּגעזונגען פון דער בינע אויף די שול - ימים־טובים און אַפילו פאַרעפנטלעכט אין די ציימונגען.

ס'איז אַ מנהג פון קדמונים אויסצייכענען די גוטע און פלייסיקע תלמידים מיט אַ קניפּ אין בעקל, מיט שכר פאַר מעשים־טו־

בים, פאר ארבעטסזאמקייט, רואיקייט, פינקטלעכקייט און פאלגעוודיקייט.

ס'הייסט, מען דארף די גוטע סטימולירן, זיי זאלן נישט פארלירן דעם חשק צו לערנען און די שלעכטע דארף מען אנלערנען, זיי זאלן אוים קנאה צו די גליקלעכע און באלוינטע זיך נעמען צום לערנען.

אבער עס איז נאך נישט דערוויזן געווארן, אז די דאזיקע סיסטעם פון שכר און עונש, פון באלוינונג און שטראף, זאל געבן גוטע רעזולטאטן. פון דערציערישן שטאנדפונקט ברענגט אפטמאל אזא סיסטעם מער שאדן ווי נוצן. דאס גוטע קינד וועט נישט זיין א גאנץ יאר גוט נאר דערפאר ווייל מען האט אים געגעבן די פרעמיע, און עס וועט נישט ווערן שלעכט ווען מען וועט אים קיין אפצייכענונג נישט געבן.

די גוטע אדער שלעכטע מדות פונעם קינד, זיינען א פראדוקט פון א גאנצער ריי פיזישע און פסיכישע פאקטארן, וואס קומען זיי א רעזולטאט פון דער דערציאונג, פון דער היים, פון דער סביבה און, טיילוויין, אויך פון ירושה.

א קינד, וואס פארמאגט א שארפע אויפנעם־פעאיקייט, א שנעלע אריענטאציע, א געזעצטן און רואיקן טעמפעראמענט און א גוטן כאראקטער, וועט פון דער פרעמיע נישט ווערן בעסער און נישט ערגער. דאקעגן אבער, א קינד וואס איז פון דער נאטור צעשטרייט און נערוועז, וואס קען זיך נישט קאנצענטרירן אף איין געדאנק, וואס פארדרייעט די געדאנקען לאנגזאם און שווער, וועט מיט דער פרעמיע נים ווערן קליגער און פעאיקער, און אן א פרעמיע וועט אים נאך צו אלע זיינע מעלות צוקומען די קנאה, — אויב אנדערע קינדער ווערן יא אויסגעצייכנט, — און עס וועט ווערן נאך פארביטערטער, דערשלאגענער און ערגער.

דאס אויסצייכענען די פעאיקע קינדער סטימולירט זעלטן די אומפעאיקע, וואס בלייבן, דאס רוב, מיט א שטילער פארביטערונג אין דער נשמה און מיט אן אומעט, וואס לייגט זיך ווי א דרי־

קנדיקע לאסט אפן געמיט פון די אפגעשטאנענע קינדער, וועלכע וועלן גייסטיק נאך מער דערשלאגן און פארלירן אינגאנצן דעם חשק צום לערנען.

מען מוז דעריבער זיין שטארק אויסגערעכנט און פארזיכטיק מיטן אויסטיילן די פרעמיעס און שבחים פאר די גליקלעכע און אויסדערוויילטע, כדי נישט צו פארוואונדן די צארטע און יונגע הערצער פון די, וועלכע האבן נישט דאס גליק אויסגעצייכנט צו ווערן.

דאס זעלבע איז מיט די טראדיציאנעלע שול-אונטערנעמונגען, וואס ברענגען אריין א סך פרייד אין שול, אבער וואס פארשאפן אייך אפט א סך פיין די קינדער, וועלכע נעמען אין דער פארהוויילונג נישט קיין אנטייל. עס איז אוודאי אומעגלעך צו באטיילן אלע קינדער מיט ראלן, אבער מען מוז זיך דאך באמיען יעדעס קינד ווי נישט-איז צו געבן א פלאץ אף דער בינע און אן אנטייל אינעם יום-טוב. זאל אים די ענדע פון שול-יאר נים איבערלאזן קיין דערינערונג פון ליידן און פארביטערונג אין דער נשמה.

מען מוז שטארק היטן די צארטע עמפפינדלעכקייט פון קינד, נישט פארוואונדן זיין נאטירלעכן געפיל פון זעלבסטליבע, און נים ארויסרופן בא אים קיין גייסטיקע דעפרעסיע, און נישט קיין פאר-דרוס בא די אלע פייערלעכע שול-אקטן, וואס זיינען פארבונדן מיטן סוף שול-יאר.

דריטער טייל:

# דאָס קינד אין גאַס

װאַקאַציעס ........................................ 99
נוצט אויס ראַציאָנעל די װאַקאַציעס־צייט .............. 102
מעגן קינדער זיך שפּילן אין גאַס? ........................ 105
די װירקונג פון קינאָ אפן קינד ............................ 108
דער קינאָ קען ברענגען מער שאָדן װי נוצן ............. 111
מעגן קינדער גיין אין טעאַטער? .......................... 114

# וואַקאַציעס

ס׳ווערט געשלאָסן דאָס שול־יאָר און די קינדער באַקומען וואַקאַציעס. דאָס קליינוואַרג פרייט זיך — פאַרענדיקט אַ יאָר אַרבעט און עס קומט אַ באַרעכטיקטער און גוט־פאַרדינטער אָפּרו.

עס איז נאָר אַ פראַגע ווי אויסצונוצן דעם אָפּרו אויף אַ ראַציאָנעלן און פראַקטישן אופן. זיכער איז דער אידעאַלסטער אָפּרו אויף דער פרייער לופט. דאָס קינד דאַרף זיך אָפּרוען נישט נאָר פון דער שול און פון דער שול־אַרבעט, נאָר אויך פון דער איינמידנדיקער און דענערווירנדיקער שטאָטישער סביבה, וואָס דערשעפט נישט נאָר דעם דערוואַקסענעם, נאָר רופט זיך אויך שווער אָפּ אויפן גייסטיקן גלייכגעוויכט פון די קינדער.

די רואיקע דאָרפישע אומגעבונג, די פרישע פעלד־לופט און די באַרואיקנדיקע שטילקייט פונעם דאָרפישן לעבן קרעפטיקן די נערוון און דעם מידן גייסט פונעם שטאָטישן מענטשן, וואָס פיבערט מיטן שטענדיקן אימפעט פונעם גרויסשטאָטישן לעבן. קינדער, וואָס האָבן אַ גאַנץ יאָר זיך פאַרנומען מיט גייסטיקער אַר־

בעט, נייטיקן זיך באזונדערס שטארק אין אזא געזונטער און נאַ-טירלעכער אפפרישונג.

דעם פאזיטיוון רעזולטאט פון אזא מין אפרו דארף מען נישט מעסטן מיט די פאר צוגעקומענע קילא וואג, וועלכע דאס קינד האט אף זיך ארויפגענומען. ארויפטרייבן אף א קינד שמאלץ קען מען גיכער אין שטאט און אין שטוב, וואו עס פעלט רוים און לופט, וואו עס פעלט ארט פאר באוועגונג, וואו די פארדייעטע שפייז פארוואנדלט זיך נישט אין ענערגיע און מוסקול-קראפט, נאר אין שטיקער שמאלץ, מיט וועלכע עס צייכענען זיך אפט אוים די שטאטישע קינדער.

אויב א קינד האט אין קאלאניע נישט ארויפגעצויגן אף זיך נאך א פאר קילא, הייסט עס נאך נישט, אז עס האט גארנישט געוואונען. די דארפישע לופט רייניקט אוים די לונגען, פרישט אפ דאס בלוט, בארואיקט די נערוון און לייטערט אוים דעם קאפ פון די שטאטישע ארבעטס-זארגן פון וועלכע עס זיינען נישט פריי אפילו די קינדער.

אוודאי האבן נישט אלע די מעגלעכקייט צו פארלאזן אף די זומער-חדשים די שטאט. אבער כמעט אלע האבן די מעגלעכקייט ארויסצושיקן זייערע קינדער אין די אומזיסטיקע מלוכהשע זומער-קאלאניעס. אין דעם זין האט דער ארגענטינער נאציאנאלער ביל-דונגס-ראט פאר די קינדער א סך אויפגעטון און די געלעגנהייט דארף ברייט אויסגענוצט ווערן, אין צוליבן געזונט פון די קינדער דאף מען זיי שיקן אף די זומער-קאלאניעס.

אבער די זומער-קאלאניע דויערט נישט מער ווי איין חודש — גענוג צייט אף צו פארברוינען די יונגע הויט און אפפרישן די כו-הות — פון דער לײדיקגייעריי ווערט מען גיך מיד און מיט גאר-נישט טון קען א קינד זיינע טעג נישט אויספילן.

מיט פוסט-און-פאסעווען בארואיקט מען נישט דעם קערפער און אויך נישט דעם גייסט, וואס נייטיקט זיך אין א שטענדיקער איבונג און ארבעט, כדי נארמאל צו וואקסן און זיך אנטוויקלען. גענוג, אז דאס קינד איז פריי פון די שול-פליכטן, א גענצלעכע בא-

פּרייאונג פון פליכטן און אַרבעט קען נישט מער ווי דעמאַראַליזירן דעם קערפּער און פאַרטעמפּען דעם גייסט.

די פרייע צייט דאַרף מען זייער שטרענג דיסציפּלינירן אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס קינד זאָל האָבן זיינע שעהן אויף אָפּרו און זיין צייט אויף אַרבעט. על הכל עת, אויף אַלץ דאַרף זיין צייט, און נאָר אין אַ ראַציאָנעלער פאַרטיילונג פון אַרבעט און רו — אַפילו אין די וואַקאַציעס — ליגט דער סוד פון אמתן גייסטיקן און פיזישן אָפּרו.

די אידישע שול לייזט אויף אַ נאַטירלעכן און ראַציאָנעלן אופן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם. די קינדער, וואָס באַזוכן די אידישע שול זיינען פאַרנומען בלויז עטלעכע געציילטע שעה אין טאָג און האָבן נאָך איבערגענוג צייט אויף שפּיל, אויף אָפּרו, אויף לייענען און פאַרברענגען.

די אידישע שול, וואָס האָט נישט אַזעלכע לאַנגע וואַקאַציעס ווי די מלוכה-שול, נעמט צו דעם איבערפלוס פון פרייער צייט, וואָס בלייבט בא די קינדער אין פאַרלויף פונעם גאַנצן זו־מער, און דער אָפּרו פון איין שול — פון דער רעגירונגס-שול— צוזאַמען מיט דער זומער-קאָלאָניע, זיינען גענוג אויף געבן צו פילן די שילער דעם זיסן טעם פון וואַקאַציעס.

לערנען אידיש, און לייענען — דאָס דאַרף זיין די הויפּט-אַר־בעט פון די קינדער אין דער צייט פון די וואַקאַציעס. דאָס לייענען איז נישט בלויז אַ דערציאונגס-מיטל, נאָר אויך אַ פאַרווייל ונג, אַ נוצלעכער צייט-פאַרטרייב, בא וועלכן עס רוט אָפּ דער גייסט פונעם מענטשן.

די קינדער דאַרף מען געוואוינען צו לייענען, אַזוי אידיש ווי שפּאַניש, און די וואַקאַציעס גיבן אויף דעם צייט. עס דאַרף נאָר זיין ווילן.

# נוצט אויס ראַציאָנעל
# די וואַקאַציע־צייט

די שול נעמט צו בײַ די עלטערן אַ גרויסן טייל פון פון זייער זאָרג און פון זייער אויפזיכט איבער די קינדער. ווען דאָס קינד באַזוכט נאָך צוויי שולן — ווי אַ גרויסער טייל פון אונזערע אידישע קינדער — זיינען די עלטערן כמעט ווי אינגאַנצן פטור פון דער זאָרג זיך צו באַשעפטיקן און אַכטונג־געבן אויפן קינד אין פאַרלויף פון גאַנצן טאָג.

בעתן שול־יאָר איז דעריבער דאָס קינד מער אָנגעוויזן אויף די שולן ווי אויף דער שטוב, און אויף די לערער מער ווי אויף די עלטערן. באַזונדערס שאַרף ווערט דעריבער דאָס „פּראָבלעם" פון דערציאונג אין דער צייט פון די וואַקאַציעס און נישט איין מאַמע גיט מיט ציטער אַ טראַכט, וואָס וועט זי מיט אירע „באַנדיטן" טון ווען זיי וועלן פריי־זיין פון די שולן און אַ גאַנצן טאָג „ליגן אויפן גאַס" אָדער „איבערקערן" די שטוב.

און ווירקלעך איז דאָס אַ פּראָבלעם, וועלכן מיר האָבן שוין

באַרירט, און באַ דער געלעגנהייט זיינען מיר ניט אויסן צו געבן די עלטערן קיין עצות ווי אַזוי נאָך מער אַרומשניידן און צונעמען דעם קינדס פרייע צייט. פאַרקערט, מיר ווילן אָנווייזן ווי אַזוי דאָס קינד זאָל וואָס ראַציאָנעלער אויסנוצן, — לויט זיין ווילן און פאַרלאַנג, — די קורצע עטלעכע שעה, וועלכע עס האָט פריי פון שול־פליכטן און אַף וועלכע עס איז אַליין באַלעבאָס.

און דאָס איז זייער וויכטיק: **אַ קינד דאַרף האָבן יעדן טאָג געוויסע מאָמענטן, וועלכע גיבן אים דעם באַוואוסטזיין, אַז אַף דער צייט איז עס באַלעבאָס, און קען טון וואָס עס וויל און נישט וואָס דער טאַטע אָדער די מאַמע וועלן אים הייסן.**

אַן אַרבעט וואָס מען טוט אַף אַ באַפעל — עס מעג אפילו זיין אַפן צאַרטסטן באַפעל פון דער מוטער — שאַפט אָפט דעם באַוואוסטזיין פון אַן אַרויפגעצוואונגענער פליכט; די זעלבע אַרבעט אָבער, ווען זי ווערט געמאַכט פרייוויליק פאַרשאַפט אַ טאָפּלטן פאַרגעניגן און מאַכט אַפן קינד אַן איינדרוק פון אַ שפּיל, וואָס ווערט פאַראייניקט מיטן אָנגענעמען געפיל פון אַ פריי־דערפילטער פליכט, וואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אַף זיין אייגענער איניציאַטיוו און מיט זיין אייגענעם ווילן.

אָבער אַ קינד וועט דאָס רוב זיך ניט איינשפּאַנען אין דער אַרבעט אין זיין פרייער צייט, סיידן די אַרבעט איז אים באַזונדערס ליב און פאַרשאַפט אים גרויס פאַרגעניגן. עס וועט דעריבער זיך נישט אָנוועקזעצן לערנען, נאָר וועט גיין זיך שפּילן; וועט נישט בלייבן אין שטוב, נאָר לויפן אַפן גאַס און נישט זיין אַליין, נאָר זיך זוכן חברימלעך.

און דאָס אַלץ איז זייער נאַטירלעך און געזונט.

זיך שפּילנדיק איבט דאָס קינד אַלע זיינע חושים און אָרגאַנען, עס אַנטוויקלט זיין גאַנצן קערפּער, קאָנצענטרירט זיין אויפמערקזאַמקייט, יאָגט שטאַרקער דאָס בלוט אין די אָדערן און די געדאַנקען אין מוח. בעתן שפּיל לערנען זיך אויס די קינדער שנעל צו האַנדלען, שנעל זיך אָריענטירן און שנעל צו ענטפערן דעם קעגנער מיטן מויל, און אָפט אויך — מיט דער פויסט.

אין שפּיל, און אין גאַס, באַווייכערט זיך דאָס קינד מיט נייע דערפאַרונגען, מיט נייע דערשיינונגען און מיט נייע חברים. עס לערנט זיך אויס צו דערקענען די וועלט און נישט זיין פארשלאָפן פארחלומט און פארטרוימט. עטלעכע קינדער צוזאמען זיצן זעלטן רואיק, זיי געפינען שוין וואָס צו טון און ווי אזוי צו באשעפטיקן און געבן ארבעט איינער דעם אנדערן.

אלץ וואָס „צו" איז אומגעזונט. צו פיל שפיל איז פונקט אזוי שעדלעך ווי צו פיל לימוד, ווי צו פיל עסן, און ווי יעדער אנדער „צו פיל". אין אלץ דארף זיין א מאָס. א קינד דאַרף אויסנוצן זיינע וואַקאַציעס, עס דאַרף פון זיי געניסן, עס דאַרף זיך שפּילן, עס מעג זיין אף דער גאַס, עס מוז זיין מיט חברים, און נאָך מער מיטן באַוואוסטזיין פון זיין פרייהייט צו געניסן פון זון און פון לופט.

די עלטערן דארפן אים וואָס ווייניקער שטערן, אָבער נישט איפהערן צו וואכן, צו זאָרגן און דיסציפלינירן די אומגעצוימטע אינסטינקטן פון קינד, וואָס דארף זיך לערנען נישט איבערצוכאפּן די מאָס, ווִיסן „וואו איין און וואו אויס" און פארשטיין וואָס איז פאר אים שעדלעך און וואָס נוצלעך.

## מעגן קינדער זיך שפּילן אין גאַס?

פאַרװאָרלאָזטע קינדער, אַז עלטערן און אָן אױפזיכט, פאַר־ברענגען זײער קינדהײט אַף דער גאַס. און קלאָר, אַז די גאַס קען קײן גוטע דערציאונג נישט געבן. אין גאַס קומט זיך צונױף דאָס קינד מיט שלעכטע חברים, גײט אװעק אַף פאַלשע װעגן, װערט צײטיק פאַר דער צײט און זינקט אָפּט אין אָפּגרונט פון פאַרברע־כן און דעגענעראַציע אפן גאַנצן לעבן.

דאָס איז גערעדט געװאָרן װעגן קינדער פאַרװאָרלאָזטע. גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער מיט קינדער, װאָס האָבן אַ הײם און אַ שטוב, און װאָס פאַרברענגען בלױז זײער פרײע צײט אין גאַס, באַ שפּילערײען מיט זײערע חברימלעך, אָדער מיט די קינדער פון דער געגנט.

פיל עלטערן באַקלאָגן זיך אַף דער װירקונג פון דער גאַס, װאו די קינדער לערנען זיך אָפּ מיא.סע װערטער און מיאוסע גענג. און די טענות פון די עלטערן זײנען דאָס רוב

גענוג באַרעכטיקטע, און נאָך מער באַרעכטיקט איז די מורא פאַר דער גאַס, וואו דאָס קינד איז ווירקלעך אויסגעשטעלט אױף אַ סך פּיזישע און מאָראַלישע געפאַרן.

אױף דער גרויסשטאָטישער גאַס פליען מיט אַ משוגענער שנעל־קייט די אויטאָס און נישט ווייניק איז די צאָל קרבנות, וואָס זיי פאַרורזאַכן צווישן די אומפאַרזיכטיקע קינדער, וועלכע ליידן אַמערסטן פון די פאַרשיידנסטע גאַסן־אַקצידענטן. אויך טרע־פן זיך אַן קינדער אין גאַס מיט שלעכטע חברים, פון וועלכע זיי לערנען זיך אָפּ שלעכטעביישפילן און מיאוסע רייד.

נישט איינמאָל טרעפט, אַז אין אַ געגנט הערשט איבערן קליינוואַרג איינער אָדער צוויי קינדער, וואָס האָבן זיך אָפּגע־לערנט פאַרשיידענע מיאוסע זיטן און דערפאַר אימפּאָנירן זיי זיך אױף די איבעריקע קינדער, וואָס קוקן אױף די שלעכט־דערצויגענע חברה־לייט מיט רעספּעקט און באַוואונדערונג.

די גאַס האָט זיכער אַ סך נעגאַטיווע זייטן און עס איז, אין אַ געוויסער מאָס באַרעכטיקט דער אומצופרידן און די מורא פון די עלטערן פאַר דער ווירקונג פון דער גאַס.

אָבער אייניקע עלטערן בייגן איבער דעם שטעקן אױף דער צווייטער זייט און לאָזן אינגאַנצן נישט אַרויס זייערע קינדער אױף דער גאַס. און קינדער וואָס האָדעווען זיך אויס אונטער דער מאַ־מעס פאַרטוך פאַרמאָגן נישט ווייניקער נעגאַטיווע שטריכן ווי די חברה פון דער גאַס. אַזעלכע באַשעפענישן זיינען ווי אָפּגעהיטע עקזאָטישע בלימלעך, וואָס קענען נית פאַרליידן קיין פרייע לופט, און וואָס זיינען נישט פעאיק אליין זיך צו פאַרוואָרצלען און ציען זאַפט פונעם נאַטירלעכן באָדן.

אַזעלכע קינדער זיינען דאָס רוב ציטעריק, פאַרפּעשטשעט, ווייכלייביק, עגאָאיסטיש, אָן ווילן, אָן איניציאַטיוו, מיט אַ קרענק־לעכער עמפּפינדלעכקייט און מיט אַ שטענדיקער מורא פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען. פאַרצערטלטע קינדער זיינען אויך דאָס רוב זייער פויל, מיט אַ שלעכטן אַפּעטיט צום עסן, און מיט נאָך אַן ערגערן אַפּעטיט צום לערנען.

מיר גיבן עס נישט אָן פאַר אַ כּלל. נאָר מיר נעמען בלויז די עקסטרעמען. עס שפּילט אַ גרויסע ראָלע די סביבה פון שטוב, ווי אויך פון דער אנדערער זייט, די סביבה פון גאַס.

מען מוז אָבער אָנערקענען, אַז אין גאַס, עס הייסט, בײַ די שפּילערייען מיט קינדער אַנטוויקלט זיך אין קינד זיין זעלבסט־שטענדיקייט, זיין איניציאַטיוו און אונטערנעמערישקייט. זיינע מוסקולן און זיין קאָפּ מוזן אַרבעטן אַקטיוו און ענערגיש, כּדי ניט צו בלייבן הינטערשטעליק לגבי אַנדערע קינדער. איינגלעך באַקומען שטריכן פון מענערישקייט און דרייסטקייט, פון ווילן און אויסדויער. זיי כאַפּן קלעפּ, אָבער זיי לערנען זיך אויס צו גיבן צוריק. און פאַרטיידיקן דעם אייגענעם כּבוד און די אייגענע ביינער דאַרף מען קענען. און דאָס לערנט מען זיך אויס אין די פרייע און אומגעשטערטע שפּילערייען מיט אַנדערע קינדער, אָן דער אויפזיכט פון עלטערן, אָן די מוסר־דרשות פונעם טאַטן, און אָן דעם פאַרטוך פון דער מאַמען.

די גאַס האָט, אַף אַזאַ מין אופן, אויך אירע פּאָזיטיווע עלעמענטן. ווען מען קען אויסמיידן די גאַס איז גוט, אויסמיידן אָבער די קינדער־שפּילערייען און נישט לאָזן די קינדער פריי זיך שפּילן מיט זייערע חברימלעך, טאָר מען נישט.

# די ווירקונג פון קינאָ אפן קינד

אונזערע קינדער באַזוכן אָפט, שוין צו אָפט, דאָס קינאָ-טעאַטער. דאָס איז אייגנטלעך אַ פאַרוויילונג אַ צוטריטלעכע און גאַנץ ביליקע אין דער גרויסער שטאָט. אין בוענאָס-איירעס מוזן זיין נישט ווייניקער קינאָס ווי שולן. באַזוכער האָבן זיי זיכער מער, און וואָס הערן אוים מיט מער ליבע, אויפמערקזאַמקייט און רואיקייט די קלאַנגען פון עקראַן ווי די טענות פון די לערער אין די קלאַסן.

באַ די היזיקע קינדער איז שוין איינגעפירט, אַז זיי באַקומען יעדע וואָך אויסגעטיילט זייער „פּאָרציע" ביאָגראַף. און ווי עס קריסטלט זיך אַזוי אידלט זיך. איינמאָל אין וואָך גייען כמעט אַלע קינדער אין ביאָגראַף. און אַז דאָס קינד איז אַ ביסל צעפּיעשטשעט און ציטעריק, באַקומט עס פון דער מאַמען — אַז דער טאַטע זאָל נישט הערן — נאָך אַ פּאָרציע ביאָגראַף. ווען דאָס קינד פירט זיך אויף גוט און טאַטע-מאַמע זיינען צופרידן, באַקומט עס ערשט אַ מתנה אַף אַ בילעט אין ביאָגראַף. און גלאַט אַזוי, ווען עס איז

אמאל גוט אפן הארצן נעמט מען זיך די קינדער און מען גייט מיט זיי אין ביאגראף, און פארקערט ווידער: ווען עס איז אמאל ביטער אף דער נשמה און די קינדער פארדרייען דעם קאפ, גיט מען זיי די עטלעכע סענט און מען שיקט זיי אוועק אין ביאגראף.

א סך עלטערן טראכטן טאקע, אז איידער דאס קינד זאל ארומלויפן איבער דער גאס, זיך אויסשמירן, צעשלאגן, צי נאר חלילה טרעפן אונטער אן אויטא, איז שוין בעסער ס'זאל זיצן אין ביאגראף. די אינגלעך באזונדערס, וואס „קערן" געווינטלעך איבער די שטוב, וואס דארפן האבן — ווי די מאמעס טענהן, —א דינכט וואס זאל זיי נאכגיין און ארומראמען, קומען פון קינא שפילע, פארטראכטע, רואיקע, פארחלומטע און מידע. זיי עסן אפ, גיבן א מאך די לעקציעס, שא-שטיל, און גייען זיך רואיק שלאפן.

—ווען נישט דער ביאגראף, וואלט מען פון דעם באנדיט נישט געקענט איסהאלטן, — אזוי דרשנט נישט איין מאמע.

—נא דיר צוואנציק סענט, און לאמיר דיך נישט אנקוקן. אדער: — נא, גיי שוין אוועק אין „סינע" און זאל מיר דער טשאד אביסל ארויסגיין פון קאפ! — דאס זיינען טענות וואס מען הערט פון א סך מאמעס.

און ווירקלעך, דאס לעבן אין דער היגער גרויסשטאטישער ענגשאפט. און ווען גאט העלפט נאך מיט עטלעכע קינדערלעך, איז נישט פון די גאר לייכטע ביסנס. זיינען טאקע א סך מאמעס צופרידן ווען זיי קענען זייערע קינדער ארויספאטערן אף א האלבן טאג אין ביאגראף, און בפרט נאך ווען מען קריגט דעם פארגעניגן גאנץ ביליק.

די קינדער-באזוכער אין די ביאגראפן ווערבירן זיך טאקע אמערסטן פון די ארעמערע שיכטן. א קליינער שפאציר איבער די קינא-זאלן באטאג, וואו א ריזיקע מאסע קליינוואַרג פילט אן די פאדערשטע בענק, קען יעדן אין דעם איבערצייגן. אבער אונז אינטערעסירט נישט אין דעם פאל דער סאציאלער באשטאנד פון

די קינא-באזוכער. נאר די פסיכישע און דערציערישע ווירקונג פונעם קינא.

אין אייניקע לענדער זיינען איינגעפירט געווארן געוויסע באשרענקונגען פארן באזוך פון די קינדער אין קינא. אין די פארייניקטע שטאטן ווערן קינדער נישט אריינגעלאזן אן דער באגלייטונג פון עלטערע. אין אייניקע אייראפעאישע לענדער איז איינגעפירט א שטרענגער קאנטראל אף די בילדער, און באטאג ווערן נאר געוויזן אזעלכע פילמס, וואס זיינען ספעציעל געשאפן פאר די קינדער-אודיטאריעס, אדער וואס זיינען מער-וויניקער צוגעפאסט צו דער אויפנעם-פעאיקייט פון די קינדער.

בא אונז איז אין דעם זין א פריילאנד. עס הערשט אף דעם געביט א פולשטענדיקער ווילקיר און עס ווערן אפט געוויזן פאר די קינדער בילדער, בא וועלכע דערוואקסענע ווערן רויט, אין אויב די עלטערע קען עס שוין נימ שאטן, ווירקט עס אבער אומגינסטיק אף דער אנטוויקלונג פון די קינדער, וועלכע ווערן פריי־צייטיק אריינגעפירט אין דער סודותפולער וועלט פון אינטימע געפילן און וואס ווערן דעריבער צייטיק פאר דער צייט. און די עפל, וואס ווערן צייטיק פאר דער צייט זיינען, ווי באוואוסט, צעפרעסן פון ווערים.

דער ביאגראף איז שוין ווייט נישט אזא אומשעדלעכע פארווילונג, ווי אייניקע מיינען. דער קינא פארמאגט נישט וויניקער געפארן ווי „די גאס" און פארקריפלט גאנץ אפט זייער טיף די נשמה פון זיינע יונגע, אומדערפארענע און לייכטגלויביקע צושויער.

## דער קינאָ קען ברענגען מער שאָדן ווי נוצן

דער ביאָגראַף עפנט פאַר די קינדער אַ נייע אויסטערלישע וועלט, מיט נייע מענטשן, זיטן און מנהגים. דער קינאָ פאַרברייטערט דעם קינדס האָריזאָנט, אָבער ער ריכטעט אָפּט זיין אויפמערקזאַמקייט און אַנטוויקלונג אין נישט קיין געוואונטשענער ריכטונג.

מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז די אַלע פילמס, וועלכע ווערן געוויזן פאַר די קינדער באַטאָג, זיינען אויסגערעכנט פאַרן דערוואַקסענעם צושויער, און זיי ווערן אין די זעלבע קינאָס אויך געוויזן אין אָונט. עס זיינען אויך דאָ בילדער פאַר קינדער, איבערהויפּט די פאַרשיידענע קאָמישע סצענקעס, אָבער די קינדער זיצן געוויינטלעך אויס אין ביאָגראַף פיר, פינף שעה, און קוקן אויס נישט נאָר די קאָמישע בילדלעך, נאָר טאַקע איבערהויפּט די „ערנסטע" פילמס, מיט די אַלע ליבע־סצענעס און שפּאַנענדיקע האַנדלונגען, וואָס ציען צו די אויפמערקזאַמקייט פונעם קליינוואַרג און

גיבן א סך ארבעט זייער יונגער אומבאגרענעצטער פאנטאזיע.

קיין איין פאטער וועט נישט גיבן, א שטייגער, זיין צען, עלפיעריק קינד צו לייענען זיינע ביכער אדער זיין צייטונג, צי דעם ראמאן, וועלכן ער לייענט אין דער צייטונג. פאר קינדער איז דא א קינדער־ליטעראטור. אוודאי זיינען דא קינסטלערישע ווערק, וועלכע זיינען געשריבן פאר דערוואקסענע, דאך מעגן עס קינדער לייענען און זיי וועלן עס פארשטיין. אבער אזעלכע ווערק זיינען ווייניק דא אין דער וועלט־ליטעראטור און אז דאס קינד זאל האבן א צוטריט צו די גרויסע קינסטלערישע ווערק, באקומט עס א געוויסע צוגרייטונג אין שול, און אז דער מוח ווערט מיט די יארן רייפער, דער פארשטאנד ברייטער, די דערפארונג גרעסער, איז נאטירלעך, אז די אונטערגעוואקסענע קינדער זאלן זיך מער נישט באנוגענען מיט מעשהלעך, נאר זוכן ערנסטערע שאפונגען.

מיטן טעאטער, און איבערהויפט מיטן קינא, קומט אזא מין פראצעס נישט פאר. זעקס, זיבניעריקע קינדער גייען שוין אין ביאגראף און זיצן דארט אפ שעהן צוגעשמידט צו די שאטנס אפן ווייסן לייוונט. דער פילם איז דאך אויך א ווערק, געשריבן פאר דערוואקסענע, פאר וואס־זשע לאזט מען אהין אריינקוקן קינדער? איז דאס בילד ווייניקער שעדלעך ווי דאס בוך, וועלכעס איז נישט צוגעפאסט צו דער איפנאמס־פעאיקייט פונעם קינד?

דאס בוך ווערט זיך אליין קעגן די אומדערפארענע יונגע קעפ, עס איז פארשלאסן מיט א נאטירלעכן שלאס פאר די קינדער: זיי פארשטייען עס נישט, און במילא, דאס וואס זיי פארשטייען נישט, וועט זיי נישט אינטערעסירן און זיי וועלן עס נית לייענען.

דאס איז גערעדט געווארן בנוגע קינסטלערישע ווערק. גאנץ אנדערש איז מיט דער שונד־ליטעראטור, וואס איז אויסגערעכנט פארן נישט איבערקלייבערישן געשמאק, און וואס איז בלויז באפעפערט מיט סענסאציאנעלע און פאנטאסטישע געשיכטעס, אדער מיט פיקאנטע שטעלן, וואס פאראינטריגירן דעם אומדערפארענעם לייענער. דא קאן שוין אויך געשטרויכלט ווערן א קינד. און אפט זעט מען ווי עלף, צוועלפיעריקע קינדער שלינגען טויזנט־

בלעטערדיקע שונד־ראָמאַנען. זיי פאַרשטייען טאַקע נישט אַלץ, אָבער זיי כאַפּן אויף די פּיקאַנטע אָדער פאַנטאַסטישע שטעלן און פאָרן מיט אומגעדולד ווייטער, כדי זיך צו דערוויסן דעם סוף פונעם העלד אָדער העלדין.

די קינאָ־פילמס זיינען עס דאָס רוב אַזעלכע שונד־ראָמאַנען, וואָס פאַרמאָגן אָבער פיל מער מעגלעכקייטן אַף צו באַצויבערן און צושמידן די אויפמערקזאַמקייט פון די קינדער. די רייכקייט פון די קינאָ־אויסשטאַטונגען, די שפע פון די פאַרבן און קלאַנגען רייסן אַפּ דאָס קינד פון דערווירקלעכקייט און פירן עס אריין אין אַ וואונדער־וועלט פון פאַנטאַסטישע זעאונגען און שפּירונגען.

דער דערוואקסענער האָט נאָך אַ באַשטימטן קאָנטראָל איבער זיך, אַ געוויסע קריטישע באַציאונג צו די שאָטנדיקע דערשיינונגען אפן ווייסן לייוונט, אַ קינד לאָזט זיך איינגאַנצן באַהערשן פונעם געזעענעם און נעמט אַלץ אויף ווי אַ רעאַלע ממשותדיקע ווירקלעכקייט.

אַרויסגייענדיק פון ביאָגראַף שפּינען די קינדער ווייטער דעם פאָדים פון חלום, וועלכן זיי האָבן געזען אפן עקראַן און טרוימען מיט די זעאונגען, וועלכע זיי האָבן אויפגענומען אפן לייוונט.

דער ביאָגראַף פאַרזייט אַ פּרוכטלאָזע טרוימעריי אין די נשמות פון די קינדער, וועלכע הייבן אָן שפּייזן זייערע טרוימען און פאַנטאַזיעס נישט מיט די דערפאַרונגען פון דער ווירקלעכקייט, נישט מיט פּרוכטבאַרע קינסטלערישע זעאונגען פון דער ליטעראַטור, נאָר מיט די אומגעזונטע שפּירונגען און רייצונגען וועלכע דאָס קליינוואַרג נעמט אויף אין דער פינצטער פון די קינאָ־זאַלן.

## מעגן קינדער גיין אין ביאָגראַף?

באַ אייניקע קינדער איז דער קינאָ אַ מין מאַניע, וואָס לאָזט זיי נישט רוען. מיטן קינאָ טרוימען זיי באַטאָג און חלומען באַנאַכט. אין ביאָגראַף ווערן זיי נישט מיד צו זיצן גאַנצענע טעג און אויסערדעם, וואָס דאָס ווירקט אומגינסטיק אַף דער פּסיכישער אַנטוויקלונג, מוז עס אויך שלעכט זיך אָפּרופן אַפן פיזישן צושטאַנד פון די קינדער, וואָס זיצן שעהן לאַנג פאַרשפּאַרט אין די קינאָ-זאַלן, אין וועלכע עס קומט נישט אַריין קיין פרישע לופט, און קיין שטראַל ליכט און זון.

אין די ווינטער-מאָנאַטן, ווען עס הערשן פאַרשיידענע עפּידעמיעס, זיינען די קינאָס די געפערלעכסטע פאַרשפּרייטער פון די קינדער-קראַנקייטן. ווען די עפּידעמיעס נעמען אָן אַ דראָענדיקן פאַרנעם ווערן, ווי באַוואוסט, צייטווייליק געשלאָסן די שולן. דאָס איז ווירקלעך אַ גוט מיטל אין קאַמף קעגן דער פאַרשפּרייטונג פון די קראַנקייטן. אָבער די שולן זיינען אין דער אמתן פיל היגיענישער, גרוימער און לופטיקער פון די קינאָ-זאַלן. און אויב די ביאָגראַפן ווערן דאָך נישט געשלאָסן פאַר די קינדער, בלייבט

פאַר די עלטערן דער אויסוועג אליין צו רעאַגירן און אָפּשטעלן די קינאָ־באַזוכן, אזוי לאַנג עס האַלטן אָן די עפּידעמישע קראַנקייטן.

דער קינאָ וואָלט געקענט זיין אַ מיטל פאַר אַ געזונטער גייסטי־קער אויסבילדונג, און אַ וויכטיקער פאַקטאָר פון דערציאונג און אַנט־וויקלונג. דער קינאָ, אין די הענט פון געניטע דערציער, קען ריכטן די אויפמערקזאַמקייט, דעם ווילן און דעם אינטערעס פון די קינדער אין אַ געוואונטשענער ריכטונג. אָבער די קינאָ־אונטער־נעמער שטעלן זיך נישט קיין דערציערישע צילן.

אין באַוואוסטזיין פון קינד שפּילן זיך אָפּ די סצענעס פונעם פילם מיט אַן איבערצייגנדיקער קראַפט. די אויפמערקזאַמקייט, וואָס איז געווענדעט צו איין פּונקט, און דער אבסאָלוטער גלויבן אין דער וואָרהאַפטיקייט פון דער האַנדלונג, לאָזן נישט איבער קיין מינדעסטן שפּור פון צווייפל, און אַלץ וואָס דאָס קינד זעט מאַכט דעריבער אָף אים א שטאַרקן און אומפאַרגעסלעכן איינדרוק.

מען מוז דעריבער זיין שטאַרק איבערקלייבעריש אינעם פילם־רעפּערטואַר פאַר די קינדער, וואָס זיינען אפשר די טרייעסטע קינאָ־צושויער, וועלכע זאָפּן איין מיט אַלע חושים די וואונדערבאַ־רע טענער, שאָטנס און סיטואַציעס, וואָס דערשיינען אָף דעם קינאָ־לייוונט.

דער געפערלעכסטער פאַקטאָר אינעם פילם איז דווקא זיין קראַפט צו פאַרינטערעסירן און פאַרינטריגירן מיט סיטואַציעס און דערשיינונגען, וועלכע זיינען פאַרן קינד נאָך אומפאַרשטענד־לעך און אומבאַקאַנט. קיין ליבע־ליריק אין פּראָזע צי אין פּאָעזיע וועט קיין קינד נישט פאַרשטיין און נישט לייענען, אָבער ליבע־סצענעס אפן פילם וועט עס נאָכפאָלגן מיט דער גרעסטער אויפ־מערקזאַמקייט. עס ווערן דעריבער אינעם קינד אָפּטמאָל דער־וועקט געפילן, איבערלעבונגען און געדאַנקען, וועלכע וואָלטן נאָך אָף אַ נאַטירלעכן וועג געדאַרפט קומען פיל שפּעטער.

א סך עלטערן ווייסן, ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אז מען דאַרף היטן דאָס קינד פון שלעכטער ליטעראַטור, אָבער ווײ־

ניקער איז די צאָל פון די, וואָס ווייסן, אז עס זיינען אויך דאָ זייער שלעכטע פילמס פון וועלכע מען דאַרף אויסהיטן די קינדער.

אָבער אויב עס איז דאָ אַ שלעכטע ליטעראַטור, הייסט עס נאָך ניט, אַז מען דאַרף איבערהויפּט נישט לייענען. דאָס זעלבע איז מיטן ביאָגראַף: אויב עס זיינען דאָ שלעכטע פילמס, הייסט עס בשום אופן נישט, אַז מען דאַרף באַ די קינדער צונעמען דעם גרויסן און טיפן פאַרגעניגן, וועלכן עס פאַרשאַפט זיי דער קינאָ.

א גוטער פילם באַרייכערט דעם קינדס אינטעלעקט, גיט שטאָף זיין פאָרשטעלונגס־קראַפט, פאַרברייטערט זיין גייסטיקן האָריזאָנט, באַפרידיקט זיין וויסנגיריקייט, פאַרשאַפט אים אומגעהויער פיל פרייד און פאַרגעניגן, און עס וואָלט געווען א פאַרברעכן, מען זאָל די קינדער אינגאנצן נישט לאָזן גיין אין ביאָגראַף.

עס זיינען דאָ קינאָ־בילדער, וועלכע די קינדער מעגן זען און דאַרפן זען. דאָס זיינען ראשית־כּל די אַלע בילדער אין וועלכע עס נעמען אנטייל קינדער, ווי אויך די אַלע קאָמישע פילמס, וואָס זיינען איבערהויפּט אויסגערעכנט פאַר די קינדער־אוידיטאָריעס. אויך דאַרפן די עלטערע קינדער זען די אַלע בעסערע קינסטלערישע און היסטאָרישע פילמס, וועלכע זיינען אמת ווייניק דאָ, אָבער וואָס דערשיינען דאָך פון צייט צו צייט אפן קינאָ־לייוונט.

מען דאַרף נאָר אָפּשאַפן די מאַניע פון ביאָגראַף און דאָס זיצן פיר, פינף שעה אָן איבעררייס אין די קינאָ־זאַלן. דאָס אומסיסטמע־מאַטישע און איבערגעטריבענע פילם־קוקעריי איז נאָך שעדלע־כער ווי דאָס אומסיסטעמאַטישע לייענען. די עלטערן דאַרפן די ביאָגראַף־פאַרוויילונג, און דעם אויסוואַל פון די פילמס נישט איבערלאָזן פאַר די קינדער, נאָר נעמען אף זיך.

פערטער טייל:

# כאראקטער


די דערציאונג באשטימט דעם כאראקטער פון מענטשן 119

די באציאונג צו די עלטערן אמאל און היינט 122

קינדער עגאיסטן 125

יעדעס קינד איז א וועלטל פאר זיך 127

צערטלט נישט צו פיל די קינדער 129

קינדער וואס פארגעסן זיך עסן 132

זייט נישט קארג אף א גוט ווארט 134

ווי אזוי צו באווירקן קינדער אן
קלעפ און אן „נערוון" 137

מיט קיין מוסר מאכט מען קיין קינדער נישט בעסער 140

לערנט די קינדער צו זאגן דעם אמת 142

באציאונג צום אייגענעם ווארט 145

מען טאר נישט ארויסווייזן צו איין קינד
מער ליבע, ווי צו די אלע אנדערע אין שטוב 148

## די דערציאונג באַשטימט דעם כאַראַקטער פון מענטשן

לערנען לערנט דאָס קינד אין שול, אָבער דערצויגן ווערט עס אין שטוב און אין דער היימישער סביבה בילדן זיך אוים — ווי מיר האָבן עס שוין אין אַ שמועס געזאָגט — זיינע געוואוינהייטן און זיטן, זיין כאַראַקטער און ווילן. זיכער האָט די שול אַ גרויסן איינפלוס אפן קינד, אָבער אין שטוב, צווישן די היימישע, פאַרברענגט עס דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט און זיי באַווירקן די אנטוויקלונג פון זיין גייסט פיל שטאַרקער און טיפער פון די שולן.

אייניקע פירן איין אַ מין קינסטלעכע ארבעטס-צעטיילונג צווישן דער שטוב און שול. די שול, הייסט עס, זאָרגט פאַרן גייסט פונעם קינד און די שטוב דאַרף באַזאָרגן זיין קערפּער. אָבער מיטן אָפּהיטן, אַז דאָס קינד זאָל זיין זאַט, זאָל זיך נישט פאַרקילן, זאָל האָבן אַ פינפער אף צוקערקעס און אַ צענער אף ביאָגראַף, איז

נאָך נאַטירלעך ניט אָפּגעשפּילט די ראָלע פון דער שטוב און ניט געענדיקט די אויפגאַבע פון די עלטערן.

עס איז אַמאָל געווען פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז דער מענטש ירשנט זיינע גייסטיקע אייגנשאַפטן, און אַז ער קומט אויף דער וועלט שוין מיט פאַרטיקע נייגונגען צו גוטס און שלעכטס, וועלכע די דערציאונג איז נישט אומשטאַנד צו ענדערן. אייניקע פילאָזאָפן האָבן אַמאָל פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז דער מענטש ווערט געבוירן מיט די ערגסטע אינסטינקטן ווי אַ רויב־חיה, אין לעבן ווערט ער נאָר אַביסל קולטורעלער און מענטשלעכער. דאַקעגן האָט זיך לעצטנס פאַרשפּרייט די טעאָריע פון דער „טאַבלאַ ראַסאַ" אַז אַ קינד איז ווי אַ ריינער טאָוול, אויף וועלכן די דערציער קענען אויפשרייבן וואָס זיי ווילן.

דער אמת איז, אַז די אַלע עקסטרעמע טעאָריעס ווערן וויסנשאַפטלעך ניט באַשטעטיקט.

זיכער פאַרמאָגט אין זיך יעדער מענטש פאַרשיידענע גוירשנטע אייגנשאַפטן, וואָס גייען איבער פון דור צו דור און פאַרבינדן, מיט אומזעבאַרע פסיכישע פעדים די קינדער מיט זייערע עלטערן און אורעלטערן, ביז אין די וויטסטע דורות. אָבער אַ גוטע און ראַציאָנעלע דערציאונג קען די שלעכטע ירושה־אייגנשאַפטן צוימען און אונטערדריקן; דאַקעגן קען מען די פּאָזיטיווע שטריכן פון כאַראַקטער און די איינגעבוירענע פעאיקייטן סטימולירן און אַנטוויקלען.

און אין דער דערציאונג שפּילט די שטוב אַן ערשטראַנגיקע ראָלע, ווייל צו די פינף, זעקס יאָר זיינען שוין פאָרמירט די הויפּטשטריכן פון דעם קינדס כאַראַקטער. די בילדונג פון מענטשן, באַווירקט אָפט זייער ווייניק זיין אינערלעך מאָראַליש וועזן. בילדונג איז דאָך אין גרונט בלויז אַ געוויסער סכום וויסן, ידיעות און טעאָריעס, וועלכע איינער האָט אָנגעזאַמלט מער און אַן אַנדערער ווייניקער. כאַראַקטער איז אַ טיפערע און קאָמפּליצירטערע אייגנשאַפט, וואָס איז פאַרבונדן מיטן גאַנצן פסיכישן וועזן פון מענטשן, וועלכע מען קען נישט „אויסלערנען", נאָר וואָס

בילדעם זיך אויס ווי א רעזולטאט פון געוויסע ירושה־עלעמענטן און פֿון דער שפּעטערדיקער דערציאונג און דערפאַרונג, וועלכע מען האָט איבערהויפּט אויפגענומען אין די יאָרן פון דער פרי־סטער יוגנט.

ס איז דעריבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז מענטשן מיט אַ הוי־
בילדונג, זאָלן האָבן אַ גאַנץ „נידעריקן" און עגאָאיסטישן
קטער און פארקערט, מענטשן גאָר אָן בילדונג זאָלן ארויס־
כך כאַראַקטער - איידלקייט, פיינקייט און מיטגעפיל אין
זי אַנעמונג און באַציאונג צו מענטשן. אמת, די שול, און באַ־
זונ ערס די ליטעראַטור און קונסט, פארפיינערן דאָס געפיל און די באַנעמונג פון מענטשן, אָבער זיי קענען נישט ענדערן אינגאַנצן די גרונט־שטריכן פון זיין כאַראַקטער, וואָס בילדעט זיך אויס אין די קינדער־יאָרן, אין קרייז פון דער פאמיליע און אין דער אַרו־מיקער סביבה.

מענטשן מיט אַן עגאָאיסטישן, גייציקן, נים־פאַרגינערישן און מענטשן־פיינטלעכן כאַראַקטער ווערן נים געבוירן. די דערציאונג שאַפט אַזעלכע טיפּן און אויב עלטערן באַקלאָגן זיך אַמאָל אפן ענאָיזם פון זייערע דערוואַקסענע קינדער זאָלן זיי זיך דערמאָנען ווי אַזוי זיי האָבן זייער קליינוואַרג דערצויגן...

# די באַציאונג צו עלטערן, אַמאָל און היינט

די עלטערן זיינען אמאָל געווען א כך שטרענגער צו זייערע קינדער ווי היינט און דאָך איז אַ פאַקט, אַז די קינדער זיינען היינט פיל קעלטער אין זייער באַציאונג צו די עלטערן ווי פארצייטן און עס טרעפט, אז ווען זיי ווערן דערוואַקסן ווילן זיי אייגאַנצן פון זייער „אלטווארג" נישט וויסן. אמת, די רעליגיע האָט דערביי געשפילט אַ געוויסע ראָלע, דער כבד את אָביך ואת אמיך, גיב אָפּ כבוד דיין פאָטער און מוטער, איז אַ געבאָט פון דער תורה, וואָס איז דורך די גלויביקע שטאַרק אָפגעהיט געוואָרן. ווען עס איז אָבער שוואַכער געוואָרן דער גלויבן, איז אויך שוואַכער געוואָרן דער בונד, וואָס האָט פאריייניקט די עלטערן מיט די קינדער.

די דערציאונג האָט אָבער אין דעם נישט קיין קלענערע באַדייטונג. אין דער רעליגיע איז דער כבוד-אָב געקומען ווי אַ דין. בײַ אַ גוטער דערציאונג דאַרף קומען דאָס געפיל פון פאָטער-ערע נישט אַרויפגעצוואונגענערהייט נאָר ווי אַ נאַטירלעכער אויסדרוק פון די מאָראַלישע באַגריפן און פון די גוטע כאַראַקטער-אייי-

גנשאַפטן, וואָס דאַרפן אנטוויקלט ווערן באַ די קינדער אין דער פריסטער יוגנט.

דאָס פאַרצייטיקע אידישע קינד האָט זיך געהאָדעוועט אין אַ שטרענגן רעזשים פון אַ פּאַטריאַרכאַלער משפּחה, וואו דער פּאַ־טיִר איז געווען דער אבסאָלוטער הערשער, און באַ די קינדער פלעגט פון דער פריסטער יוגנט זיך אויסבילדן אַ געפיל פון פיע־טעט צו די עלטערן, וואָס פלעגט רעגולירן די באַציאונגען צווישן די עלטערע און אינגערע דורות.

אין די היינטיקע ציימן איז די פאַמיליע פריי פון אויסערלעכע צוואַנגען. זי איז אין איר עצם דעמאָקראַטיש, אַלע מיטגלידער פון דער משפּחה האָבן גלייכע „רעכט" און אז זי זאָל נישט ווערן דעמאָראַליזירט און פריציטיק צעפאַלן, איז נייטיק צו שאַפן דעם אינערלעכן מאָראַלישן בונד — וואָס איז שטאַרקער פון אלע אוי־סערלעכע צוואַנגען — וועלכע זאָל אַנהאַלטן די אָרגאַנישע און מאָראַלישע גאַנצקייט פון דער משפּחה, אזוי לאַנג זי דאַרף זיך האַלטן צוזאַמען.

און די דאָזיקע מאָראַלישע דיסציפּלין דאַרף באַשטיין אין אַ געפיל פון פליכט, פון אַרבעט און קעגנזייטיקער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט, וואָס דאַרף דורכדרינגען אלע מיטגלידער פון דער משפּחה, און אַזוי די עלטערן ווי די קינדער. אויך קינדער דאַרפן האָ־בן זייערע פליכטן און אַרבעטן, וואָס זאָלן דיסציפּלינירן זייערע אימפּולסן, שטאַרקן זייער ווילן און פאַרפיינערן זייער כאַראַקטער.

ווען דאָס קינד בעט עפּעס צו דערלאַנגען און די מוטער זאָגט:

—גיי דו, מיין קינד, פאַר דיר איז אַ גאַנג לייכטער, — הייבט אָן דאָס קינד פאַרשטיין און מיטפילן מיט דער מוטער, וואָס קען זיך שט באַוועגן אזוי אַפּט און מיט אַזאַ לייכטקייט ווי אירע קינ־ר. און אַנטוויקלען אין קינד אַ פאַרשטענדעניש פאַר פרעמדע דן און געפילן און אַ גרייטקייט דעם צווייטן צו העלפן, איז ר ערשטער געבאָט פון כאַראַקטער־אויסבילדונג און פון אַ געז־זונטער דערציאונג.

אַמאָל איז צווישן עלטערן און קינדער געלעגן אַ געוויסע

מחיצה פון אָנגעצויגענער קאַלטקייט, הײַנט איז מען אַריינגע־פאַלן אין צווייטן עקסטרעם, און מען לאָזט פריי די סענטי־מענטן און מען באַגיסט מיט צו פיל ליבשאַפט די קינדער, וואָס ווערן דערפאַר קאַפּריז, ווילנלאָז, פויל, עגאָיסטיש און שטאַרק עמפפינדלעך.

עס זיינען דאָ א סך מוטערס, וואָס זעען אויס צו זיין דינסטן בײַ זייערע קינדער און דערפילן אלע זייערע קאַפּריזן, און האָבן אַ מינע פון שטענדיקער גרייטקייט צו דינען אפן מינדסטן וואונק, וואָס בערעלע צי פערעלע מאַכט נאָר. און בערעלע איז שוין דווקא אין די יאָרן ווען ער מעג זיך אליין באַדינען און פערעלע, לאָמיר זאָגן, מעג שוין אפילו העלפן דער מאַמען.

אָבער עס גייט נישט אין דעם מען זאָל באַלאַסטן די קינדער מיט שמוץ־אַרבעט און זיי האלטן אונטער אַ דיסציפּלין פונעם זיידנס קאַנטשיק אָדער דער באָבעס מוסר. ניין! עס האַנדלט זיך בלויז אין די דערציערישע מיטלען, וועלכע דאַרפן אָנגענו־מען ווערן אף אויסצובילדן אינעם קינד אַ פיינעם און מענטשנלי־כנדיקן כאַראַקטער, מיט אַ פאַרשטענדעניש פאַר פרעמדע געפילן אוןליידן, און מיט אַ באַציאונג, דרך־ארץ און ליבע צו די אייגענע עלטערן.

# קינדער ענאַיסטן

בערעקע, דער בן־יחידל, איז אַלט פיר יאָר; ער איז שטאַרק צעפּיעשטשעט און וויל נישט עסן. מיטן ערשטן געריכט איז נאָך ווי עס איז, נאָר קומט עס צו דער זופּ, ווערט ער גיך מיד און ליגט אַויעק דעם לעפל. די מאַמע קומט אים צו־הילף און מיט צרות קומט מען ווי נישט איז איבער דעם טעלער.

באַ די פּרוכט בלייבט בערעלע ווידער שטיין און וויל מער נישט עסן. ער האָט זיך איינגע'עקשנ'ט ווי אַ יונגער אייזעלע, און די מאַמע קען אים נישט בייקומען. זי גיט אים אַן עפּל, אַ באַרנע, ווייַנטרויבן — עס העלפט נישט. נאָר אַט איז די טרייע און קלו־גע מאַמע געפאַלן אַף אַן איינפאַל: — גיכער עס, זאָגט זי, אַז ניט וועל איך עס אָפּגעבן שמערעלען!

אַף בערעלען מאַכט אָבער נישט די דראָונג דעם דערוואַר־טעטן איינדרוק. ער נעמט אויף דער מאַמעס דעקלאַראַציע מיט אַ פילאָזאָפישער רואיקייט און שפּילט זיך גאָר מיטן פערדל.

באַ דער מאַמען איז עס שוין אָבער אריין אין אמביציע: דאָס קינד מוז עסן פרוכט! גייט זי און רופט שמערעלען, דעם שכנס אינגעלע.

—זעסט, בערעלע, — ווענדעט זי זיך צו איר בן־יחידל—ווּעסט נישט עסן די ווײַנטרויבן וועל איך זיי אָפּגעבן שמערעלען, און פאַר דיר גאַרנישט!...

איצטער מאַכט שוין די דראָונג אַן עפעקט. ער זעט ווי עס שטייען אין געפאַר „זיינע" ווײַנטרויבן. אינסטינקטיוו גיט זיך בערעלע אַ צי צום טעלער, לאָזט אָפּ דאָס פערדל און נעמט זיך צו די פרוכט. — „מיינע!", — דערקלערט ער אין אַנגעזיכט פון דער געפאַר, און נעמט זיך צום עסן; ער שטאָפּט גיך, גיך די ווײַנ־טרויבן אין מויל אריין, עס זאָל נישט בלייבן פאַר שמערעלען.

און אַזוי באַ יעדן עסן. אז ס'איז נישטאָ שמערעלע דראָעט די מאַמע אליין אויפצועסן בערעלעס מאכלים, אָדער אָפּצוגעבן דעם טאַטן, דעם פערדל, דעם קעצל — און בערעלע עסט, קיין עין־הרע זאָל אים ניט שאַטן...

פיזיאָלאָגיש איז עס, מעגלעך, אַלץ אין אָרדענונג, אָבער ניט מאָראַליש. אויב די גוטע מאַמע פאַרדאַרבט נישט דעם מאָגן פון קינד, פאַרדאַרבט זי אָבער זיין כאַראַקטער און עס וואַקסט אויס אַן עגאָאיסט, וואָס וועט נאָר טראַכטן וועגן זיך, וואָס וועט אָפּ „זיינס" קיינמאָל נישט מוותר זיין און וואָס וועט נאָר טראַכטן ווי בעסער צו באַפרידיקן זיינע אייגענע פאַרלאַנגען, אינטערעסן און קאַפּריזן.

ווען בערעלען וועט מען לערנען זיך טיילן מיט שמערעלען, וועט ער אפשר ווייניקער עסן, אָבער ער וועט דערפאַר זיין בעס־ער, ברייטהאַרציקער, גרויסמוטיקער און מענטשלעכער.

פונקט ווי מען דאַרף שפּייזן דעם קערפּער פון קינד, עס זאָל וואַקסן און זיין געזונט, אַזוי דאַרף מען אויך פלעגן זיין גייסט. אַ גוטע מאַמע, וואָס וועט נישט פאַרדאַרבן דעם מאָגן פון קינד מיט שלעכטע שפּייז, דאַרף אויך נישט פאַרדאַרבן דעם כאַראַקטער פון קינד מיט שלעכטע ביישפּילן און מיט שלעכטע געוואוינהייטן.

# יעדעם קינד איז אַ וועלטל פאַר זיך...

אין לעבן שטויסט מען זיך אָפּט אָן אויף אַזעלכע דערשיינונגען, וואָס לייקענען אָפּ אַזוי די טעאָריע פון ירושהדיקייט ווי אויך די טעאָריע, וואָס גיט צו אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט דעם כוח פון דערציאונג.

עס טרעפט, אַז קינדער פון איין טאַטע־מאַמע זיינען אין כאַראַקטער, אין זייערע נייגונגען, אין זייער פיזישן געבוי און אפילו אין זייער געשמאַק גאַנץ פאַרשיידן. די זעלבע ירושה־אייגנשאַפטן און די זעלבע סביבה, און דאָך גאַנץ פאַרשיידענע טיפּן! מען זעט אָפּט קינדער, וועלכע האָבן פון איין ברוסט געזויגן און וואָס האָבן די זעלבע דערציאונג באַקומען, און וואָס זיינען אין גרונט גאַנץ אַנדערע מענטשן, ווי פון פאַרשיידענעם טייג געקנאָטן.

אָבער דאָס איז נאָר אַזוי אויבנאויף. אַ טיפערע באַאָבאַכטונג קען בײַ אײַזערלעך פאַרשיידענע מענטשן געפינען פיל געמיינזאַמע און ענלעכע כאַראַקטער־שטריכן. און פון דער אַנדערער זייט, קענען איינע און די זעלבע עלטערן נישט גלייך זיך באַציען צו זייערע אייגענע קינדער. עס טרעפט אָפּט, אַז עלטערן ווייזן אַרויס צו איין קינד מער אויפמערקזאַמקייט און ליבע און צו אַ צווייטן ווייניקער, און דאָס מוז אומפאַרמיידלעך אויסבילדן אַ פאַרשיידענעם כאַראַקטער־בוי בײַ זייערע קינדער.

פון צוויי קוואלן שעפט דער מענטש זיינע ירושה־עלעמענטן: פון זיין פאטער און פון זיין מוטער. אזוי קענען אין איינעם מער דאמינירן די פיזישע און פסיכישע אייגנשאפטן פון זיין פאטער און אין צווייטן דאקעגן, קענען מער קומען צום אויסדרוק די כאראקטעריסטישע שטריכן פון דער מוטער.

דער סודותפולער פראצעס פון ירושה־ווירקונג איז נאך דורך דער וויסנשאפט וויט נישט אויפגעקלערט און מיר באטראכטן פאר א נאטירלעכער דערשיינונג דעם גאנצן קאמפלעקס פון די גייסטיקע און פיזישע אייגנשאפטן, וואס אונטערשיידן די מענטשן, מעגן זיי אפילו שטאמען פון דער זעלבער סביבה און פון די זעלביקע עלטערן.

און די דערציאונג טאר נישט זיין קיין סדום־בעטל, וואו יעדער איינער ווערט ארייגעפאסט אין איינער און דער זעלבער מאס און צוגעפאסט צו די זעלביקע פאדערונגען. דער אויפטו פון דער מאדערנער פעדאגאגיק באשטייט הויפטזעכלעך אין דעם, וואס זי האט פעסטגעשטעלט דעם פרינציפ פונעם קינדס פערזענלעכקייט און פאדערט די מעטאדן פון דער דערציאונג צופאסן צו די אויפנאם - פעאיקייטן און צו די אייגנשאפטן פון יעדן קינד באזונדער.

יעדעס קינד איז א וועלטל פאר זיך; א וועלט, וואס דרייט זיך אין די גרענעצן פון איר סביבה, אבער וואס האט אירע אייגענע פערזענלעכע אייגנשאפטן און איר אייגענעם דרך אין לעבן. און נישט נאר די לערער מוזן זיך רעכענען מיט די כאראקטער־באזונדערקייטן פון יעדן קינד, נאר אויך די עלטערן מוזן אין אכט נעמען די אייגנטימלעכקייטן פון זייער יעדן קינד באזונדער.

א גוטע מוטער ווייסט, וואס יעדעס קינד אירם דארף עסן; ווייל אפטמאל טרעפט, אז דאס וואס איז גוט פאר איינעם איז שעדלעך פארן צווייטן. מיט די גייסטיקע פעאיקייטן דארף מען אויך זיין אזוי איבערקלייבעריש און די באציאונג צום קינד, ווי די דערציאונג בכלל, דארף צוגעפאסט ווערן צו די כאראקטער־אייגנשאפטן פון יעדן קינד באזונדער.

# צערטלט נישט צו פיל די קינדער

ס׳האט דער מאמעס ליבשאפט
נישט געלאזט
ווערן מיר א פויגל...

איציק מאנגער.

גערהארדט הויפטמאן, האט אין איינער פון זיינע דראמעס געזאגט, אז די פאמיליען־קייטן זיינען די שווערסטע און פיינלעכסטע, וועלכע דעם מענטשן קומט אויס צו טראגן אין לעבן.

אמת, די פאמיליע בינדט, פענטעט און שמידט אפט צו דעם גייסט פונעם מענטשן צום ענגן און באגרענעצטן פאמיליען־קרייז. אבער דער מענטש נעמט אן פאר ליב זיינע פענטעס און ער קושט די קייטן, וואס פארבינדן אים מיט זיינע ליבע און טייערע וועזנס אין איין ענגן און טיף־הארציקן פאמיליע־בונד, וועלכער איז געהייליקט דורך דער פארוואנדשאפט פון בלוט און פון גייסט, דורך דער געמיינזאמקייט פון געפילן, צילן און אינטערעסן.

די „פאמיליע-קייטן", וועלכע זיינען אויסגעשפינט פון ליכטי-קע ליבע-שטראלן און פון זים-פיינלעכע פליכטן, קאנען אבער אפט ווערן אמתע פענטעס און זיך פארוואנדלען אין שטריק, וואס בינדן דעם גייסט, דעם געמיט און דעם גאנצן וועזן פון מענטשן.

דעם זעלבן געדאנק האט אף א בילדערישן אופן אויסגעדריקט אין זיין ליד „א פויגל" דער באַרימטער אידישער דיכטער, איציק מאַנגער. א אינגל — זאָגט דער דיכטער — איז באַגייסטערט גע-וואָרן מיט א גרויסן אידעאל, מיט א העלזוערישער וויזיע; ער פילט ווי עס וואקסן אים פליגל, ווי עס ווערט לייכט זיין קערפער, ער הייבט זיך אויף אין דער לופטן — נאָר דער מאַמעס קאַלאָשן, מיטן שאַליקל, מיט דעם וואַרעמען לייבל און מיט איר גאַנצער צאַרטער, טרייער, אָבער גליייכצייטיק אויך שווערער לאַסט פון דער מוטער-ליבשאַפט, ציען אים צוריק, צו דער ערד...

און עס זיינען דאָ א סך אַזעלכע, וועלכע וואָלטן פיל העכער „געפליגן" און פיל ווייטער פאַרגאַנגען, ווען נישט די צאַרטע פענטעס פון זייערע נאָענטע און ליבע.

עס זיינען באַוואוסט פאַלן, ווען מאַלפּעס דערשטיקן פון ליב-שאַפט זייערע ניי-געבוירענע קינדער. א מאַלפּע-מאַמע קען אַזוי א דריק טון איר קינד צו איר מאַמע-האַרץ, אז דאָס נפשל זאָל בלייבן טויט אין אירע אָרעמס.

מיט מענטשן-מאַמעס פּאַסירט אָפט דאָס זעלבע, אָבער אף אַן אַנדער אופן. די איבערגעטריבענע ליבשאַפט, די צו-שטאַרקע זאָרג, און די שטענדיקע אויפזיכט פון אייניקע, שווין צו פיל גוטע און צו פיל טרייע עלטערן, רופט זיך אָפּ פאַטאַל אף זייערע קינדער, און אויב זיי בלייבן דאָך לעבן, ווערט אָבער שווער פאַרוואונדעט זייער נשמה, און עס פאַלן אלס קרבן א סך פון זייערע שענסטע און ווי-טאַלסטע אייגנשאַפטן, און עס גייען פאַרלאָרן זייערע אינטערע-סאַנטסטע און וויכטיקסטע כאַראַקטער-שטריכן.

א קינד, וועלכעס ווערט שטענדיק באַדינט, בא וועלכן מען כאַפּט אָרויס יעדע איניציאַטיוו, וועלכן מען דערלאָזט נישט צו מאַכן די מינדעסטע פיזישע און גייסטיקע אָנשטרענגונג, איבער

וועלכן מען וואַכט אין שטענדיקער גרייטקייט אים צו העלפן, עצהן, ווייזן און פירן — אַזאַ קינד וועט זיך נישט אויסלערנען אַליין צו וואַכן איבער זיך, וועט נישט האָבן קיין מוט עקשנותדיק שטרעבן צו זיין ציל, און וועט נישט וואַגן אונטערצונעמען קיין שום זאַך, וואָס פאָדערט אַ גרעסערע אָנשטרענגונג און אויסדויער.

ווייכלייביקע, ציטעריקע, איניציאַטיוולאָזע, נאָכגיביקע, ווי־לנסלאָזע, קאַפּריזנע און כאַראַקטערלאָזע מענטשן, — זיינען אָנגע־פוילטע פירות פון אַ צו פעטן באָדן, קינדער פון צו זאַטע און צו וואַרעמע היימען, פּראָדוקטן פון צו פיל ליבשאַפט און צו פיל זאָרג.

די וואָס ווערן אויפגעהאָדעוועט אין אַ סביבה פון צו פיל צערט־לעכקייט און וואַרעמקייט, וואָגן נישט אונטערצונעמען קיין שום זעלבסטשטענדיקן און געוואַגטן שריט און זיך לאָזן „פליען", — ווי דער דיכטער האָט זיך אויסגעדריקט.

דער מאַמעס ליבשאַפט האָט „נישט געלאָזט ווערן מיך אַ פויגל" און עס זיינען דאָ אַ סך אַזעלכע „פייגל", וואָס וואָלטן גע־דאַרפט פליען און בלייבן קריכער... און אַזעלכע אָדלערס מיט אונ־טערגעהאַקטע פליגלען מאַכן אַ פּיינלעכן איינדרוק אין לעבן.

# קינדער, וואָס פאַרגעסן זיך עסן

באַ קינדער שטאַרק־אָפּגעהיטע, ציטעריקע און פאַרצערטלטע בלייבן אומאַנטוויקלט אַ גאַנצע ריי געפילן און פעאיקייטן, ווייל די פונקציעס וועלכע זיי דאַרפן אויספילן ווערן אָפּגעטון דורך זייערע עלטערן.

אייניקע גוטע טאַטעס און טרייע מאַמעס זיינען אַזוי „דינסט־בריים", אַז זיי רעדן, ארבעטן, פילן און גערענקען אָפּילו אַנשטאָט זייערע קינדער. איין זאַך נאָר: זיי עסן נישט פאַר זייערע קינדער. פאַרקערט, ערשט באַ אַזעלכע עלטערן עסן געוויינטלעך די קינדער פאַר צוויי און זיי ווערן איבערגעשטאָפּט און איבערגעפילט מיט שמאַלץ ווי גוט־אויסגעקאַרמעטע הינדלעך אַף פסח.

אָט ווערן יונגע טאַטע־מאַמע צעשמאָלצן פאַר פרייד באַם בעטל פון זייער ערשטלינג. זאָל זיין מיט יאָרן. ווי דאָס קינד עפנט נאָר דאָס פיסקעלע כאַפּט באַ אים די מאַמע דאָס וואָרט אַרויס. זי לאָזט עס נישט רעדן און חלילה נישט שרייען; זי רעדט צו אים מיט אַ קינ־דער־שפּראַך, האַלבע ווערטער, דאָס מענטשעלע זאָל לייכטער צע־קייען, ווייל עס האָט נאָך נישט קיין ציינדלעך.

הייבט אָן דאָס דאָזיקע מענטשעלע צו רעדן שפּעטער ווי אַלע אַנדערע קינדער אין זיין עלטער, און עס רעדט האַלבע ווערטער, עס קען נישט אויסריידן אַלע אותיות, און עס פאַרטשעפּעט זיך און פאַרהיקעט זיך באַ יעדן וואָרט.

מען דאַרף די קינדער נישט נאָר לאָזן ריידן, נאָר אפילו שריי־ען און וויינען אַביסל. ערשטנס, אַנטוויקלען זיי באַם וויינען זייערע שטים־בענדער און צווייטנס, איז עס פאַר קליינע קינדער אַ געווי־

סע איבונג, וואָס מאַכט מעטיק דעם גאַנצן אָרגאַניזם און העלפט מיט דער פאַרדייאונג.

נאָר אַט ווערט דאָס קינד עלטער, עס קען און עס דאַרף זיך שוין אַליין באַדינען, נאָר עס האָט אַ מאַמען, ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, באַדינט אים די מאַמע. און ווען דער טאַטע — טאַטעס זיינען ד[illegible]אַרצלאָזע מענטשן — שיקט דאָס קינד אַ גאַנג, זאָל זיין אפילו דערלאַנגען עפּעס צום טיש, פאַרלויפט אים די מאַמע דעם וועג — זי לאָזט דאָס קינד זיצן און איז זיך אַליין מטריח.

—דאָס קינד עסט, — טראַכט די גוטע מאַמע — וויל זי ניט פאַרשטערן זיין אַפּעטיט מיט פליכטן און געפילן צום טאַטן, זאָל עס זיך בעסער אַריינטראַכטן און אַריינפילן אין טעלער, וועט עס מער הנאה האָבן.

די מאַמע פאַרשפּאָרט דעם קינד די אַרבעט פון פילן, זי אַנטוויקלט נישט אין אים דעם איידעלן געפיל פון באַוואוסטזיין פאַר פליכט, פון גרייטקייט מקריב צו זיין אַביסל פון דער אייגענער באַקוועמלעכקייט לטובת זיינע נאָענטע, אין דעם פאַל לטובת זיינע אייגענע עלטערן.

אייניקע עלטערן פאַרשפּאָרן זייערע קינדער אפילו די אַרבעט פון געדענקען, זיי שפּילן די ראָלע פון אַ זכרון בא די קינדער און דערמאָנען זיי צו עסן, האָבן דעם מאָגן, מאַכן די לעקציעס, זיך וואַשן, אויסמישן דאָס גלאָז מילך און נאָך אַזעלכע זאַכן, וועלכע די קינדער אַליין וואָלטן געדאַרפט האָבן אין זינען.

קינדער אַזעלכע פאַרגעסן זיך צו עסן און דערפילן ניט זייערע אינטימסטע באַדערפענישן ביז מען דערמאָנט זיי נישט, און אַזוי קענען זיי אַרומגיין טעג גאַנצע — און זיי פאַרגעסן זיך טאַקע — און נאָר דערפאַר ווייל מען דערמאָנט זיי, ווייל די עלטערן נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו געדענקען דאָס, וואָס דאָס קינד וואָלט געדאַרפט אַליין אין זינען האָבן.

מען דאַרף איבער די קינדער ניט שטיין מיט קיין קאַנטשיק, אָבער אויך נישט מיט קיין פאַרטוך און מיט קיין טייטל. וואָס ווייניקער מען וועט די קינדער מאָנען און דערמאָנען, אַלץ מער וועלן זיי געדענקען צו דערפילן זייערע פליכטן און באַדערפענישן.

## זייט נישט קאַרג אױף אַ גוט וואָרט

אױף אַ סך שוועריקייטן שטויסט זיך אָן דאָס קינד אין קאַמף פאַר זיין זעלבסטשטענדיקייט, פאַר זיין וויסן און פאַר זיין לעבנס־דערפאַרונג. דאָס קינד מוז זיך אויסלערנען באַהערשן זיינע אינס־טינקטן, צוימען זיינע אימפולסיווע פאַרלאַנגען און זיך אויסבילדן אַ געוויסע דיסציפלין און אַ גענוג־שטאַרקן ווילן נאָכצוקומען די איינגעשטעלטע לעבנס־נאָרמען פון דער היים, פון דער שול און פון דער געזעלשאַפט.

אין די פרימאָרגן־שעהן איז גוט צו ליגן אין בעט, מוז אָבער דאָס קינד אויפשטיין און גיין אין שול. בײטאָג איז גוט זיך צו שפילן, מוז מען גאָר זיצן און מאַכן די לעקציעס. שרייבן „קאַטשע־רעס און לאָפּעטעס" איז לייכטער, דאָס קינד שטרענגט זיך אָבער אָן און שרייבט שיינע אותיות.

דאָס אַלץ פאָדערט אַ געוויסע אָנשטרענגונג פון ווילן, פון גע־דאַנק און פון גאַנצן אינטעלעקט. דאָס קינד דאַרף בייקומען זיין איינגעבוירענע פוילקייט און פרייוויליק זיך אָפּזאָגן פון אַ סך גוטע

און באקוועמע זאכן. דאס איז א קאמף אין וועלכן עס בילדעט זיך אוים זיין כאראקטער און עס פארמירט זיך זיין ווילן און זיין פערזענלעכקייט.

דאס איז דער ערשטער לעבנס-קאמף פון קינד, אין וועלכן די עלטערן מוזן אים ארויסהעלפן.

אבער דאס הייסט נישט, אז די עלטערן דארפן ארבעטן פארן קינד. פארקערט, אזא מין הילף איז נאר א קאנצעסיע דער פויל־קיים. דאס קינד דארף פינקטלעך דערפילן זיינע פליכטן און אפ־טון אליין אלע זיינע ארבעטן. די אויפגאבע פון די עלטערן איז נאר צו סטימולירן דעם קינד און אים צוגעבן חשק, מוט און גלויבן אין זיינע אייגענע כוחות.

ווען דער טאטע, אדער די מאמע, וועלן מאכן דעם קינדס לעקציעס, וועט דאס פאר אים זיין א ברישע טובה. נאך ערגער איז ווען דאס קינד שטויסט זיך אן אף געוויסע שוועריקייטן און די עלטערן הייבן אים אן שטראפן און שרעקן, אז פון אים וועט שוין קיין „לייט נישט זיין”, אז ער איז א „פארפאלענער מענטש”, א „טויגעניכטס אף גאטס וועלט”, אדער גאר „א פארשטאפטער קאפ” פון וועלכן די פאמיליע וועט שוין קיין נחת נישט האבן.

און אז מען קלאפט עס לאנג אריין אין קינדס קאפ — און אײ־ניקע מאמעס קענען די מלאכה — הויבט אן דאס קינד גלויבן, אז עס איז טאקע א טויגעניכטס און א פארשטאפטער קאפ, ערגער פון אלע אנדערע קינדער, מיט וועלכע עס וועט זיך שוין נישט אויסגלייכן, אפילו ווען עס זאל דאס ווען.

און אז מען רעדט איינעם איין, אדער ער רעדט זיך אליין איין, אז א וואסערע נישט איז ארבעט איז נישט פאר זיינע כוחות, וועלן זיך בא אים די הענט אראפלאזן ווי נאר ער וועט זיך צו דער ארבעט צושטעקן.

ווער עס האט מורא פאר וועלף טאר אין וואלד נישט גיין — זאגט מען. מורא, אומזיכערקייט און אומגלויבן זיינען נעגאטיווע פאקטארן, וואס טארמאזירן אלע גייסטיקע און פיזישע קרעפטן.

גלויבן און מוט דאַרף מען האָבן נישט נאָר אָף צו גיין אין וואַלד, נאָר בײַ יעדער אַרבעט, בײַ יעדער איניציאַטיוו, בײַ יעדן פּלאַן, און אַפילו בײַ יעדער אויפגאַבע, וועלכע אַ שילער נעמט זיך אונטער צו מאַכן.

קינדער באַמיען זיך צו זײַן אַזוי ווי די עלטערן שטעלן זיי פאָר און זיי פאַרווירקלעכן, דאָס רוב, די אײַנגעשאַפטן אין וועלכע מען האָט זיי אײַנגערעדט. די קינדער דאַרף מען דעריבער ניט אָנשרעקן מיט קיין שוועריקייטן, נישט מאָלן און צעשמירן קיין חסרונות, נאָר אָרויסברענגען און זיי אײַנריידן דווקא אין מעלות, וועלכע זיי האָבן נאָך אפשר נישט, אָבער וועלכע זיי וועלן באַקומען אויב זיי וועלן נאָר גלויבן, אַז די דאָזיקע מעלות זײַנען פאַר זיי צוטריטלעך און מעגלעך.

ווען אַ קראַנקער, למשל, גלויבט אין די כוחות פון זײַן וויטאַליטעט און דערלאָזט גאָרנישט דעם געדאַנק פון אַ פאַרערגערונג, האָט ער אויך מער שאַנסן געזונט צו ווערן. דער גלויבן גיט אים קראַפט, ער פאַרלירט נישט דעם מוט, זײַן גייסט בלײַבט מונטער און לעבעדיק, און דאָס ווירקט ווי אַן אָפּפרישנדיקער קוואַל אָפן גאַנצן אָרגאַניזם, וואָס באַקעמפט מיט אַ טאָפּלטער קראַפט די צעשטערערישע עלעמענטן פון דער קראַנקייט.

גאַנץ אַנדערש איז ווען דער קראַנקער רעדט זיך אײַן, אַז ער איז פאַרלאָרן, אַז ער גייט אונטער, אַז עס וועט אים נישט העלפן קיין רבי און קיין רופא. אין אַזאַ פאַל וועלן די מוטלאָזיקייט און אומגלויבן שאַפן פינצטערע פאַרגעפילן, וואָס וועלן אינגאַנצן רואינירן דעם אָרגאַניזם און ברעכן זײַן ווידערשטאַנדס-קראַפט.

דאָס קינד דאַרף מען אויפמונטערן און צוגעבן מוט אין זיך אַליין צו זוכן די קרעפטן אָף צו באַזיגן אַלע שוועריקייטן. אַ גוט וואָרט איז אין דעם פאַל די בעסטע און ווירקזאַמסטע הילף, וואָס קען דעם קינד בײַשטיין אין אַלע נסיונות. מען דאַרף נישט זײַן קאַרג אָף אַ גוט וואָרט ווען דאָס קינד איז גוט און אַרבעטסזאַם; איז עס אָבער שלעכט אָדער אומפּעאיק, טאָר מען אים נישט „אָפּשלאָגן די פליגלען" און צונעמען דעם חשק ווײַטער צו קעמפן.

## ווי אזוי צו באווירקן די קינדער
## אָן קלעפּ און אָן „נערוון“

ווירקן אַף אַ קינד, ווי אַף יעדן מענטש, קען מען מיט גוטן און מיט בייזן, עס הייסט, מיט אַ שטעקן און מיט איבערצייגונג. פאַרשטייט זיך, אַז אָפּערירן מיט אַ שטעקן איז אַ סך לייכטער, אי־בערהויפּט נאָך ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ שוואַך באַשעפע־ניש ווי אַ קינד, וואָס קען קיין ווידערשטאַנד ניט שטעלן און וואָס מוז אָננעמען פאַר ליב יעדע שטראָף און קושן די רוט, וואָס שמייסט אים.

אַף פּיזיש צו באַשטראָפן דאָס קינד דאַרף מען קיין גרויסער בריה נישט זיין. צו דעם דאַרף מען נישט קיין שכל, נאָר הענט מיט אַ קאַנטשיק, אָדער א מויל מיט קללות און זילזולים, וואָס קלאַפּן ווי מיט אַ דובינע איבערן קינדס קאָפּ, און אוים מורא פאַר דער מאַמעס מענה־לשון אָדער פאַרן טאַטנס קלעפּ גיט זיך דאָס קינד אונטער.

די שטעקן-אַרגומענטן, ווי די קללות, דראָונגען און געשרייען ווירקן בלויז אויבערפלעכלעך. זיי איבערצייגן נישט, אָבער לאָזן זיך גוט פילן. און אוים מורא פאר דעם דאָזיקן אומאַנגענעמען געפיל פון פיזישן אָדער מאָראַלישן ווייטיק, דערשטיקט דאָס קינד זיין אייגענעם ווילן און וואַרפט זיך אומגערן אונטער דעם פאַר-לאַנג פון די עלטערן.

באַווירקן דאָס קינד מיט גוטן, און אים אינספּירירן אין אַ גע-וואונטשענער ריכטונג, אָדער צו באַשטימטע האנדלונגען און טאָטן, איז, נאַטירלעך, אַ סך שווערער ווי פּאַכען מיטן קאַנטשיק אָדער שיסן מיט קללות אָף אַנצואוואַרפן אַ פחד.

אָבער באַווירקן און באַהערשן אַ צווייטן איז מעגלעך נאָר דאַן ווען מען באַהערשט זיך אַליין. זעלבסטבאַהערשונג, רואיקייט, צילבאַוואוסטזיין, זיכערקייט און גלויבן אין זיך זיינען די עלעמענ-טן, וואָס שטעלן צוזאַמען די אַזויגערופענע סוגעסטיווע קראַפט, דעם כוח צו באַווירקן אַ צווייטן. פעלט איינער פון די עלעמענטן איז דער סוגעסטיווער איינפלוס נישט קיין פולער.

דער וואָס הערשט נישט איבער זיינע אייגענע געפילן, וועט אויך נישט באַהערשן קיין צווייטן. — איזהו גבור? הכובש את יצרו. אַ גבור איז דער, וואָס באַזיגט זיין יוצר-הרע, זיינע אינס-טינקטן. און וויל מען נישט הערשן איבער די קינדער מיט פיזי-שער גבורה און זיי לערנען מיט דער פויסט, מוז מען באַזיצן די גייסטיקע גבורה פון געדולד און זעלבסט-קאָנטראָל, אָן אויסברוכן פון היסטעריע און כעס, וואָס קענען נאָר אָנוואַרפן אַ מורא, אָבער נישט איבערצייגן און גייסטיק-דיסציפּלינירן די קינדער.

מיר וועלן קלאָרער מאַכן דעם געדאַנק מיט אַ בילדערישער פאַרשטעלונג פון דער סוגעסטיווער ווירקונג, ווי אַ קאַמף פון צוויי צדדים. איין צד, לאָמיר זאָגן די מוטער, שטעלט זיך פאַר אַ ציל צו באַווירקן דאָס קינד עס זאָל עסן. דאָס קינד שטעלט אַ ווידער-שטאַנד, און עס שפּילט זיך אָפּ אַ שטילער דראַמאַטישער קאַמף באַם פאַמיליען-טיש.

פון איין זייט, קעמפט דער ווילן און באַוואוסטזיין פון דער

מוטער, וועלכע פּאַרשטייט, אַז דאָס קינד דאַרף עסן און וואָס נוצט אוים אַלע מיטלען אין איר רשות אַף צו באַווירקן דאָס קינד; און פון דער אַנדערער זייט, שטייט די עקשנות און די פוילקייט פון קינד, אָדער גאָר זיין ווידערווילן צו אַזאַ מאכל.

עס! — זאָגט די מוטער קורץ און איבערצייגנדיק, — דאָס וועט דיר מאַכן גוט און דו וועסט אויסוואַקסן א שייך און געזונט מיידע־לע. — דאָס קינד לאָזט זיך ענדלעך איינריידן, אין זיין נשמה קומט פאָר אַן אינערלעכער קאַמף: עס וויל זיין שיין און געזונט, ברעכט עס דעם ווידערווילן, פאַרטרייבט די פוילקייט, אונטערדריקט די עקשנות און נעמט זיך לעבעדיק צו אַרבעטן מיט דעם לעפל.

עס הייסט, אַז דער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט אַ גרויסער מאָראַלישער דערגרייכונג פאַר ביידע צדדים. די ווילנס־קראַפט און טאַקט פון דער מוטער האָבן אַרויסגערופן אַן ענלעכן אויסדרוק פון דער ווילנס־ענערגיע באַם קינד, וואָס האָט באַהערשט אין זיך זיינע אינסטינקטיווע אימפּולסן און האָט פרייוויליק און באַוואוסט־זיניק אָנגענומען און געמאַכט פאַר זיינע, די פאַרלאַנגען און די מיי־נונגען פון דער מוטער.

די מוטער האָט דעם זעלבן רעזולטאַט געקענט דערגרייכן מיט א שטעקן אָדער מיט „נערוון". דאָס קינד וואָלט טאַקע געגע־סן אָבער איבערגעוואַלד, אוים מורא, אָן איבערצייגונג אין דער נוצלעכקייט פון זיין „קרבן", אָן דעם גרויסן דערציערישן ווערט פון זיין אייגענער ווילנס־אַקציע און אָן דער ליבער, האַרציקער און האַרמאָנישער שטימונג, וואָס ווערט געשאַפן דאָרט, וואו עס ווערט באַוואוסטזיניק אָנגעווענדעט דער פּרינציפּ פון באַווירקן די קינ־דער מיט גוטן און נישט מיט בייזן; דער פּרינציפּ פון באַאיינ־פלוסן מיט דער קראַפט פון איבערצייגונג און גוטע ביישפּילן, און נישט מיטן כוח פון קלעפּ, געשרייען און „נערוון".

# מיט קיין מוסר מאַכט מען
# קיין קינדער נישט בעסער

די מאָדערנע דערציאונג האָט דעם קאַנטשיק אַרויסגעוואָרפן פון שול און אויך פון שטוב. ער האָט שוין זיינם אָפּגעשמיסן, דער קאַנטשיק, און ס'איז שוין היינט אפילו איבעריק צו דערווייזן ווי שעדלעך עס איז די קערפּערלעכע שטראָף, וועלכע איז שטרענג פאַרבאָטן אין שול און איז שוין אויך „אַרויס פון דער מאָ־דע" אין שטוב.

אַמאָל האָט מען געהאלטן, אז די תורה דאַרף מען „אַריינ־קלאַפּן" אין די קינדערישע קעפּלעך, און דאָס שמייסן איז געווען אַ מידה נישט נאָר אין דער אידישער „פּעדאַגאָגיק", נאָר אויך אין דער ניט־אידישער שול איז דער קאַנטשיק געווען דער וויכטיקסטער „דערציאונגס־עלעמענט" אין די הענט פונעם לערער.

דער מוסר איז געגאנגען האנט בא האנט מיטן קאַנטשיק, און אויב דאָס שמייסן איז באַשטימט געווען פארן זינדיקן גוף, האָט

דער מוסר גערארפט שטראפן די נשמה און האלטן אין פחד און הכנעה דעם נייסט פונעם מענטשן.

היינט איז דער קאנטשיק שוין אפגעשאפט, אבער עס לעבט נאך דער מוסר, און אייניקע לערער האלטן פאר זייער חוב פון צייט צו צייט אויסצומוסרן זייער קלאס און מיט מוסר־טענות אים ארויס־פירן אפן דרך־הישר.

א סך טאטעס, און באזונדערס די מאמעס, צייכענען זיך שטארק אוים אין מוסר און בא יעדער געלעגנהייט לייענען זיי פאר די קינדער ארוים א צעטל פון זייערע חסרונות און מאכן דאס קליינ־ווארג צוגלייך מיט דער בלאטע.

און דער הויפט־ציל פון מוסר איז צו דערוויייזן דעם מענטשן, זיין שפלות, זיין געפאלנקייט, ער זאל זיך נישט איבערנעמען און נישט פארלירן דעם דרך־ארץ פאר די עלטערע פון זיך, און פאר די, וואס שטייען העכער און וויסן בעסער.

אט טענהט א מאמע צו איר בן־יחיד: ביזט פויל ווי א קאץ, נאר דו ווילסט מען זאל דיך באדינען, אלץ דארף איך דיר דערלאנגען, פוילסט זיך אפילו צו פארבינדן די שיך; מעגסט זיך שעמען, אזא גרויסער בחור!...

אבער דער גרויסער בחור שעמט זיך געוויינטלעך נישט, און אויב די מאמע פארבינדט אים די שיך היינט, וועט ער דאס זעלבע אויך וועלן מארגן. א ביסל פארדריסן אים די מוסר־רייד, אבער אויב די טענות חזרן זיך איבער אפט פארשווינדט דער פארדרוס און עס בלייבט די איבערצייגונג, אז ער איז טאקע פויל און אז די מאמע דארף אים אלץ דערלאנגען, און אויב די מאמע וועט אים נישט אויפהערן צו באדינען, וועט ער זיך אליין אפילו די נאז נים אפווישן.

אזוי, אז מיטן אויסמוסרן דעם בן־יחיד האט די מאמע גארנים דערגרייכט, ווייל מוסר ווירקט געוויינטלעך ווי די טענה פון יע־נער באלעבאסטע צו דער קאץ, וועלכע האט געלעקט די סמעטע־נע. און די באלעבאסטע האט, ווי באוואוסט, געהאלטן א שיינע מוסר־דרשה, אבער די קאץ האט נישט אויפגעהערט צו לעקן...

## לערנט די קינדער צו זאָגן דעם אמת

עס ווערט דערציילט אין דער ביאָגראַפיע פונעם באַרימטן אַמעריקאַנישן פרעזידענט, וואַשינגטאָן, אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, האָט ער זיך שפּילנדיק מיט זיין העקל אין גאָרטן אויסגעהאַקט עטלעכע יונגע ביימעלעך, וועלכע זיין פאָטער האָט מיט די אייגענע הענט פאַרפלאַנצט. ווען דער אַלטער וואַשינגטאָן האָט עס דערזען איז ער אויפגעבראַכט געוואָרן פון כעס און האָט קלאַפּנדיק מיטן פויסט אין טיש אויסגעשריגן: ווער האָט עס געטון? דאָס קליינע אינגל, וואָס האָט מיט יאָרן שפּעטער געגרינדעט די גרויסע אַמעריקאַנישע מלוכה, איז רואיק צוגעגאַנגען צום פאָטער און אַ פעסטער שטימע געענטפערט: — איך, פּאַפּאַ...

די אומדערשראָקנקייט פון אינגל האָט אַזוי איבעראַשט דעם פאָטער, אַז ער האָט אים בלויז באַשטראָפט מיט אַ לייכטן פאַרוואורף און מיט אַן אָנזאָג, אַז ער זאָל מער נישט האַקן די ביימער פון גאָרטן.

דער פאַקט ווערט דערציילט ווי אַ ביישפּיל פון דער איינגע-

בוירענער מוטיקייט און ליבע צום אמת, וואס האט שטענדיק אויסגעצייכנט דעם גרויסן אמעריקאנישן פרעזידענט.

זייער מעגלעך, אז וואשינגטאן האט ווירקלעך פארמאגט אזעלכע איינגעבוירענע פעאיקייטן. פון דעם אויבנגעבראכטן עפיזאד פון וואשינגטאנס יוגנט זעען מיר אבער, אז זיינע עלטערן האבן נישט אונטערדריקט און נישט פארקריפלט זיינע גוטע איינגעבוירענע אייגנשאפטן.

ווען דאס אינגל זאל וויסן, אז זיין פאטער וועט אים באשטראפן וואלט ער אויך אזוי אומדערשראקן זיך מודה געווען?— מעגלעך, אז יא; עס איז אבער זיכער, אז די עלטערן, וואס האלטן זייערע קינדער אין א שטענדיקן טערארן און מורא פאר קלעפ, צווינגען סוף-כל-סוף זייערע קינדער צו זאגן ליגנס, כדי זיך ארויסצודרייען פון דער אומפארמיידלעכער שטראף.

לאמיר זיך פארשטעלן א נארמאל קינד מיט נארמאלע איינגעבוירענע פעאיקייטן, וואס איז באגאנגען א פעלער און זיך מודה געווען פאר זיין פאטער, ווי דאס האט געטון דער קליינער וואשינגטאן. נאר דער פאטער פון דעם קינד, לאמיר זאגן, האט נישט פארמאגט די אינטעליגענץ און רואיקייט פון יענעם היסטארישן מאן, און אין אנפאל פון אויפרעגונג האט ער שטרענג באשטראפט דאס קינד.

דאך האט דאס קינד בא א צווייטער געלעגנהייט, ווידער ניט פארלייקנט זיינעם אן אפגעטוענעם פעלער, און דער פאטער האט אים ווידער באשטראפט. אפן יסוד פון דער אייגענער ווייטיקלעכער דערפארונג בילדעט זיך אוים באם קינד דאס באוואוסטזיין, אז קיין שום פעלער, נאכלעסיקייט און אומגעהארכזאמקייט וועט אים ניט געשענקט ווערן און פאר יעדן טאט, וואס וועט ניט נושאחן זיין אין די אויגן פון זיין פאטער, וועט עס באקומען זיין פארציע קלעפ.

אבער עס איז דאך אומעגלעך, אז א קינד זאל זיך אמאל ניט פארזינדיקן און נישט איבערטרעטן די געבאטן פון פאטער. דער אינסטינקט פון אייגענער זעלבסטפארהיטונג זאגט אים דעריבער

אונטער ער זאָל אַף ווייטער פאַרלייקענען די פעלערן און נישט אויסזאָגן דעם פאָטער דעם גאַנצן אמת, כדי אַף אַזאַ מין אופן צו פאַרהיטן די אייגענע ביינער פון שמיץ.

דאָס עלעמענטאַרע געפיל פון זעלבסט-פאַרטיידיקונג דיקטירט דעם קינד זיך צו באַשיצן פון די „גרויסע" און שטאַרקע, קעגן וועלכע עס איז אַזוי אומבאַהאָלפן. מיט פיזישן כוח קען דאָס קינד קעגן די דערוואַקסענע נישט אַרויסטרעטן, מיט דער קראַפט פון אַרגומענטן אויך נישט, לאָזט זיך עס אַפן וועג פון לייכטסטן ווי־דערשטאַנד און טרעט אַרויס אין קאַמף מיט די גרויסע באַוואָפנט מיט דער פעאיקייט צו זאָגן ליגנס.

און געלינגט איין מאָל אַ ליגן און דאָס קינד מיידט אויס די שטענדיקע שטראַף, הערט עס שוין נישט אויף צו פאַרלייקענען דעם אמת און געוואוינט זיך צו זאָגן ליגנס נישט נאָר דעם פאָ־טער, נאָר אויך די אַלע אַרומיקע מיט וועלכע עס קומט נאָר אין באַרירונג.

מען דאַרף אַ קינד לערנען זאָגן דעם אמת, און די גוטע און שיי־נע מידה לערנט מען ניט אויס מיט טעראָר און ניט מיט קיין קלעפּ. די געוואוינהייטן פון דער יוגנט בלייבן אויך דאָס רוב אַפן גאַנצן לעבן, און עס מאַכט דעם עקלהאַפטסטן איינדרוק צו הערן אַ דער־וואַקסענעם זאָגן ליגנס.

אַ ליגנער איז דאָך אַ געבעכדיק באַשעפעניש און אויב מען קען עס נאָך מוחל זיין אַ קינד, איז עס נישט צום פאַרצייען אַ דערוואַקסענעם, וואָס דאַרף זוכן אַנדערע ווירדיקערע און אַנשטענ־דיקערע מיטלען אַף צו פאַרטיידיקן זיינע אינטערעסן און זיינע איבערצייגונגען.

# באַציאונג צום אייגענעם וואָרט

אַ מענטש וואָס האַלט נישט קיין וואָרט, ווייזט אַרויס אַ געוויסע גרינגשעצונג צו זיך גופא. עס הייסט, ער אַליין האַלט ניט פון זיין וואָרט און ברענגט אויך צו דעם, אַז אַנדערע זאָלן נישט האַלטן און אַף זיין וואָרט ניט שטעלן.

די באַציאונג צו קינדער, פאָדערט אויך אַ באַשטימטע אויסגעהאַלטנקייט און אַ געוויסע מאָראַלישע דיסציפּלין איבער זיך גופא.

אַמבעסטן איז וואָס ווייניקער צוזאָגן, אָבער אַ צוזאָג וואָס ווערט יאָ געמאַכט, דאַרף ווערן דערפילט. ווען אין באַוואוסטזיין פון קינד וועט זיך אויסבילדן די איבערצייגונג, אַז דעם טאַטנס אָדער דער מאַמעס ווערטער זיינען נישט קיין פּוסטע רייד, וועט עס שאַפן בא די קינדער א באציאונג צו די ווערטער פון די עלטערן און וועט פארשטאַרקן דעם געפיל פון דרך־ארץ צו זיי.

קינדער — ווי גרויסע — האָבן נישט ליב ווען מען נאַרט זיי. די „סיסטעם" פון אָפּנאַרן די קינדער, וועלכע די דערוואַקסענע ווענדן אָפּט אָן, אַרבעט אויס בא די קינדער, פון איין זייט, אַן אומ־

צוטרוי צו די עלטערע און פון דער אנדערער זייט, צווינגט עס זיי צו כיטרעווען, נאָכטראַכטן ווי מען נאַרט זיי נישט, און זוכן שפּיצ־לעך און מיטלען אָף נישט צו בלייבן גענאַרט, אָדער גאָר אָפּ־נאַרן אַנדערע.

קען מען נישט דערפילן דעם קינדס פאַרלאַנג, איז גלייכער אָנצוגעבן די מאָטיוון פאַרוואָס און זאָגט מען וואָס צו, דאַרף דאָס קינד זיין איבערצייגט, אַז דאָס וועט דערפילט ווערן. אַ קינד דערפילט אינסטינקטיוו אַ ריין געוויסן און אַן אויפריכטיק וואָרט און אַז מען רעדט מיט קינדער ערנסט, איז לייכט זיי איבערצייגן און זיך איינפאַרשטיין.

ערגער איז ווען דאָס קינד ווייסט, אַז מיט אַ ביסל טרערן אָדער טומל קען עס צווינגען די עלטערן צו בייטן זייער וואָרט. אַט צום ביישפּיל, גרייט זיך די מוטער אַרויסגיין אין גאַס, אָבער זי קען נישט אָדער זי דאַרף נישט מיטנעמען דאָס קינד. דאָס מיידע־לע וויל אָבער גיין. — איך וועל דיר נישט מיטנעמען, זאָגט די מאַמע, דו וועסט בלייבן אין שטוב מיטן טאַטן. דאָס קינד וויינט. די מאַמע חזרט איבער שוין אויפגערעגט: — עס וועט דיר נישט העלפן קיין וויינען, דו וועסט נישט גיין!..

דאָס קינד ווייסט שוין אָבער פון זיין דערפאַרונג, אַז די מאַמע זאָגט „ניין״ און עס ווערט צום סוף „יאָ״. עס האַנדלט זיך נאָר אין אַ ביסל מער אָדער ווייניקער טרערן, אין העכער און לענ־גער שרייען.

נעכטן, דערמאַנט זיך דאָס מיידעלע, האָט אויך די מאַמע גע־זאָגט, אַז זי וועט זי נישט מיטנעמען צו דער שכנה, אָבער די טרערן האָבן גיך ווייך געמאַכט דער מאַמעס האַרץ און צום סוף איז זי צו דער שכנה יאָ געגאַנגען.

וויינט זי ווייטער. און אַ מאַמע איז אַ מאַמע, און בפרט נאָך אַ אידישע מאַמע. נאָך אַ היפּש ביסל באַקלאָגענישן און נערוועזע אויסרופן פון ביידע צדדים, האָט די פרוי נאָכגעגעבן און די פאַ־מיליען־סצענע האָט זיך פאַרענדיקט מיט די טרויעריק־מילדע ווער־טער: קום שוין, שלעכט קינד וואָס דו ביזט, קום...

אַזעלכע און ענלעכע סצענעס, קומען פאָר גאַנץ אָפט, און אַזאַ כאַראַקטערלאָזיקייט פון דער מאַמען קאָסט אַ סך געזונט דער מו־טער ווי אויך דעם קינד. אַ געוויסע כאַראַקטער־דיסציפּלין איז אין אַזאַ פאַל נייטיק פאַר ביידן. ווען די מוטער קען נישט און דאַרף נישט מיטנעמען דאָס קינד, האָבן די טרערן נישט געדאַרפט ענ־דערן איר לכתּחילהדיקן באַשלוס ארויסצוגיין אליין.

פון דער אַנדערער זייט, ווען ס'קינד וועט וויסן, אַז מיט טרערן וועט עס נישט אָפּוואַשן דער מאַמעס אַ „ניין" אָדער „יאָ", וועט עס אומזיסט נישט וויינען.

דאָ קען מען אָבער לייכט אַריינפאַלן אין אַ צווייטן עקסטרעם און זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שקלאַף פון אייגענעם וואָרט און אויך פאַרקנעכטן צום וואָרט די קינדער. מען טאָר דאָס וואָרט נישט פאַרוואַנדלען אין אַ דאָגמע, אין אַ הייליקייט. אָפטמאָל איז דער מענטש געצוואונגען צו אַנערקענען זיין אייגענעם פעלער, צו ענ־דערן זיין וואָרט און זיך לאָזן איבערצייגן און איבעררײדן אפילו פון זיינע קליינע קינדער.

# מען טאָר נישט אַרויסווייזן צו איין קינד
# מער ליבע ווי צו אַלע אַנדערע
# קינדער אין שטוב

וואָס קען נאָך זיין אַזוי שטאַרק, אַזוי עכט און אַזוי טריי ווי די מוטער-ליבע?

קיין שום אַנדער געפיל באַהערשט נישט און דערהויבט נישט אַזוי דעם מענטשן ווי די אַפּערוויליקע און אומאייגננוציקע ליבע צו זיינע קינדער. אין דעם באַשטייט אויך דער וועזנטלעכער און עיקרדיקער אונטערשייד, וואָס טיילט אָפּ דעם מענטשן פון דער חיות-וועלט, וואו די עלטערן-ליבע דויערט בלויז אַזוי לאַנג ביז די קינדער זיינען אומבאַהאָלפן און קענען זיך אַליין ניט דערנערן.

די עלטערן-ליבע באַצייכנט אַ געוויסע שטופע פון ביאָלאָגי־שער אַנטוויקלונג. די נידעריקערע חיות זאָרגן אינגאַנצן נישט וועגן גורל פון זייערע קינדער, זייער עלטערן-פונקציע ווערט דער־פילט מיטן בלויזן אַרויסברענגען דעם נייעם דור אַף דער וועלט. די חיות מיט אַ העכערער אָרגאַנישער און גייסטיקער קאָנסטרוק־ציע באַשיצן שוין זייער יונגן דור און לערנען אים אַפילו פירן אַ

קאמף פאר זיין ווייטערדיקער זעלבסטשטענדיקער עקזיסטענץ.

דער מענטש, „די קרוין פון דער וועלט", זארגט פאר זיינע קינדער נישט בלויז אין פעריאד ווען זיי זיינען אומבאהאלפן; די פעדים פון דער מענטשלעכער עלטערן־ליבע ווערן נישט איבערגעריסן אויך דאן ווען די קינדער ווערן דערוואקסן און זעלבסטשטענדיק. דער מענטש באטראכט דעם יונגן דור ווי א פארזעצונג פון זיין אייגענעם לעבן, ווי זיין אייגענע צוקונפט, וואס פארייביקט זיין מין און זיין אנדענק צווישן די מענטשן. די עלטערן־ליבע פארשפרייט זיך דעריבער אף קינדער און קינדס־קינדער, אף דער משפחה, אפן פאלק און אף דער גאנצער מענטשהייט.

די עלטערן־ליבע קומט ווי א נאטירלעך אינסטינקטיוו געפיל. א געפיל פון בלוט־פארוואנדשאפט, וואס זוכט צו פארזיכערן דעם אייגענעם קיום און וואס איז דעריבער נים פריי פון געוויסע עגאאיסטישע אימפולסן. מיר האבן ליב די קינדער, ווייל מיר ליבן זיך, ווייל מיר זעען אין זיי א טייל פון אונזער אייגענעם וועזן, א פארזעצונג פון אונזער אייגענער עקזיסטענץ אף דער וועלט.

אין דער באוואוסטער לעגענדע מיט דעם מוטער־הארץ ווערט דערציילט, אז א שלעכטער זון האט אויסגעשניטן דאס הארץ פון זיין מוטער און עס געטראגן ווייזן זיין געליבטער, אלס צייכן פון זיין שטארקער ליבע צו איר. לויפנדיק איז ער אפן וועג געפאלן. דאס פארבלוטיקטע מוטער־הארץ האט זיך פארצאפלט אין האנט פונעם מערדער און מיט א ציטער געפרעגט: „האסטו זיך נישט וויי־געטון, מיין קינד?..."

דאס איז דער טרייסטער אויסדרוק פון דער בלינדער, אפפערוויליקער און אלץ־פארגיבנדיקער מוטער־ליבע, וואס ווייסט נישט פון קיין גרענעצן און צוימען, וואס לעבט נישט פאר זיך נאר פאר די קינדער, וואס האט אין ליבע זיך אויפגעלייזט און לעבט אין דער עקזיסטענץ פון אירע נאכקומענדיקע דורות.

אבער יעדעס בלינד געפיל איז אן איראציאנעלע אומגעזונטע קראפט, וואס דארף דורכן באוואוסטזיניקן מענטשן ווי ווייט מעגלעך קאנטראלירט און געצוימט ווערן. אן איבערפלוס פון ליבע

קען שאַדן־ברענגען נישט נאָר די עלטערן, נאָר אויך די קינדער.

עס טרעפן זיך אָבער גאַנץ אָפט אויך אייניקע אומגעזונטע, פּאַטאָלאָגישע אָפּווייכונגען אין דער עלטערן־ליבע, און אויף דעם ווילן מיר אין דעם פאַל זיך באַציען. דאָס טרעפט איבערהויפּט אין די פאַמיליעס וואו עס זיינען דאַ עטלעכע קינדער און וואו די גאַנצע ליבע פון די עלטערן גיסט זיך אויס אויף איין קינד, בעת צו די אַלע איבעריקע קינדער בלייבן זיי אין אַ גרויסער מאָס גלייכגילטיק און קאַלט. דער ליבלינג ווערט אויף פאַרשיידענע אופנים אויסגעטיילט פון די אַלע איבעריקע קינדער און די עלטערן שענקען אים די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט.

די דערשיינונג איז אַ פיל אָפטערע ווי מען קען זיך גאָר פאָרשטעלן און עס שאַפן זיך אויף אַזאַ מין אופן פאַמיליען־טראַגעדיעס, וואָס האָבן גאַנץ אָפט שווערע פאָלגן. דאָס געפיל פון עלטערן־עגאָיזם ווערט דערפירט צו זיין ווייטסטן עקסטרעם, די עלטערן קלויבן אויס דאָס קינד, וואָס איז זיי אַמערסטן צום האַרצן און לאָזן אָן דער וואַרעמקייט און צערטלעכקייט די אַלע איבעריקע קינדער פון זייער אייגן פלייש און בלוט. דאָס מוטער־האַרץ צאַפּלט ניט שטענדיק מיט גלייכער ליבע פאַר אַלע קינדער, עס פאַרמישן זיך אינעם צאַרטן עלטערן־געפיל גאַנץ אָפט אויך גרויזאַמע עלעמענטן.

דאָס רוב זיינען עס די שוואַכע און אומבאַהאָלפענע קינדער די „גליקלעכע" וואָס געניסן אַמערסטן פון דער עלטערן־ליבע. די שוואַכלינגס ווערן אויף אַזאַ מין אופן די ליבלינגס, בעת די געזונטערע, די עסער, די שטיפער, באַפרייען זיך שנעל פון דער עלטערן־אויפזיכט, ווערן פרי זעלבסטשטענדיק און פאַרהאַרטעוועט, ניטיקן זיי זיך נישט אין דער מאָמעס צערטלעכקייט און הערן אויך אליין אויף זיך צו צערטלען און פיעשטשען.

עס טרעפט אויך, אַז די עלטערן זעען אין איין קינד אַמערסטן פאַרקערפּערט זייערע אייגענע פיזישע אָדער גייסטיקע אייגנשאַפטן, און דאָס קען זיין די סיבה פון זייער באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט און ליבע צום שאָדן פון די אַלע איבעריקע קינדער.

עס איז אָפילו נאַטירלעך, אַז איין קינד זאָל מער אויסנעמען

פֿון אַנדערע, אָדער ·זאָל זיך מער אויסצייכענען פֿון אַנדערע קינ־דער. דאָס טרעפֿט אין שול און אויך אין דער סביבה פֿון דער פֿאַ־מיליע. אָבער אַזוי די עלטערן ווי אויך די לערער, דאַרפֿן זיין זייער פֿאָרזיכטיק און אָביעקטיוו, און וואָס ווייניקער אַרומ־ווייזן זייערע געפֿילן, כדי ניט צו שאַדן די גליקלעכע און נישט קרענקען די באַעוולה׳טע.

אָבייעקטיוו גענומען דאַרפֿן די עלטערן, און אַפֿילו די לערער, גלייך ליב האָבן אַלע קינדער. אָבער מען קען זיך קיין געפֿילן ניט דיקטירן, וואָס מען קען פֿאָדערן איז ווי ווייט מעגלעך אַ גלייכע באַציאונג צו אַלע קינדער און ניט לאָזן פֿילן אייניקע, אַז זיי זיינען די אויסדערוויילטע און די אַנדערע, אַז זיי זיינען איבעריקע און פֿאַרשטויסענע.

אַזאַ באַציאונג שאַפֿט פֿון איין זייט, געפֿערלעכע עגאָיסטן און אָפֿט אויך גרויסע טויגעניכטסן, פֿאַרצערטלטע און צעקראַכענע, וואָס דאַרפֿן שטענדיק האָבן עמיצן אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן און פֿון דער אַנדערער זייט, שאַפֿט עס באַ די באַ׳עוולה׳טע אַ געפֿער־לעכע פֿאַרביטערונג, וואָס לאָזט אין זיי איבער אַ מין שוואַרצן שאָטן אויפֿן גאַנצן לעבן.

די עלטערן מוזן קאָנטראָלירן זייערע געפֿילן און זיין איינגע־האַלטן מיט די אויסדרוקן פֿון זייער ליבע אין דער באַציאונג צו זייערע קינדער.

פינפטער טייל :

# געלעכטער


יעדן טאָג דאַרף דאָס קינד באַקומען אַ „פּאַרציע" פרייד 155

יאָגט ניט אָן קיין טרויער אַף די קינדער ............... 157

די ראָלע פון דער מוטער אין דער פאַמיליען־היים ........ 160

פאַרביטערט ניט די שטימונג פון אייערע משפחה־לייט 163

די יוגנט דאַרף זיין יונג ................................... 166

גיט אַפּ די קינדער זייער קינדהייט ......................... 169

לאַכט, לאַכן איז געזונט! ................................... 171

## יעדן טאָג דאַרף דאָס קינד
## באַקומען אַ „פּאַרציע“ פרייד

מען דאַרף נישט וואַרטן אויף אַ יומא־דפגרא, אויף אַ טאָג פון נישט לערנען, אָדער אויף אַ ספּעציעלן יום־טוב, כדי צו מאַכן יום־טובדיק די קינדערשע הערצער און אַריינברענגען אַ ביסל פרייד, היימערקייט און געלעכטער אין קרייז פון דער אייגענער משפחה.

מען דאַרף נישט אָפּלייגן די שמחה אויף יום־טוב און לאַכן בלויז אויף דער אָנווייזונג פון קאַלענדאַר, אָדער גיבן מתנות די קינדער נאָר אין טאָג, ווען ס'איז אָנגענומען, אָדער פאַרגעשריבן.

מען מעג זיך אַמאָל מאַכן יום־טוב אינמיטן דער וואָך און אינמיטן יאָר, און דווקא די שמחה, וואָס קומט אומדערוואַרטעט, איז באַזונדערס אָנגענעם און אָנגעלייגט.

און קינדער דאַרפן יום־טובים האָבן וואָס מערער און אָפטער. דאָס פאָדערט זייער גייסט, זייער גאַנצע נאַטור, זייער נאָרמאַלער וואוקס.

אָבער יום־טוב אינמיטן העלן מיטוואָך קען זיך נישט יעדערער דערלויבן. אַמאָל קריכט עס גאָרנישט אין קאָפּ, ס'איז נישט צום האַרצן, אָדער נישט צו דער קעשענע און מען מוז וואַרטן מיט דער שמחה אויף יום־טוב, און זיך פרייען, ווען גאָט האָט געבאָטן, צוזאַמען מיט אַלע גוטע און פרומע מענטשן.

קינדער דארפן אָבער ניט האָבן קיין ספּעציעלע „פּייערטעג״, זיי באגנוגענען זיך מיט ווייניק, פאר זיי קאָן מען איינהאנדלען א שמחה פאר גראָשנס און מאכן א יום־טוב אפילו יעדן טאָג.

א קליינער שפּאציר מיטן קינד איז שוין פאר אים די גרעסטע שמחה; א שפּילצייג פאר עטלעכע סענט איז א גאנצער יום־טוב; א מעשהלע, א וויץ, אדער א לידל, מאכן דאָס קינד איבערגליקלעך. און דאָס פאָדערט בלויז א ביסל צייט, א ביסל אויפמערקזאמקייט און פארשטענדעניש.

און אָט די דאָזיקע פארשטענדעניש זיינען מיר אויסן צו מאָנען און וועקן. טאַטע־מאַמע דאַרפן וויסן, אַז פּונקט ווי מען גראַזירט דאָס קינד מיט זיין „פּאַרציע״ עסן, אזוי דאַרף מען עס גראַזירן מיט זיין „פּאַרציע״ יום־טוב, מיט זיין חלק פרייד און געלעכטער.

און מען דאַרף געדענקען, אַז דעם דאָזיקן „ארטיקל״ פאַרברויכן די קינדער זייער א סך, אין אן אומפארגלייכלעך־גרעסערער מאָס ווי די דערוואקסענע.

אמת, די קינדער אַליין „פּראָדוצירן״ א סך פרייד. איז נאָר א קינד געזונט און זאַט, איז עס אין א גוטער שטימונג און וועט זיך שפּילן אַפילו מיט זיך אַליין, און זיך נישט לאַנגווײַלן. אַן עלטער קינד פאָדערט שוין אָבער געזעלשאַפט און אין די מאָמענטן ווען עס קען נישט זיין מיט אַנדערע קינדער, דאַרפן די עלטערן אַקאָמפּאַנירן דאָס קינד און אים העלפן... זיך פרייען, און אַליין געניסן פון דער פרייד.

מען דאַרף נישט וואַרטן אָפן באַפעל פונעם לוח — קינדער דאַרפן האָבן וואָס מער פרייד, וואָס מער יום־טובים.

ווען א קינד באַקומט נישט קיין גענוג נאַרהאַפטע שפּייז, בלייבן זיינע ביינער אָן קאַלך, און א מאַנגל אין שפּיל און פרייד פאַרורזאַכט אויך ענלעכע פעלערן אין זיין פסיכישער נאַטור.

דער מאַנגל אין פרייד לייגט אַ שווערן שאָטן אָפן כאַראַקטער פון קינד, וואָס וואַקסט אויס אָן אַ גֿעפיל פאַר הומאָר און אָן דעם נאַטירלעכן אָפּטימיזם, וואָס גיט צו אַזוי פיל מוט און קראַפט אין לעבן.

# יאָגט נישט אָן קיין טרויער
# אַף די קינדער

קינדער גייען אין שול. עס ציען זיך ווייסע כאַלאַטלעך איבער
לע גאַסן און פאַרשווינדן אין די הויכע ברייטע טויערן פון די מלו-
־השע פאָלקס-שולן, וואָס זשומען ווי די בינשטאָקן, פול מיט ווײ-
ער קינדערישער פרייד, מיט גערײדעריי, געשרייען און געלעכטער.
קוקט זיך צו צו די קינדערלעך. אייניקע גייען רואיק, געלאַסן,
כער אַז זיי זיינען אַרויס אין צייט און וועלן קומען אין צייט.
נדערע יאָגן זיך, שמאַיען, פאַרשפּיליען זיך אַפן וועג, און קייען
אַך אין איין גאַנג אַ שטיקל פונעם איבערגעבליבענעם עסן.
אַף אייניקע איז אויסגעגאָסן די פרידלעכע רו פון זאַטע היימען,
פון געניטע מאַמישע הענט, פון זאָרגפולער ליבע. נאָך אַנדערע
שלעפּט זיך נאָך אַ טרויער-טאָן פון אָפּגעלאָזנקייט, פון נערוועזי-
טעט, פון אומרו און מורא.
די אָרעמקייט שטעלט איר שטעמפּל אויך אַף די זאָרגלאָזע
פּנימלעך פון די קינדער. דער ווייסער כאַלאַטל ווישט נים אָפּ די
טונקעלע שפּורן, וואָס רופט אַרויס אין געמיט אַ ליידיקער מאָגן.

אָבער די פאַלן פון פיזישן הונגער זעט מען דאָך נישט אַזוי אָפּט, און אַזוי לאַנג ווי אַ קינד איז זאַט און געזונט מוז עס שפּרודלען מיט פרייד און געלעכטער.

אַ פאַרטרויערט געמיט פון אַ קינד איז ניט שטענדיק אַ רעזולטאַט פון פיזישע ליידן, אָפּטמאָל איז שולדיק די שטוב, די מאַמע אָדער דער טאַטע, וואָס יאָגן אָן אַן אומזיסטן און אומבאַ־רעכטיקטן פיין אויף זייערע קינדער.

ס'איז אַ שאָד ווען אין אַ מילדן, זוניקן טאָג, ווען מענטשן גאָרן נאָך פרייד און נאָך ליכט, יאָגט אָן אַ שווערער פינצטערער וואָלקן און פאַרשטעלט די זון פון די אויגן. די וואָלקנס אויף אַ קינדערשן געמיט זיינען נאָך פיינלעכער און שווערער פאַר דעם, וואָס קען אַריינקוקן אין די אומשולדיקע קינדערשע אויגן.

איינער פון דאָסטאָיעווסקיס העלדן זאָגט ערגעץ, אַז די וועלט מעג אונטערגיין פאַר איין אומשולדיקער און ריינער קינדערשער טרער.

אָבער די טרערן יאָגן מיר אָפּט אַליין אָן, און די ליידן זיינען ניט שטענדיק אַ רעזולטאַט פון פיזישן און מאַטעריעלן מאַנגל. די אומ־וויסנקייט, די אָפּגעלאָזנקייט און דער קליינלעכער עגאָיזם בייסן זיך אָפּט אַריין אין דער נשמה פון מענטשן און פאַרביטערן דאָס לעבן פון די אַלע, וואָס קומען מיט אים אין באַרירונג.

אויב די גרעסטע קונסט, איז די קונסט פון לעבן, באַהערשן די קונסט נאָר די, וואָס ווייסן ווי צו האַלטן אָרבעטספּעאיק זייער קער־פּער און פריידיק זייער גייסט. פונקט ווי אונזערע לונגען דאַרפן אַ צופלוס פון פרישער לופט אויף אָנצוהאַלטן אַ נאָרמאַלן שטאָף־וועקסל אין קערפּער, אַזוי דאַרף אויך אָפּגעפרישט ווערן אונזער גייסט מיט איבערלעבונגען פון פרייד, לעבנסלוסט, פאַרווייליונג און געלעכטער.

פונקט ווי עס ווערט אָפּגעהיט דאָס געזונט, אַזוי דאַרף אויך אָפּגעהיט ווערן דער געמיט־צושטאַנד פון די קינדער. עס איז אַ פאַר־ברעכן אָנצוואַרפן אויף דער פאַמיליע די אייגענע שלעכטע שטימונ־גען און „אויסלאָזן" אויף די קינדער, און איינער אויפן אַנדערן, דאָס פאַרטרויערטע געמיט, מאַכן טראַגעדיעס און פאַרביטערן די שטו־

מונג פון יעדער קליינלעכער איבערלעבונג.

עס זיינען דאָ הייזער, אין וועלכע עס פעלט נישט קיין ברויט, אָבער עס פעלט אין זיי פרייד. עס פעלט אַ צאַרטע האַנט, וואָס זאָל אַלעמען פאַרייניקן אין ליבע און אין שלום.

טאַטעס און מאַמעס דאַרפן באַזאָרגן די קינדער נישט נאָר מיט ברויט און מיט שול, נאָר אויך מיט פרייד, מיט פאַרוויילונג און געלעכטער. באַ די ערגסטע באַדינגונגען דאַרף מען קענען אריינ־ברענגען אַ ביסל יום־טוב אין שטוב. פרייד איז ווי באַלזאַם פאַר די וואונדן און געלעכטער איז נייטיק ווי לופט פאַר די קינדער. אַ מוטער וואָס קען נית מיט אַ זוניקן שמייכל פאַרטרייבן די וואָלקנס פון טרויער אפן געמיט פון איר הויזגעזינד שטייט נישט אַף דער הויך פון אירע מוטער־פליכטן.

ווען אַ מוטער איז פאַרביטערט און הייבט אָן ארויספּראַוון איר קינד אין שול מיט געשרייען און מוסר, און וואַרפט אפן קינד די שולד פון איר אייגענער אָפּגעלאָזנקייט, איז נישט צו דערוואונ־דערן אַז די קינדער אירע זאָלן קומען אין שול מיט אַ רואיקן קאָפּ צום לערנען און מיט געזונטע נערוון.

אַ רואיק און פריידיק געמיט איז דער הויפּט־באַדינג פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ געזונטן גייסט, פון אַ נאָרמאַלן פּסיכישן קאָמ־פּלעקס באַ אונזערע קינדער.

## די ראָלע פון דער מוטער
## אין דער פאַמיליען־היים

אין פאַבריקן שמועס האָב איך זיך אויסגעדריקט, אז „א מוטער וואָס קען נישט מיט אַ זוניקן שמייכל פארטרייבן די וואָלקנס פון טרויער אפן געמיט פון איר הויזגעזינד, שטייט נישט אף דער הויך פון אירע פאמיליע־פליכטן".

אף דעם דאָזיקן געדאנק, וועלכן איך האָב אמאָל ארויסגעזאָגט בא אַ שמועס מיט עלטערן אין אַ היגער שול, האָב איך באַקומען פון איין מוטער אַן ענטפער פון וועלכן איך נעם אַרויס די פאָלגנדיקע גאנץ־אינטערעסאַנטע שטעלן:

„...אַ מוטער איז נישט קיין צירק־טענצערן, וואָס דארף באשענקען מיט שמייכלען און פארווײלן דאָס „ליבע פובליקום" און אויב עס איז אמת, ווי איר זאָגט, אז „טאַטע־מאַמע דארפן באַזאָרגן די קינדער נישט נאָר מיט ברויט, נאָר אויך מיט פרייד און געלעכטער", דאַרף די פרייד אריינברענגען נישט נאָר די מוטער נאָר אויך דער פאָטער. אין באַציאונג צו דער פאמיליע האָט דער מאַן די זעלבע פליכטן ווי די פרוי"...

עס איז ריכטיק, אָבער נישט אינגאנצן. איבסען האָט אין זיין דראמע „נאָראַ" אויסגעדריקט מער ווייניקער דעם זעלביקן געדאַנק, הגם באַ אַ גאַנץ אַנדער סימ־אַציע. זיכער איז אַ מוטער נים קיין „צירק־טענצערן" און דאַרף קיינעם נישט פארווילן אף באַשטעלונג. אָבער פארווילן די אייגענע קינדער, פארשאַפן זיי פרייד און אַליין זיך אָפפרישן אין זייער געלעכטער, איז עפעס אַנדערש.

עס איז אמת, אַז צו דער פאַמיליע האָט דער מאַן די זעלבע פליכטן ווי די פרוי אָבער דער כאַראַקטער פון די פליכטן איז אַ גאַנץ אַנדערער. מיר לעבן אין אַן עפּאָכע פון ארבעטס־צעטיילונג, און די דאָזיקע צעטיילונג הערשט נים נאָר אין ווארשטאַט, אין ביוראָ און אין פאַבריק, נאָר אויך אין פערזענלעכן לעבן, אין גאַס און אין שטוב.

ווען די פרוי ארבעט און טראָגט אף זיך די מאַטעריעלע פאַמיליע־לאַסט צוגלייך מיטן מאַן קען אויך איר ראָלע אין שטוב און אירע פליכטן לגבי די קינדער זיין אין אַ געוויסער מאָס די זעלבע ווי די פליכטן פון מאַן. אָבער גאַנץ אַנדערש איז ווען די דאגות־פרנסה רויבן אַוועק די כוחות, די צייט און די געדאַנקען פונעם מאַן און פאַר דער פרוי בלייבט בלויז די שטוב, די הויז־ווירטשאַפט, די אויפזיכט איבער די קינדער, די אויסשליסלעכע אַפּיטרופּסות איבער דער „פאַמיליע־נעסט".

אין אזאַ פאַל פאַלט שוין אַוועק די באַהויפּטונג, אַז „אין באַציאונג צו דער פאַמיליע, האָט דער מאַן די זעלבע פליכטן ווי די פרוי". מאָראַליש זיינען די פליכטן די זעלבע, אָבער פאַקטיש הערשט אויך אף דעם געביט אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענע „ארבעטס־צעטיילונג" און אין באַציאונג צו איר הויזגעזינד דערפילט די מוטער גאַנץ אַנדערע פונקציעס ווי דער פאָטער.

אָבער די דאָזיקע „ארבעטס־צעטיילונג" איז נישט קיין קינסטלעכע און פארטעמפּנדיקע, — ווי אין דער אינדוסטריע, צום ביישפּיל, — נאָר דורכויס נאַטירלעכע און געזונטע, אין הסכם מיטן כאַראַקטער, מיט די מעגלעכקייטן און מיט די פּסיכישע אייגנשאַפטן פון פאָטער און מוטער.

יא

אין פאַרלויף פון אומצייליקע דורות, האָט די אינטימע הויז־
סביבה געלייגט איר שטעמפּל אַף דער פּסיכאָלאָגיע פון דער פרוי,
און אויב יורידיש און מאָראַליש דאַרף די פרוי האָבן די זעלבע רעכ־
טן און פליכטן ווי דער מאַן, האָט זי אָבער פיזיש און פּסיכיש, —
אין דער ראָלע אלס מוטער, — אַן אנדער טעטיקייטס־געביט און
גאַנץ אַנדערע אויפגאַבן.

אַן אומאָרדענונג אין שטוב פאַרורזאַכט אויך אַן אומאָרדענונג
אין גייסט, און שמוציקע, אָפּגעלאָזענע און שרייאיקע קינ־
דער קענען קיין פאַרגעניגן, קיין אָפּרו און קיין פרייד ניט פאַרשאַ־
פן. די פיזישע און גייסטיקע אָרדענונג פונעם הויזגעזינד איז, אין
אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דער מוטער און דאָרט וואו עס פעלן
די עלעמענטן פון פרידן און אָרדענונג, איז אומעגלעך אַ געזונטע
דערציאונג.

## פאַרביטערט נישט די שטימונג
## פון אייערע משפּחה־לייט

ווי געזאָגט, מאַכט נאָך אַ קינד נישט בלויז די רייד און האַנדלונגען פון די דערוואַקסענע, נאָר אויך זייערע געפילן און שטימונגען. און די שטימונג, די גייסטיקע אַטמאָספערע פון שטוב, באַווירקט טיף די נשמה פון קינד און לאָזט איבער אַן אייביקן שטעמפּל אויף זיין כאַראַקטער.

אין אַ שטוב, וואו עס הערשט אַ פרייידיקע און הייטערע שטימונג ווערן אויך די קינדער אָנגעשטעקט מיט דעם גייסט און געלעכטער, שפּאַס און פרייד ווערט באַ זיי א פשוטע נויטווענדיקייט אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

פונקט פאַרקערט איז אין די הייזער וואו עס קיניגט די מרה־שחורה, וואו פון אלע פּנימער וויינט אַראָפּ דער טרויער, וואו די מענטשן זיינען אָנגעצויגן, אָנגעבלאָזן, צאָרנדיק און פאַרביטערט. אַזאַ צרהדיקער נשמה־צושטאַנד פון די דערוואַקסענע מוז אויך באַווירקן די קינדער, און מעגן אפילו זייערע בייכלעך זיין שטענדיק אָנגעשטאָפּט צו דער זעט וועלן זייערע נשמות פילן אַ הונגער, און פריצייטיק וועט אויף די קינדערישע פּנימלעך זיך אויסגיסן דער שאָטן

פון „ערנסט”, פון אלטקייט, פון צאָרן און פארביטערונג.

שטימונגען און געפילן מאכן אומבאַוואוסטזיניק נאָך ניט בלויז קינדער, נאָר אויך דערוואקסענע. אַ געלעכטער שטעקט אָן, ווען מיר זעען טרערן ווערט מען באַווירקט און ווען איינער גענעצט, הייבן מיט הנאה אָן צו גענעצן אויך אַלע אַנדערע.

אַ שטימונג, איז ווי אַן עפּידעמיע, וואָס גיט זיך איבער פון איינעם צום אַנדערן און ווען איינער פארמאָגט נישט קיין נאַטירלעכע ווידערשטאַנדס-קראַפט, ווערט ער לייכט אָנגעשטעקט מיט שטימונגען און געפילן פון די ארומיקע.

דווקא א קינד פארמאָגט אין דעם זין אַ גרויסע ווידערשטאַנדס-קראַפט און איז פול מיט נאַטירלעכע פרייד-וויטאַמינען, אָבער ווען עס לעבט אין אַ סביבה, וואָס איז שטענדיק אָנגעזאַפּט מיט אומעט, לאַנגוויל, פארביטערונג און טרויער, ווערט עס, פריער אָדער שפּעטער, ארונטערפאלן אונטער דער דריקנדיקער אַטמאָספערע פון דער פאמיליע און איינזאַפּן אין זיך אַלע אירע שאָטנדיקע עלעמענטן. און געוואוינהייט ווערט אַ צווייטע נאַטור. אויך קרעכצן, זיך באַקלאָגן, נודיען און זיך ארומקריגן קען מען זיך צוגעוואוינען פון קינדווייז אָן.

עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס ווייסן ווי צו ריידן און האַנדלען מיט פרעמדע, אָבער ווי אומצוגיין מיט די אייגענע, איז פאַר זיי אַ סוד. עס פעלט זיי נישט קיין שכל אַף זיך צו שאַפן אַ פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט, אָבער עס פעלט זיי דערציאונג אַף צו באַהאַנדלען די אייגענע משפחה און די שלעכטע ביישפילן, וועלכע זיי האָבן אויפגענומען אין דער קינדהייט, מאכן זיי נאָך אומבאַוואוסטניק אין באַציאונג צו זייערע אייגענע קינדער.

אַ באַגריסונג, אַ גוט וואָרט, אַ קוש, אַ שפּאַס אָדער אַ געלעכטער מיט די קינדער זיינען נישט קיין „קלייניקייטן”; זיי שאַפן שטימונג, בילדן די געפילן, גיבן שיינע מאַנירן און גוטע געוואוינהייטן.

—גוט-מאָרגן, פּאַפּאַ.

—גוט-מאָרגן, מיין קינד.

אָט די איינפאַכסטע און פּשוטסטע באַגריסונג, וואָס ווערט

איינגעפירט אין שטוב, קען ארויסרופן מער צוגעבונדנקייט און דרך־ארץ באַ די קינדער, ווי דאָס גרעסטע „מקריב זיין זיך" פאַר זיי.

ווען טאַטע־מאַמע לערנען די קינדער עסן מיט מעסער און גאָפּל און אַליין עסן זיי מיט די הענט, איז אַרויסגעוואָרפן זייער טירחא:
— די קינדער וועלן זופן פון טעלער.

דאָס זעלבע איז מיט די אַלע אנדערע „העכערע מאַטעריעס". ווען די קינדער הערן בלויז זידלערייען, געשלעגן און קללות און זעען קיינמאָל ניט קיין שיינעם און איידעלן ביישפּיל, איז ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן זיין גראָב, פאַרביטערט און שלעכט אויך ווען זיי ווערן דערוואַקסן.

עס זיינען דאָ אויסנאַמען, אָבער געוויינטלעך מאַכן די מענטשן אומבאַוואוסטזיניק נאָך די דערפאַרונג פון זייער יוגנט און אָפט, קעגן זייער ווילן, לאָזן זיי אויס דעם געירשנטן צאָרן פון די קינדער־יאָרן אף די קעפּ פון זייערע משפחה־לייט.

דער לעבעדיקער ביישפּיל ווירקט שטאַרקער פון די בעסטע מוסר־דרשות, און באַזונדערס גרויס איז די ווירקונג פון ביישפּיל אף די קינדער, וואָס מאַכן אין אַלץ נאָך די דערוואַקסענע און אין דער ערשטער ריי זייערע עלטערן.

ניט שטענדיק לאָזן עלטערן איבער מאַטעריעלע ירושות. אָבער אַ גרויסן טייל פון זייערע גייסטיקע אייגנשאַפטן גיבן זיי יאָ איבער זייערע קינדער, און מען דאַרף זיך באַמיען, אַז די דאָזיקע „ירושה" זאָל נישט פאַרשאַפן די קינדער קיין צרות.

# די יוגנט דאַרף זיין יונג

וואויל איז דעם,
ווער ס׳איז אין דער יוגנט געווען יונג,
וואויל איז דעם,
ווער ס׳איז אין צייט געווארן רייף.
אַלעקסאַנדער פושקין.

אַ טיפּע לעבנס-חכמה איז פאַרקערפּערט אין די דאָזיקע ווער־טער. אַן אָרגאַניזם, וואָס איז פיזיש און פּסיכיש געזונט מאַכט דורך, בּאַ נאָרמאַלע באַדינגונגען, אַלע נאַטירלעכע עטאַפּן פון וואוקס, און איז יונג אין דער יוגנט, און ווערט רייף אין זיין צייט. אַן עפּל, אין וועלכן עס באַזעצט זיך אַ וואָרעם, ווערט פרי־צייטיק רייף און פאַלט אַראָפּ פון בוים. אַ מענטש מאַכט דורך די

זעלבע ביאלאגישע אנטוויקלונג. א פיזיש-קרענקלעך קינד באקומט אויך פסיכיש-פארעלטערטע שטריכן און הויבט אן נישט נאר אויס-זען פארעלטערט, נאר אויך דענקען ווי אן „אלטער".

די זעלבע טראגישע רעזולטאטן קען פארורזאכן א שלעכטע דערציאונג, אדער שווערע לעבנס-באדינגונגען אין א געזונטן און נארמאלן קערפער. קינדער, וואס ווערן צו פרי איינגעשפאנט אין יאך פון פרנסה, ווערן פריצייטיק אלט. יונגע פלייצעס קענען נישט אויסטראגן דעם שווערן לעבנס-קאמף און פאלן אפט פאר דער צייט.

מענטשן פון עלטערן דור טרעטן שארף ארויס קעגן די מאדער-נע דערציאונגס-מעטאדן און קעגן דער צו גרויסער פרייהייט וואס מען גיט היינט די קינדער. זיי ווייזן אן, אז אונזערע עלטערן און אור-עלטערן זיינען פון קינדוויז אן געווען איינגעשפאנט אינעם שווערן יאך פון לימוד און פון לעבנס-פאראנטווארטלעכקייט. זיי האבן קיינמאל נישט גענאסן פון די אלע פרייהייטן און לוקסוסן מיט וועלכע עס זיינען ארומגערינגלט די היינטיקע קינדער, און דאך זיינען די פארצייטיקע אידן געווען נישט שוואכער, נישט קלע-נער און נישט ערגער פון די היינטיקע מענטשן...

אזא געדאנקען-גאנג איז זייער כאראקטעריסטיש. אזוי טראכ-טן אונזערע פאטריארכן, אידן פונעם עלטערן דור, וואס האבן אין זיך איינגעזאפט די ירושה פון די פארצייטיקע דורות און באציען זיך מיט א געוויסן אומצוטרוי צו די חידושים פון אונזערע צייטן אפן געביט פון דער פעדאגאגיק און קינדער-דערציאונג.

מעגלעך אז די פארצייטיקע דורות זיינען נישט געווען פיזיש און גייסטיק שוואכער פון די היינטיקע מענטשן. אבער דערביי האט געשפילט א ראלע נישט בלויז די דערציאונג, מען דארף אין אכט נעמען די אלגעמיינע לעבנס-באדינגונגען פון היינט און פון דעם אמאל. דאס שטילע, פרידלעכע און רואיקע לעבן פון די אמאליקע צייטן איז ווייט נישט ענלעך אפן שטורמישן, נערוועזן און איבער-מטריעלן לעבן פון דער היינטיקער וועלט.

אונזערע עלטערן האבן דאס רוב זייער לעבן אפגעלעבט אף איין ארט און מיר טאגן נישט דארט וואו מיר נעכטיקן. אמאל איז

דער מענטש געווען געענטער צו דער נאַטור — אַפּילו דער איד — היינט טראָגט דאָס לעבן אַ מער קינסטלעכן, ראַפינירטן און אומרו־איקן כאַראַקטער; די אַטמאָספערע איז היינט אַן עלעקטריזירטע, אַן אינדוסטריאַליזירטע, אַ נערוועזע, און מיט דער דאָזיקער לופט אַטעמט אַזוי דער איד ווי דער נישט־איד.

עס איז היינט אַן אנדער וועלט. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז מיר דאַרפן זיך שלעפּן צוריק און קוקן מיט בענקשאַפט אויף די אַלטע פאַרגאַנגענע צייטן. די ראָד פון דער געשיכטע קען קיינער צוריק נישט דרייען. מען קען נישט צעשטערן די מאָדערנע טעכ־ניק און זיך אָפּזאָגן פון אַלע דערגרייכונגען אויפן געביט פון דער וויסנשאַפט.

און דאָס זעלבע איז מיט דערגרייכונגען אויפן געביט פון דער פּעדאַגאָגיק, וואָס רעכנט זיך מיט דער פּערזענלעכקייט פון קינד, מיט זיינע השגות און באַדערפעניש, אָבער נישט מיט די באַקוועם־לעכקייטן פון די עלטערע אָדער פון די עלטערן.

אונזערע עלטערן זיינען באַגאַנגען איין גרויסן פעלער לגבי זייערע קינדער: זיי האָבן נישט אָנערקענט, אַז די „יוגנט דאַרף זיין יוג" און אַז די קינדער דאַרפן זיין נישט מער ווי קינדער. זיי האָבן אינגאַנצן איגנאָרירט די קינדער־יאָרן און האָבן דאָס קליינ־וואַרג גלייך געוואָלט פאַרוואַנדלען אין גרויסע אידן, וואָס זאָלן דערפילן אַלע תרי"ג מצוות און זיך נים שפּילן, נים „שקאַצעווען", נאָר שטענדיק „אַריינקוקן אין ספר" און זיצן יום־ולילה און לערנען.

מען האָט באַם קינד אַוועקגערויבט די פרייד פון שפּיל, די זאָרג־לאָזע און אינסטינקטיווע פרייד פון זיינע קינדער־יאָרן, וועלכע די היינטיקע דערציאונג באַמיט זיך אים אָפּגעבן. אָפּגעבן די קינדער זייער קינדהייט, דאָס איז די הויפּט־אויפגאַבע פון דער מאָדערנער דערציאונג.

# גיט אָפּ די קינדער זייער קינדהייט

מיר האָבן אין פֿאַבריקן שמועס געגומען פֿאַר אַ מאָטאָ אַלעק־סאַנדער פּושקינס אַ סטראָפֿע פֿון זיין באַרימטער פּאָעמע „יעווגע־ני אָניעגין”. ווען ער רעדט וועגן דער קינדהייט פֿון זיין העלד און זאָגט, אַז „וואויל איז דעם, ווער עס איז אין דער יוגנט געווען יונג; וואויל איז דעם ווער עס איז אין צייט געוואָרן רייף”...

אין די דאָזיקע ווערטער איז פֿאַרקערפּערט אַ טיפֿער פּעדאַגאָ־גישער אמת. אַ נאָרמאַלע, געזונטע און וויסנשאַפֿטלעך־אויפֿגע־שטעלטע דערציִאונג איז נאָר די, וואָס רעכנט־זיך און פּאַסט־זיך־צו צו דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג פֿון קינד, וואָס פֿאַרלויפֿט נישט דעם וועג זיינע מעגלעכקייטן, וואָס פֿאַרכאַפּט נישט איין פּעריאָד פֿון וואוקס פֿאַרן צווייטן.

די אַנטוויקלונג פֿון מענטשן איז ווי אַ פּלאַנמעסיק און בהדרגהדיק שטייגן אויף די שטאַפּלען פֿון לעבנס־לייטער. אַ פֿעאיק און געזונט קינד מאַכט דורך גיך און לייכט די אַלע אַנטוויקלונגס־עטאַפּן; אַ קינד מיט אַ שוואַכער פֿיזישער אָדער גייסטיקער קאָנס־טרוקציע, באַוועגט זיך פֿאָרויס שווער און לאַנגזאַם. קיין קפֿיצת־

הדרך טאלערירט נים די נאטור און ווער עס וויל מיטאמאל אריבער־שפרינגען עטלעכע שטאפלען קען אפט ברעכן האלז־און־נאקן.

זעצט אוועק א קינד אין א קלאס מיט וועלכן עס קען נישט מיטגיין. זאל עס זיין אפילו א קלאס, וואס איז בלויז מיט א האלבן שטאפל העכער פון זיין אויפנאם־פעאיקייט און פון זיינע קענטע־נישן, און עס מעג זיין דאס פעאיקסטע קינד, וועט עס אפשטיין און צום סוף פארלירן דעם גלויבן אין זיך, ווערן דענערווירט, פאר־ביטערט אף זיך, אפן לערער, אף די חברים, און וועט צום סוף אפ־שטיין, רעזיגנירן און בלייבן דעמאראליזירט און דערשלאגן.

די אידן זיינען, דאס רוב, פיזיש פיל שוואכער און קליינוויק־סיקער ווי אייניקע אנדערע נים־אידישע פעלקער. און דאס איז א רעזולטאט נישט בלויז פון אונזערע שלעכטע לעבנס־באדינגונגען, נאר אויך פון אונזער צוגאנג צו קינדער, פון אונזער קוק אף דער קינדער־דערציאונג.

אידישע קינדער פלעגן צו פרי פארוואנדלט ווערן אין „קליינע אידעלעך", ווי דער זיידע מענדעלע פלעגט זאגן. און מענדעלע־מוכר־ספרים, וועלכער איז יארנלאנג געווען לערער, וועלכער איז טיף אריינגעדרונגען אין דער נשמה פון פאלק און וואס האט געזען די טראגעדיע פונעם אידישן קינד, פלעגט שטענדיק מיט פארביטערונג טענהן, אז מיר האבן דאך גארנישט קיין קינדער, מיר האבן גארנישט קיין יוגנט, מיר האבן נאר „קליינע אידעלעך"...

קליינע אידעלעך מיט א מאסקע פון ערנסט, פון זארג, פון גלות־פיין אף זייערע אומשולדיקע קינדערשע פענימלעך.

און ווער עס האט נישט געהאט קיין קינדהייט, ווער עס האט נישט גענאסן פונעם פ ר י ל י נ ג פון לעבן, בלייבט מיט א קעלט פון ווינטער אין זיינע ביינער, מיט א צייכן פון אומעט, וואס באגלייט דעם מענטשן זיין גאנץ לעבן.

די קינדער־יארן, דעם צארטסטן און גליקלעכסטן פעריאד אין לעבן, טאר מען באם מענטשן נישט אוועקרויבן — ער וועט זיי מער קיינמאל צוריק נישט געווינען און נישט כאפן אפילו מיט קיין גאל־דענע נעצן...

# לאַכט, לאַכן איז געזונט!

לאַכט, לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן — אַזוי פלעגט זאָגן אונזער שלום-עליכם. דער אמת איז אָבער, אַז דאָקטוירים הייסן נישט לאַכן; דאָקטוירים שטאָפּן, דאָס רוב, דעם קראַנקן מיט רפואות, זאָרגן ווייניק וועגן זיין גייסטיקן צושטאַנד און נעמען זעלטן צו הילף די פּסיכיק פונעם מענטשן אַף צו היילן זיינע פיזישע ליידן.

ווען נישט, וואָלטן אַף די ווענט צוזאַמען מיט די פּלאַקאַטן: היט אייך פאַר גריפּע! — אויך געווען אַ וואָרענונג: היט אייך פאַר טרויער! — ווייל טרויער איז פונקט אַזוי שעדלעך און אַנשטעקנדיק ווי די גריפּע, און ווי אַ געפּערלעכער באַציל צעפרעסט די מרה-שחורה די נשמה און דעם קערפּער פון מענטשן.

דאָס מענטשלעכסטע אינעם מענטשן איז זיין געלעכטער. פאַרשטאַנד פאַרמאָגן אויך חיות, קיין געלעכטער אָבער פאַרמאָגן זיי

**נישט. דאָס איז דער געטלעכער עלעמענט אינעם מענטשלעכן מיך, און וואָס מער מען וועט דעם עלעמענט קולטיווירן אַלץ מאָראַ־ליש העכער און דערהויבענער וועט דער מענטש זיין.**

אמת, געלעכטער קומט נישט אָן קיין באַשטעלונג און פרייד איז שווער צו מאַכן. אָן אַ ניכטערן מאָגן, זאָגט מען, זינגט זיך ניט, און די פינצטערע נויט פאַרטראָגט ניט קיין ליכטיקן שמייכל.

דאָרט וואו עס הערשט וואוילשטאַנד איז פאַראַן אויך פרייד און אין אַ געזונטן קערפּער קוועלט אויך די לעבנס־לוסט. אָפט אָבער פאַרסמט דער מענטש אַליין זיינע פרידלעכע און זאַטע טעג און פאַרפינצטערט זיינע געציילטע גליקלעכע שעהן.

לאַכן איז פּשוט פיזיש געזונט, דאָס האָבן שוין יאָ דערוויזן דאָקטוירים. אָבער עס איז נישט בלויז קיין פיזישער פּראָצעס. דער שטראָם פון געלעכטער טראָגט אַראָפּ אַלע „שטיינער פון האַרצן" און ווי אַ זונען־שטראַל פאַריאָגט ער אַלע פינצטערע וואָל־קנס, וואָס באַדעקן דאָס געזיכט פונעם מענטשן.

דעריבער האָט אונזער גרויסער פאָלקס־דיכטער און „פאָלקס־דאָקטער", שלום־עליכם, געהייסן לאַכן. דאָס לאַכן פאַרלייכטערט די פיינען פון לעבן און דערנענטערט מענטש צום מענטשן. ער האָט געהייסן לאַכן און אויסלאַכן די אייגענע צרות און ווייטיקן, כדי זיי לייכטער איבערצוטראָגן, כדי נישט צו פאַרצווייפלען און ניט פאַלן אונטער דער לאַסט פון לעבן.

**אונטער דעם הייסן אָטעם פון חוזק, אונטער דעם שאַרפן בליץ פון שפּאַס, צעגייען די אייגענע ליידן ווי שניי־קוילן אונטער די וואַרעמע שטראַלן פון דער זון. לאַכנדיקע אויגן זעען בלויז ראָ־זע פאַרבן און אין מענטשן דערוועקט זיך אַ געפיל פון צוטרוי, פון גלויבן, פון האָפענונג, פון אָפּטימיזם.**

שלום־עליכם, דער גרויסער פאָלקס־פריינט, וואָס האָט מיט־געלעבט און מיטגעפילט די ליידן פון פאָלק, ווי עס פילט דעם וויי־טיק פון איר קינד אַ טרייע מאַמע, האָט דעריבער מיט צאַרטע און ליבע הענט אונז אונטערגעטראָגן דעם רעצעפּט: לאַכט, אידע־לעך, לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן!...

און אַז אַ דאָקטער שרייבט צו אַ רעצעפּט, פאַרזעצט מען אפילו

די הויזן און מען קויפט אים, און אז לאַכן איז פּאַר קינדער געזונט, דאַרף מען אין דער אנוועזנהייט פון קינדער „פאַרזעצן" דעם אייגענעם טרויער, פאַרמשכנען די מרה־שחורה און באַהאַלטן די אייגענע דאגות און זאָרגן.

געלעכטער פרישט אָפּ און האַלט מונטער דעם מענטשלעכן גייסט און די ברכה פון דער מענטשלעכער נאַטור, קען אויך ווערן אַ ברכה אין די הענט פון אַ גענײטן לערער, וואָס קען מיט געלעכטער אין צייט באַלעבן זיין לימוד און פאַרשאַפן אַ סך פרייד זיינע שילער.

וואָס מער דער לערער וועט זיך האַלטן אָנגעבלאָזן און אָנגעצויגן אַלץ מער וועט ער דערווייטערן די שילער פון זיך און פאַרקלענערן זיין איינפלוס אָף זיי. אַזאַ לערער וועט נאָך אפשר מיט שטרענגקייט קענען אָנהאַלטן אַ „דיסציפּלין" אין קלאַס, אָבער זיין מאָראַלישע השפּעה וועט נישט גרייכן אַזוי טיף, ווי בײַ אַ לערער מיט אַ פרייער און אומגעצוואונגענער האַלטונג.

אמת, אידישע קינדער דאַרף מען צוגעוואוינען צו דער לאַסט פון דער ווירקלעכקייט, וועלכע האָט אָף אונז אויסגעשטעלט שוין גאָרנישט קיין לאַכנדיקע אויגן. אָבער קינדער האָבן באַזונדערע רעכט אָף געלעכטער, — דאָס איז די פּריווילעגיע פון דער יוגנט — און אַזוי לאַנג זיי זיינען אין רשות פון די עלטערן דאַרף מען בײַ זיי נימ אָוועקרויבן די אומשולדיקע פרייד פון די גליקלעכע קינדער־יאָרן. זאָרגן וועלן זיי נימ פאַרשפּעטיקן.

זעקסטער טייל:

# ירושה און סביבה


דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע ........... 177

די אידישע ראַסן־רייניקייט ................................ 180

דער מענטש קומט ניט אויף דער וועלט
מיט קיין ליידיקע הענט ................................ 182

אַ בער קען מען אויך אויסלערנען טאַנצן .................. 184

גוטע עלטערן און שלעכטע קינדער ......................... 186

אידיאָטן, פאַרברעכער און אויסוואורפן .................... 189

דער מענטש איז אַ פּראָדוקט פון זיין סביבה ............ 193

גאָר אין אַן אַטמאָספער פון שלום־בית קענען דערצויגן
ווערן פיזיש און גייסטיק געזונטע מענטשן 195

קינדער צאָלן מער ניט פאַר די
זינד פון זייערע עלטערן ................................ 197

# דאָס עפּעלע פאַלט ניט
# ווייט פון ביימעלע...

דער וועלט-באַרימטער פראַנצויזישער שריפטשטעלער עמיל זאָלאַ, דער פאָטער פון דער אַזוי-גערופענער נאַטוראַליסטישער שול אין דער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך באַמיט צו שילדערן אַלע לעבנס-דערשיינונגען ווי ווייט מעגלעך נאַטירלעך, טריי און נישט געקינסטלט, האָט אין אַ סעריע פון אַ צוואַנציק ראָמאַנען, אונטערן נאָמען רוגאָן מאַקאַר געגעבן אַ פול און אַלזייטיק בילד פון דעם מענטשלעכן לעבן און פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט אין זיין צייט.

„נאַנאַ", „אַ טרוים", „אַ מענטש אַ חיה", „געלט", „חורבן" — זיינען די פּאָפּולערסטע ראָמאַנען פון דער מערקווירדיקער סעריע גרויסע ליטעראַרישע ווערק.

עמיל זאָלאַ האָט געוואָלט קינסטלעריש פאַרייביקן זיין עפּאָכע און ער האָט זיך גענומען פאַר דער זאַך נישט בלויז ווי אַ קינסטלער, נאָר ווי אַ געלערנטער, וואָס האָט זיינע קינסטלערישע ווערק אויפגעשטעלט אויף אַ פעסטן יסוד פון ערנסטע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען.

זיין סעריע ראָמאַנען רוגאָן מאַקאַר, האָט זאָלאַ געבויט אויף דער אידייע פון ירושהדיקייט, וואָס האָט באַשטימט דעם גורל פון אַלע מיטגלידער פון דער משפחה און זיך איבערגעגעבן פון דור צו דור ווי אַ פאַטאַלער קין-צייכן, וועלכער האָט געשטעמפּלט זייער לעבנס-וועג.

דער גרינדער פון דער פאַמיליע, רוגאָן מאַקאַר, איז געבוירן געוואָרן מיט אַ פּסיכישן מום און זיין מרה-שחורה איז אריבער בירושה פון עלטערן צו קינדער און פון קינדער צו קינדס-קינדער.

באַ אייניקע האָט זיך עס אויסגעדריקט אין גייציקייט, באַ צווייטע אין ענגהאַרציקייט, באַ דריטע אין אויסגעלאַסנקייט און אין אַנ־דערע נעגאַטיווע מאָראַלישע שטריכן, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט די פּסיכישע נאַטור פון דער גאַנצער משפּחה.

„דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע", — דעם שפּריכ־וואָרט האָט זאָלאַ פאַרוואַנדלט אין אַ מין נאַטירלעך און אומפאַר־ענדערלעך געזעץ אַף וועלכן ער האָט אויסגעבויט זיין סעריע באַ־רימטע ראָמאַנען.

אין לעבן טרעפן מיר איבערגענוג פאַקטן, וואָס באַשטעטיקן די דאָזיקע, אין גרונט־גענומען, גאַנץ לאָגישע פאָרמולע, וועלכע דאָס פאָלק האָט אַזוי קורץ און בילדעריש אויסגעדריקט אינעם אויבנגעבראַכטן גלייכווערטל.

אוןווירקלעך, גיט אָן עפּל־בוים עפּל, אַ רויזן־קוסט — רויזן; אַ קאַץ געבוירט קעצעלעך און אַ מענטש — מענטשן.

נאָך מער: ס'איז גוט באַוואוסט, אַז אייניקע אויסערלעכע גע־זיכטס־שטריכן און כאַראַקטער־אייגנשאַפטן גייען איבער פון איין דור צום אַנדערן. אַזוי ווערן באַ פאַרהיימישטע הינט נישט גע־בוירן קיין ווילדע נאָר שטוביקע הינטעלעך, און פאַרשיידענע מינים געקליבענע ראַסן־חיות און קולטיווירטע געוויקסן גיבן איבער די מעלות־טובות פון זייער ראַסע צו זייערע יורשים.

גוטע געיעג־פערד גיבן אויך גוטע לויפער. דעריבער איז אַזוי וויכ־טיק דער „יחוס" פון יעדעס פערדל און באַ די פערד־געיעגן ווערט איבערגעגעבן די גענעאַלאָגיע פון יעדער פערדישער „פּערזענלעכ־קייט" צוזאַמען מיט די נעמען פון אירע הויכגעשטעלטע עלטערן און אור־עלטערן.

אין פאָלקס־באַוואוסטזיין איז טיף איינגעבירגערט דער כּלל, אַז ערלעכע עלטערן האָבן אויך ערלעכע קינדער, און אַז באַ אויס־וואורפן און פאַרברעכער זיינען אויך די קינדער נישט בעסער.

מען וואונדערט זיך אָפט, ווען באַ אַ פיינעם פאָטער איז דער זון אַ ליידאַק, אָדער ווען באַ אַ גאָטספאָרכטיקער מוטער איז די טאָכטער אַראָפּ פון דרך־הישר. און דאָס זעלבע פאַרקערט — ווען

מען זעט לייטישע קינדער באַ ניט אַזעלכע געהויבענע עלטערן, קנייטשט מען מיט די פּלייצעס: ווי קומט עס צו בערל דעם שוס־טער, אָדער צו יאַנקל באָק אַזאַ זון? האַ?...

מענטשן קנייטשן מיט די פּלייצעס און האָבן אויף דער שאלה ניט קיין ענטפער, ווייל לויטן אָנגענומענעם כלל דאַרפן באַ בערל דעם שוסטער די קינדער טויגן נאָר צו דער דראַטווע און באַ יאַנקל באָק טאָרן די קינדער נישט האָבן קיין שכל...

די נאַטור־געזעצן זיינען אָבער גאָרנישט אַזוי איינפאַך ווי זיי זעען אויס אויבנאויף. נישט אַלץ לאָזט זיך אַריינפּאַסן אין איינ־פּאַכע פאָרמולעס און נישט יעדער פאָרמולע קען מען אָנווענדן לגבי אַלע מענטשן און אין אַלע פאַלן.

מיר זעען אָפט באַ אָרעמע, דערשלאָגענע און אומגעבילדעטע עלטערן, וועלכע צייכענען זיך אַבסאָלוט מיט גאָרנישט אויס, קינ־דער מיט גרויסע גייסטיקע און מאָראַלישע מעלות און באַ עלטערן גאונים, פאָלקס־פירער, קינסטלער און גרויסע וויסנשאַפטסלייט, זיינען די קינדער, דאָס רוב, פּשוטע דורכשניטלעכקייטן, וואָס קע־נען זיך באַרימען בלויז דערמיט, וואָס זיי שטאַמען פון דער אָדער יענער גרויסער פּערזענלעכקייט.

ווען קינדער זאָלן איבערנעמען אַלע מעלות און חסרונות פון זייערע עלטערן וואָלט געווען איבעריק די גאַנצע דערציאונג, און באַ די איינשטיינס וואָלטן געבוירן געוואָרן געניאַלע מאַטעמאַטי־קער און באַ די אַלע שלימזלס, וואָס קענען דער קאַץ קיין עק ניט פאַרבינדן, וואָלטן אויך די קינדער געווען נישט צו גאָט און נישט צו לייטן.

ס'איז אָבער, צום גליק, נישט אַזוי. אין שפּריכוואָרט „דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע" איז, ווי אין יעדן גלייכ־ווערטל, פאַרבאָרגן נאָר אַ טייל אמת.

אין דער ווירקלעכקייט ווירקן טויזנטער אַנדערע פאַקטאָרן, וואָס נייטראַליזירן די גליקלעכע אָדער אומגליקלעכע לאַסט פון דער ירושה, און דאָס לעבן פאַרוואַרפט אָפט די עפּעלעך זייער ווייט פון די ביימעלעך.

# די אידישע ראַסן־ריינקייט

ווען די מענטשלעכע לעבנס-באַדינגונגען וואָלטן זיך נישט ענדערן אין משך פון לאַנגע דורות, וואָלט אויך דער מענטשן-טיפּ ווייניק זיך געענדערט און די קינדער וואָלטן ווירקלעך שטאַרק ענלעך געווען אַף זייערע עלטערן.

דער מענטשלעכער מין לעבט אָבער אין אַ פּראָצעס פון שטענדיקער און אומאויפהערנדיקער טראַנספאָרמאַציע. דאָס מענטשלעכע לעבן אַנטוויקלט זיך און ענדערט זיך אָן אויפהער. דער לעבנס-שטייגער פון די קינדער איז נישט ענלעך אפן לעבנס-שטייגער פון די עלטערן, און מיט דער ענדערונג פון די לעבנס-באַדינגונגען ענדערן זיך אויך די מענטשן.

די לעבנס-באַדינגונגען לייגן אַרויף זייער חותם אַף דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און פאָרמירן אוים דעם פיזישן אויסזען און אויך דעם גייסטיקן אינהאַלט פון מענטשן.

דאָס אידישע פאָלק האָט, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פעלקער, אויפגעהיט זיין ריינסטן עטנישן טיפּ. אין פאַרלויף פון יאָרטויזנטער האָבן מיר, אידן, עקשנותדיק אויפגעהאַלטן אונזער עטנישע זעלבסטשטענדיקייט מיט די אַלע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן, וואָס גיבן צו דעם אידישן פאָלק זיין קלאָר־אויסגעשפּראָכענע ראַסן־אינדיווידואַליטעט.

דאָך ליגט אפן אידישן פאָלק דער שטעמפל פון זיינע היסטאָ־רישע וואַנדערונגען צווישן די פעלקער, און אין יעדן לאַנד האָבן די אידן אויפגענומען און אין זיך איינגעזאַפּט די כאַראַקטעריסטי־שע אייגנשאַפטן פון זייערע שכנים.

ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי אידלט זיך.—די רוסישע אידן, צום ביי־שפּיל, פאַרמאָגן אין זיך אַ גאַנצע ריי אייגנאַרטיקע שטריכן, וואָס זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די סלאַוון; די דייטשע אידן זעען אָפּט אויס ווי אמתע דייטשן און די פּוילישע — פאַרמאָגן, דאָס־רוב, גאַנץ אַנדערע כאַראַקטער־שטריכן ווי, לאָמיר זאָגן, די אידן פון בעסאַראַביע, ליטע אָדער אונגאַרן.

דאָס הייסט, אַז דער זעלבער סעמיטישער קערן, וואָס איז גע־וואַקסן אַף פאַרשיידענע באָדנס, האָט אין רעזולטאַט אויך געגעבן גאַנץ פאַרשיידענע געוויקסן, וואָס זיינען ענלעך אין זייער עצם, אָבער גאַנץ פאַרשיידן אין זייערע סעקונדאַרע, צווייטראַנגיקע כאַראַקטער־שטריכן.

אָבער די פיזישע און גייסטיקע אייגנשאַפטן, וואָס בילדן די כאַראַקטעריסטישע הויפּט־שטריכן פון אידישן פאָלק, זיינען דאָך אין אַ גרויסער מאָס אויפגעהיט געוואָרן דורך די אידן אין פאַרלויף פון אומצייליקע דורות. און אַלע טיילן פון פאָלק, ווי ווייט אָפּגע־שיידט זיי זאָלן נישט זיין איינע פון די אַנדערע, בילדן איין עטני־שע, נאַציאָנאַלע און היסטאָרישע איינהייט, וואָס שיידט שטאַרק אונטער די אידן פון די אַנדערע פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן.

פון דער אַנדערער זייט, זיינען אונטער דער ווירקונג פון פאַר־שיידענע לעבנס־באַדינגונגען, פון פאַרשיידענע סביבות, אַנטשטאַ־נען אין דער אידישער עטנישער גאַנצקייט אַ גאַנצע ריי גאַנץ־פאַרשיידנאַרטיקע כאַראַקטער־סימנים, וואָס אונטערשיידן איין גרופּע פון דער אַנדערער און די אידן פון יעדן לאַנד האָבן אין זייער לעבנס־שטייגער, אין זייער פּסיכיק און דענקונגס־אַרט איי־גיקע זיטן און מנהגים פון דעם פאָלק מיט וועלכן זיי וואוי־נען צוזאַמען.

## דער מענטש קומט ניט אף דער וועלט
## מיט קיין ליידיקע הענט

פיזישע און גייסטיקע אייגנשאַפטן, וואָס כאַראַקטעריזירן אַ פאָלק, אַ ראַסע אָדער אַפילו אַ משפחה פאַרשווינדן נישט שפּור־לאָז, נאָר גייען איבער פון דור צו דור און קענען אפילו אין הונדער־טער יאָרן ארום אַרויסשווימען אף דער אויבערפלעך און צוגעבן אַן איר־אייניקל די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון זיין על־טער־עלטער־באָבען. וואָס איז שוין זיינט הונדערטער יאָרן אפן עולם־האמת.

דער באַוואוסטער וויסנשאַפטס־מאַן, נאַטאַן אַפּענהיים, גיט איבער, אז אין דער פראנצויזישער פּראָווינץ דאַרדאָניע געפינט מען אַ באַזונדערן טיפּ מענטשן, וועלכער פאַרמאָגט די אַלע כאַ־ראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון אַן אלטער און שוין לאַנג־פאַר־שוואונדענער פּאַרהיסטאָרישער ראַסע, וואָס האָט דאָרטן געלעבט מיט פיל טויזנטער יאָרן צוריק.

אין פאַרלויף פון דער צייט איז פאָרגעקומען אַן אויסטויש פון פעלקער און ראַסן, עס האָבן זיך אויסגעבילדעט נייע פעלקער און עטנישע גרופּן, דאָך איז די אַלטע קראָ־מאַגנאָנישע ראַסע, וואָס האָט אַמאָל געוואוינט אין די פראַנצויזישע טאָלן, שפּורלאָז ניט פאַרשוואונדן.

פון צייט צו צייט קומען נאָך אויך היינט אף דער וועלט אירע יורשים, וואָס טראָגן אין זייער פיזישן און אָרגאַנישן בוי די אַלע כאַראַקטעריסטישע סימנים פון זייערע לאַנג־פאַרשוואונדענע אור־עלטערן.

ס'איז גוט באַוואוסט דער פאַקט, אז בא מולאַם — אַ געמיש פון

פערד און אייזלען — טרעפט מען אָפט אױף די פּיס אַזעלכע שטריי־פן, וועלכע עס פאַרמאָגט נישט דאָס פערד און אויך נישט דער אייזל, אָבער וועלכע עס האָט יאָ געהאַט דאָס פּאַרהיסטאָרישע זע־ברו־פערד פון וועלכע עס זיינען ארויסגעקומען די היינטיקע פערד און אייזלען.

א געמיש פון צוויי מינים פאַרהיימישטע טייבעלעך גיט אָפט אַ פולשטענדיק ווילדע טויב מיט אַ באַפאַרבונג, וועלכע עס פאַר־מאָגן נישט אירע עלטערן, אָבער וועלכע עס האָבן יאָ געהאַט די ווילדע טויבן, די עלטערן פון אַלע פאַרהיימישטע און קולטיווירטע טויבן־ראַסן.

אויך דער מענטש קומט ניט אויף דער וועלט מיט קיין ליידיקע הענט, ער ברענגט מיט זיך אַ שטיקל ירושה. אינגאַנצן קיין „טאַ־בולאַ ראַסאַ”, אַן אומבאַשריבענער טאָוול, איז דאָס מענטשלעכע קינד נישט, און פונקט ווי מען געפינט אָפט אין קינד אַ פּיזישע ענלעכקייט צו זיין טאַטע־מאַמע, אַזוי קען אויך זיין מיט די גייס־טיקע אייגנשאַפטן, וועלכע ס׳קינד נעמט איבער בירושה פון זיי־נע עלטערן אָדער גאָר פון זיינע ווייטסטע אורעלטערן, וועלכע גיבן איבער זייער ניי־געקומענעם יורש אויף דער וועלט, געוויסע נייגונגען און פּרעדיספּאָזיציעס צו אַזעלכע אָדער אַנדערע פּיזישע און גייסטיקע אייגנשאַפטן און כאַראַקטער־שטריכן.

אָבער אָפילו פּיזישע אייגנשאַפטן קענען זיך ענדערן אונטער דער ווירקונג פון די לעבנס־באַדינגונגען. די שענסטע געזיכטס־שטריכן פון קינד וועלן ווערן פאַרגרעבט און צעקרימט ווען דאָס לעבן יועט עס שטראָפן מיט נויט און קראַנקייטן. דאַקעגן וועט אַ מיאוס קינד, וואָס האָט מיט זיין פּיזישער שיינקייט גאָרנישט וואָס צו פאַרדאַנקען זיינע עלטערן, קען זיין זייער חנוודיק און פּיזיש זיך אימפּאָנירן מיט זיין קראַפט און האַלטונג, אויב עס וועט גוט דערצויגן און וואַקסט אויף בײַ בעסערע לעבנס - באַדינגונגען. אויך **די מאָראַלישע און פּסיכישע ירושה־עלעמענטן לאָזן זיך ענדערן אונטער דער ווירקונג פון דער סביבה און אונטערן איינפלוס פון דער דערציאונג.**

## אַ בער קען מען אויך אויסלערנען טאַנצן

דאָס קינד קומט נישט אַף דער וועלט מיט קיין פאַרטיקע און שוין - אויסגעפאַרעמטע מידות, וועלכע דאָס לעבן זאָל נישט קענען באַווירקן און ענדערן. פאַרקערט, אַ קינד איז ערשט אַ מענטש אין פּראָצעס פון ווערן און דעם דאָזיקן „מענטשן" פאַרעמט אויס דאָס לעבן, די סביבה און די דערציאונג, אין די הענט פון וועלכע דאָס קינד איז כחומר ביד היוצר, ווי ליים אין די הענט פון טעפּער.

אָבער די נאַטור פון מאַטעריאל באַגרענעצט די מעגלעכקייטן פון טעפּער. פון פּראָסטן ליים קען ער מאַכן בלויז נוצלעכע און שיינע טעפּ, אָבער נישט קיין צאַרטע, איידעלע און דורכזיכטיקע פאַרצעליי-כלים.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דער דערציאונג. די איינגעבוירענע נאַטור פון קינד, זיינע געירשנטע אייגנשאַפטן, באַגרענעצן די מעג-לעכקייטן פון דערציער און פון אַ קינד מיט דורכשניטלעכע פע-איקייטן וועט ער נישט מאַכן קיין טאַלענט, פון אַ שוטה נים שאַפן

קיין חכם; א קינד אָן אן איינגעבוירענעם געפיל פאר מוזיק איז אומעגלעך צו פאַרוואַנדלען אין אַ געניאַלן מוזיקאַנט, אָדער מאַכן פאר א פילאָזאָף אַ.אַ., וואָס האָט נישט די איינגעבוירענע פעאיקייט טיף און איינגנאַרטיק צו דענקען.

אָבער אַפילו אַ קינד אָן איינגעבוירענע מוזיקאַלישע פעאיקייטן קען מען אויסלערנען באַהערשן אַ וואָסערן ניט-איז אינסטרומענט, און אויסבילדן באַ אים אַ פאַרשטענדעניש און אַפילו אַ געפיל פאר מיזיק. דאָס ווייסן זייער גוט די עלטערן, וועלכע האָבן דער מאָדע צוליב געצוואונגען זייערע קינדער צו לערנען פיאַנאָ אָדער פידל, כאָטש די קינדער האָבן נישט צו דעם דעם מינדסטן חשק און קיין שום איינגעבוירענע נייגונג.

דאָס זעלבע איז מיט די אַלע אַנדערע פעאיקייטן. אַ בער קען מען אויך אויסלערנען טאַנצן — זאָגט מען — כאָטש די בערן האָבן דאָך אוודאי נישט געירשנט די טאַנץ-קונסט פון זייערע פירפיסיקע אָבות.

דאָס קינד קען אין עמבריאָן פאַרמאָגן, אלס ירושה-רעזערוו, די פאַרשיידנאַרטיקסטע נייגונגען און אייגנשאַפטן, טייל פון וועלכע, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, די דערציאונג קען סטימולירן און אנטוויקלען און די אַנדערע צוזמען און אונטערדריקן.

די ירושה גיט נישט מער ווי דעם רוי-מאַטעריאַל, פון וועלכע דאָס לעבן דאַרף ערשט אויסהאַקן דאָס קונסט-בילד און אים געבן אַן אויבזען און פאָרמען. אַ שלעכטער סקולפּטאָר וועט פון שענסטן מירמלשטיין נים שאַפן קיין קונסט-ווערק, בעת דער בעסטער קינסטלער וועט אַ ליים-בילד נישט קענען געבן די פיינע און צאַרטע פאָרמען פון מירמלשטיין.

אין דער אויסבילדונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט שפּילט די ראָל פון קינסטלער דער דערציער, די סביבה, די עלטערן. אַף זייערע ביישפּילן לערנט זיך דאָס קינד, זייער דערפאַרונג זאַפּט עס אין זיך איין טאָג-טעגלעך, און לויט די מוסטערן וואָס עס זעט אַרום זיך פאָרמירט זיך זיין גייסט און בילדעט זיך אויס זיין כאַראַקטער און זיין גאַנצע פּערזענלעכקייט.

## גוטע עלטערן
## און שלעכטע קינדער

מיר וועלן נעמען פאר א ביישפיל איינע פון די זעלטענע משפחות, וואו עס הערשט שלום-בית, וואס שפרייט אף אלץ אוים דעם גייסט פון פרידן און ליבע, אזוי אין דער באנעמונג פון די על־טערן צווישן זיך, ווי אויך אין דער באציאונג צווישן די עלטערן און קינדער.

טאטע-מאמע, מענטשן פיזיש און גייסטיק נארמאלע, גוטע און ליבע, מיט א פולער שטוב קינדערלעך (נישט פאר היינטיקע צייטן גערעכט), און די קינדער ווי די עלטערן, זיינען אויך אזעלכע געזונטע און וואוילע, טיילן דעם בימן צווישן זיך און זיינען גרייט איינס פארן אנדערן די נשמה אפגעבן.

בא גוטע טאטע-מאמע זיינען אויך גוטע קינדער, — וועלן זא־גן מענטשן, וועלכע האבן אף אלץ א פארטיקן ענטפער, און וואס ווילן זיך פארשפארן די מי טיפער זיך ארייננצוטראכטן אין אזעלכע זאכן און מיט א לייכטע הארץ פארשרייבן זיי אלץ אפן חשבון פון דער ירושה.

ווען מען קוקט זיך אבער צו נענטער צו אזא צאלרייכער משפחה פארגעסט מען די אומקלארע מעטאפיזישע השערות וועגן ירושה און מען זעט די סביבה, מען פילט די מאראלישע אטמא־ספערע, וואס הערשט אין דער פאמיליע און וואס ווירקט גינסטיק

אױף דער אױסבילדונג פון כאַראַקטער בײַ די קינדער.

דאָס צוזאַמענלעבן פון אַ סך קינדערלעך אין אײן שטוב, אין אַן אַטמאָספערע פון קעגנזײַטיקער ליבע און צוטרױ, איז שױן אַלײן זײער אַ װיכטיקער דערציערישער פאַקטאָר.

די עלטערע קינדער העלפן אַרױס און היטן אױף די אינגערע, און זאָגן זיך אָפּט אָפּ פון אַ סך באַקװעמלעכקײטן און שפּילערײען לטובת זײערע קלענערע שװעסטערלעך און ברידערלעך. די קלענערע קינדער, פון זײער זײַט, געװױנען זיך צו פאָלגן און ליבן די עלטערע פון זיך, און אױב טאַטע־מאַמע גיבן אַ גוטן בײַשפּיל פון שלום־בית, װעלן פון אַזעלכע קינדער װירקלעך אױסװאַקסן גוטע מענטשן און טרײַע פאַמיליען־לײַט, מיט אַ גרױסן ביסל מאָראַלישער רײנקײט און פאַראַנטװאָרטלעכקײט.

װען די זעלבע עלטערן זאָלן אָבער האָבן נישט מער װי אײן קינד, „אײן אױג אין קאָפּ”, װאָלט זיך באַקומען גאָר עפּעס אַנדערש.

אַ בן־יחיד איבער װעלכן מען ציטערט און פלאַטערט, װעלכן מען פּעשטשעט און ניאַנטשעט ביז „אין גרױען צאָפּ אַרײַן”, װאַקסט געװײנטלעך אױס אַ מוראַדיקער עגאָיסט, װאָס מײנט, אַז די גאַנצע װעלט איז נאָר פאַר אים באַשאַפן, אַז אַלץ קומט אים און אַז אַלע דאַרפן אים גלעטן מיט דער פוטער אַראָפּ, װי טאַטע־מאַמע טוען.

מענטשן װעלן קוקן אױף אַזאַ בן־יחידל און קנײטשן מיט די פּלײצעס. װי קומט דאָס, װעט מען פרעגן, װאָס בײַ מענטשן מיט אַזעלכע גרױסע און גאָלדענע הערצער איז דער זון גאָר אַן אַ האַרץ?

דעם כאַראַקטער פון קינד האָט דאָ, אױף אַזאַ מין אופן, באַשטימט נישט די ירושה, נאָר די דערציאונג. װען דער זעלבער בחור, מיט דער זעלבער ירושה, האָט געװוּנט זיך אױס אין אַ שטוב צװישן אַ צענדליק ברידערלעך און שװעסטערלעך, װאָלט ער געהאַט גאָר אַן אַנדער פּנים.

עס הײסט, אַז די עלטערן פון דעם בן־יחיד זײַנען טאַקע װאױ־

לע, גוטע, האַרציקע און ליבע מענטשן, אָבער האָבנדיק בלויז „איין אויג אין קאָפּ" האָבן זיי פאַר אים נישט געקענט שאַפן קיין סביבה פאַר אַ נאָרמאַלער אַנטוויקלונג און זיי האָבן נישט געקענט טון אַלץ אױף אויסצובילדן בײַ אים אַ גוטן און מענטשנליבנדיקן כאַראַקטער.

גאַנץ אָפט זעען מיר, אַז בײַ גרויסע פּאָליטיקער, וויסנשאַפטסלײַט, קינסטלער און געשעפטסלײַט, זײַנען די קינדער לײַדאַקעס, גאַרנישטן, פּוסטע קעפּ און טויגעניכטסן. ווײַל מען קען זײַן אַ געניאַלער מוזיקער, אַ גרויסער שטאַטסמאַן, אַ טאַלאַנטפולער שרײַפטשטעלער און נישט וויסן, אָדער נישט האָבן די מעגלעכקייט צו דערציִען די אייגענע קינדער.

די קינדער-דערציִונג איז אָפּהענגיק פון דער גאַנצער פאַמיליען-סביבה, וואו די מוטער האָט אויך עפּעס וואָס צו זאָגן, און נאָך איבערהויפּט דאָרטן, וואו דער מאַן איז ביז איבערן קאָפּ אַרײַנגעטון אין זײַן באַשעפטיקונג, וואָס פאַרשלינגט זײַן גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און די מוטער גיט דעם הויפּט-טאָן אין דער קינדער-דערציִונג.

**אַזוי אַז אַ שלעכטע דערציִונג קען צעטרענצלען די בעסטע ירושה, און ווי אַ געזונטער קערן וואָס פאַלט אױף אַ שטיינערדיקן באָדן, וועט אַזאַ ירושה קיין פרוכט נישט געבן.**

דאָס זעלבע איז אויך מיט אַזעלכע קינדער, וועלכע די נאַטור האָט געשטראָפט מיט אַ שלעכטער ירושה, אָבער וועלכע דאָס לעבן האָט באַגינסטיקט מיט אַ גוטער דערציִונג און מיט אַ פּאָסיטיוער סביבה. **אַזעלכע קינדער זײַנען ווי מאָגערע קערנער אױף אַ פעטן און פרוכטבאַרן באָדן, קיין שפע וועלן זיי נישט געבן, אָבער ברויט וועט דאָך וואַקסן...**

## אידיאָטן, פאַרברעכער
## און אויסוואורפן

אַ קינד איז ווי אַן אומבאַארבעט פעלד. אַז עס זאָל געבן פרוכט, מוז מען דאָס פעלד אויפאַקערן, באַמיסטיקן, פאַרזייען און פאַרהיטן פון אַלע שלעכטע איינפלוסן, פאַראַזיטן, אינזעקטן און ווילדע גראָזן, וואָס קענען פאַרדאַרבן די יונגע און נוצלעכע פלאַנצן.

און איז דער באָדן פון דער נאַטור פעט און פרוכטבאַר, פאַרמאָגט ער אין זיך געזונטע ירושה־עלעמענטן, וועט די שפע זיין

גרויס און מיט א ברייטער האנט פארגימיקן די שווערע מי פונעם גערטנער, קאמפענסירן די באמיאונגען פונעם קינדער-פלעגער.

איז אבער דער באדן פון דער נאטור זאמדיק און מאגער, פארמאגט ער נישט קיין זאפטיקע און געזונטע ירושה-עלעמענטן, וועט ער אויך בא א גוטער און אויסגערעכנטער באארבעטונג — און אין ערגסטן פאל בא א קינסטלעכער באמיסטיקונג — פארגיטיקן די מי פונעם פלאנצער און בענטשן די פרוכט פון זיין אומדערמידלעכער ארבעט.

היינט ווערן מיט גרויס דערפאלג דערצויגן און געהיילט אפילו גייסטיק - אפגעשטאנענע, דעגענערירטע און אידיאטיזירטע קינדער. און זיי ווערן געהיילט נישט מיט קיין רפואות און אפשפרעכונגען, נאר מיט א פאסיקער דערציאונגס-סיסטעם און מיט נאטירלעכע לעבנס-באדינגונגען, וואס ווערן פאר זיי געשאפן אין לופטיקע און זוניקע הייזער, וואו עס ווערט נארמאל געשפייזט זייער קערפער און גייסט, און וואו א מענטשלעכע און ליבע באהאנדלונג ווישט אפ די איבלען און פינסטערע שפורן, וועלכע עס האט אף זיי איבערגעלאזט די ירושה.

ד"ר סעגען, דער דירעקטאר פון א היים פאר אידיאטן, זאגט, אז אין זיין אנשטאלט איז פון „טויזנט נישט געווען קיין איינער, וואס זאל זיך נישט בעסערן, איבערדערציען און זיך אויסהיילן, אייניקע פון וועלכע האבן אפילו דערגרייכט ביזן ניווא פון א נארמאלן מענטשן".

א גייסטיק-אפגעשטאנען, אומנארמאל אדער איינזייטיק-אנטוויקלט קינד איז אין סך-הכל א רעזולטאט פון א שוואכער אנטוויקלונג פון מארך-און נערוון-סיסטעם, אדער פון אן איינזייטיקן וואוקס פון איין טייל מארך אפן חשבון פון אלע אנדערע טיילן. און דאס קען זיין א קאנסעקווענץ פון א שלעכטער ירושה, פון א מאנגלהאפטער באשפייזונג, אדער פון א שלעכטער דערציאונג.

און פונקט ווי מען היילט שוואכע לונגען מיט א געהעריקן לעבנס-רעזשים, אזוי קען מען אויך בעסערן די נערוון-קעמערלעך און די געוועבן פון מארך מיט א פאסיקער דערציאונגס-סיסטעם,

וואָס זאָל בארואיקן און קרעפטיקן דעם קערפּער און דעם גייסט און אים העלפן באַקעמפן, אָדער לפּחות נייטראַליזירן, די שלעכטע ירושה-עלעמענטן אָדער די אומגינסטיקע איינפלוסן פון דער סביבה אין די ערשטע לעבנס-יאָרן.

אין דער פּעדאַגאָגישער ליטעראַטור ווערט אָפט דערמאָנט דער ביישפּיל פון דער פאַמיליע יוקעס אין נאָרד-אַמעריקע. דאָס איז געווען אַ פאַמיליע פון אויסוואורפן, פאַרברעכער און דעגענע-ראַטן, וואָס האָבן אין אָנהייב פון פאַריקן יאָרהונדערט געלעבט אָפּגעזונדערט אין אַ פאַרשטעטל פון ניו-יאָרק און זיינען געווען איזאָלירט נישט נאָר פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, נאָר אַפילו פון דער אונטערוועלט.

די פאַמיליע האָט זיך צעוואַקסן ווי ווילדגראָז און האָט אין אַ געוויסער צייט דערגרייכט ביז אַריבער די טויזנט מענטשן. און אַלע ווי איינער האָבן אָנגעהאַלטן די „גוטע טראַדיציע” פון דער פאַרשאָלטענער משפּחה און האָבן געזונקען אין טיפן תהום פון זינד און פאַרברעכן.

די עלטערן האָבן איבערגעגעבן זייערע מעלות-טובות די קינ-דער, און פון די קינדער איז די פּעסט אַריבער צו די קינדס-קינדער, און פאַר זייטיקע באַאָבאַכטער האָט די פאַמיליע אויסגעזען ווי אַ פאַרשאָלטענע דורך אַ שרעקלעכן ירושה-פאַטום, וואָס גייט איבער פון איין דור צום אַנדערן.

אָבער אין איין שיינעם טאָג האָט די מאַכט אויסגעשניטן דעם קאַנסער און האָט די זינדיקע נעסט צעוואָרפן און פאַרניכטעט. די פאַמיליע וואָס האָט פריער זיך געהאַלטן צוזאַמען, איז זיך צע-פאָרן אין אַלע זייטן און די, וואָס זיינען נישט אַוועק אין תּפיסה, האָבן זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד.

די מיטגלידער פון דער פאַמיליע האָבן געביטן די לעבנס-באַ-דינגונגען. אייניקע זיינען טאַקע געבליבן אין דער אונטערוועלט, אָבער די, וואָס זיינען אריינגעפאַלן אין אַ בעסערער סביבה, האָבן זיך אויך געבעסערט און זייערע קינדער זיינען געוואָרן נאָרמאַלע און נוצלעכע מענטשן, אייניקע פון וועלכע האָבן אַפילו שפּעטער

דערגרייכט זייער אַן אַנגעזעענע שטעלונג אין דער געזעלשאַפט.

די סביבה שפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע אין דער אויסביל־דונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, וואָס קומט אויף דער וועלט ווי אַ פּאָרמלאָזע מאַסע, ווי אַן אומבאַאַרבעט פעלד, — ווי מיר האָבן געזאָגט, — דער לעבנס־גורל פון וועלכן איז אָפּהענגיק פון דער דערציאונג און פון דער סביבה, וועלכע באַשטימען, צי עס זאָלן אויף דעם פעלד וואַקסן ווילדע גראָזן, נוצלעכע ברויט־געוויקסן, אָדער גאָר צאַרטע און שמעקעדיקע בלומען, וואָס וועלן מיט זייער ריח דערקוויקן אַלע פאַרבייגייער און אויף לאַנג איבערלאָזן אין זיי דעם אָנדענק פון זייער רייץ און בלומען־צויבער...

## דער מענטש איז
## אַ פּראָדוקט פון זיין סביבה

פונקט ווי דאָס קינד באַקומט פון דער סביבה זיין שפּראַך, אַזוי נעמט ער אויך פון איר זיינע מאַנירן, זיטן, געוואוינהייטן און כאַראַקטער-שטריכן, וואָס שטעמפּלען זיין פּערזענלעכקייט ווי מיט אַ פאַבריק-מאַרקע „מייד אין" דער און דער סביבה.

דער „יתום פון איראָפּע", ווי מען האָט אין מיטלאַלטער גערופן אַ פּרינץ, וועלכער איז פון קינדווייז אויף געזעסן פאַר־שפּאַרט אין אַ תפיסה, האָט ביז די פופצן יאָר נישט געקענט ריידן, ווייל מען האָט אים נישט נאָר באַרויבט פון זיין טראָן, נאָר אויך פון אַ מענטשלעכער סביבה, און כאָטש ער האָט גערשנט אַ נאָרמאַלן געהער און אָרגאַנען צום ריידן, האָט ער קיינמאָל נישט געהערט קיין מענטשלעך וואָרט און איז אַרום פון דער תפיסה ברומענדיק שטום ווי אַ חיה, און האָט די פעאיקייט פון אַ קלאָר־אַרטיקולירטער שפּראַך שוין נישט דערוואָרבן אויך אין די שפּע־טערדיקע יאָרן.

אַ רייזנדיקער, וואָס האָט באַזוכט כינע, האָט אין שפּאַס גע־שריבן, אַז אַראָפּגייענדיק פון שיף האָט ער זיך שטאַרק געוואונ־

דערט ווי אזוי אפילו די קליינע קינעזערלעך, וואס זיינען נאך פון דער ערד נישט אויפגעוואקסן, ריידן שוין כינעזיש, בעת ער, א געבילדעטער מענטש, קען קיין כינעזיש ווארט פון זיינע ליפן נישט ארויסברענגען.

און פונקט ווי די סביבה גיט איר שפראך דעם קינד, אזוי באשענקט זי אים אויך מיט אלע אירע אנדערע מעלות-טובות, אדער באלאסטעט אים גאר מיט אירע חסרונות, וואס ווירקן אף די ירושה-עלעמענטן, וועלכע קענען פון זייער זייט, אפשוואכן אדער באגינסטיקן די שעדלעכע אדער נוצלעכע איינפלוסן פון דער סביבה.

אין איינער פון זיינע דראמען באהאנדלט שלום אש אזא פראבלעם. די טאכטער פון יאנקל שאפשאוויטש האט פארמאגט, מעגלעך, אייניקע אומגינסטיקע ירושה-עלעמענטן, וועלכע זיינען נאך מער סטימולירט געווארן דורך דער ארומיקער סביבה און עס האט נישט געהאלפן שאפשאוויטשן די ספר-תורה, וואס ער האט געלאזט שרייבן, די סביבה האט געפאנגען איר קרבן און זי ארייגעשלעפט אין אפגרונט פון זינד און פארברעכן.

דאס זעלבע איז מיט דער פאמיליע רוגאן מאקאר פון וויקטאר הוגא, וועגן וועלכן מיר האבן דערמאנט אין ערשטן שמועס פון דער סעריע. וויקטאר הוגא האט פארלייגט אן אומגעזונטן קערן אין דער נשמה פונעם גרינדער פון דער משפחה און דער ווארעם האט געטאטשעט די גאנצע פאמיליע, איז איבערגעגאנגען פון איין דור צום אנדערן — אבער האט פארורזאכט שאדן נאר דארטן, וואו די סביבה האט באגינסטיקט זיין טעטיקייט און וואו נאר אף א פארפעסטעטן באדן האבן געקענט אויסוואקסן אזעלכע צעפוילטע געוויקסן ווי נאנא און ענלעכע צו איר פירות...

די קונסט פון לעבן באקומט נישט דאס קינד בירושה נאר דערלערנט עס אף די לעבעדיקע ביישפילן, וועלכע עס זעט פאר זיינע אויגן. דעריבער דארף אף דער דערציאונג און אף דער סביבה, וואס רינגלט ארום דאס קינד, געלייגט ווערן די הויפטאכט פון די עלטערן.

## נאָר אין אַן אַטמאָספער פון שלום־בית קענען דערצויגן ווערן פיזיש און גייסטיק־געזונטע מענטשן

„ווילסטו דעם דיכטער קענען, דאַרפסטו אין זיין לאַנד גיין"— אין דער ליטעראַטור־וויסנשאַפט איז דער דאָזיקער אויסדרוק שוין געוואָרן אַ מין אַקסיאָמע, אַ געזעץ, וואָס ווייזט אָן אויף דער אָרגאַ־נישער פאַרבינדונג פון יעדער קינסטלערישער דערשיינונג מיט דער לעבנס־סביבה פון דעם קינסטלער, וואָס האָט דאָס ווערק געשאַפן.

די סביבה שפּיגלט אָפּ און קומט, אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן, צום אויסדרוק אין יעדער האַנדלונג און שאַפונג פון מענטשן, וואָס טראָגט אין זיין נשמה אַ לעבעדיקן שטעמפּל פון די שפּירונגען, אי־בערלעבונגען, פאַרשטעלונגען, בילדער, חלומות און אידעאַלן, וועלכע ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט אין זיין קינדהייט.

און אין דער סביבה, וואָס רינגלט אַרום און באַווירקט אַם־שטאַרקסטן דאָס קינד, פאַרנעמט דעם ערשטן פּלאַץ נישט די שול, נאָר די היים, די משפחה־אַטמאָספערע, וועלכע קען נאָר דאַן זיין גינסטיק און פרוכטבאַר אין דער דערציאונג, ווען אין איר הערשט דער גייסט פון אַ האַרמאָניש־צוזאַמענלעבן, פון שלום־בית, וואָס דערהויבט צו מסירת־נפשדיקער ליבע פון איינעם צום אַנדערן, און פון אַלע צוזאַמען פאַרן געמיינזאַמען וואוילשטאַנד פון דער גאַנ־צער פאַמיליע.

דאָרט וואו ס'איז נישטאָ קיין גוט לעבן צווישן די עלטערן, קען אויך נישט זיין קיין גוטע דערציאונג. יעדע קריגעריי און ברוגז צווישן פאָטער און מוטער, מוז אויך אומבאַמערקט זיך אָפּרופן אויף דער שטימונג פון די קינדער און אויף זייער באַציאונג צו די עלטערן.

קינדער נעמען אויף און לעבן טיף איבער יעדע פאַמיליען־דראַמע און ס'איז אַ טעות צו מיינען, אַז די קינדער באַמערקן ניט און דערפילן ניט די אַלע רוגזן און קאָנפליקטן, וועלכע באַווירקן אָפט פיל שטאַרקער די צאַרטע קינדערשע נשמות ווי די האַרטערע און פאַרגרעבטערע געפילן פון די דערוואַקסענע.

יעדער פאַמיליען־קאָנפליקט צעשטערט דעם גייסטיקן גלייכגעוויכט פון די קינדער און זייערע יונגע הערצער ווערן אויפגעשטורעמט און דורכגעשטאָכן דורך די טיפע און צו שטאַרקע פאַר זיי עמאָציעס פון מיטגעפיל, מורא, טרויער און פאַרביטערונג.

די ריינע און אויפריכטיקע געפילן פון ליבע און צוטרוי צו די עלטערן ווערן פאַרשטערט, אינסטינקטיוו הייבן אָן די קינדער זוכן דעם גערעכטן און אומגערעכטן צד אין דער פאַמיליען־דראַמע און צום סוף ענדיקן זיי מיט אַ פאַרביטערונג, גרינגשעצונג און אומצוטרוי צוביידן. און דאָס פאַרטעמפּט און פאַרגרעבט די קינדערשע געפילן, אָדער שאַפט באַ די מער פילבאַרע פון זיי אַ שטענדיקע נערוועזיטעט, אומרואיקייט, אומצופרידנקייט און דערשלאַגנקייט.

נאָר אין אַן אַטמאָספער פון שלום־בית קענען דערצויגן ווערן פיזיש און גייסטיק־געזונטע מענטשן, ווייל דאָרט וואו עס הערשט דער גייסט פון ליבע, פרידן און איינפאַרשטענדעניש איינער פאַרן אַנדערן, דאָרט אַנטשטייט אויך די נויטווענדיקייט צו זיין אמתדיק, אַלטרואיסטיש און אָפנהאַרציק, אָן זייטיקע פניות און עגאָיסטישע כוונות אין דער באַציאונג פון די עלטערן צווישן זיך, ווי אויך אין דער באַציאונג צווישן די עלטערן און די קינדער.

דאָרט, וואו עס רוט דער גייסט פון שלום־בית, דאָרט קען הערשן פרידן און פרייד אַפילו באַ ערגערע עקאָנאָמישע לעבנסבאַדינגונגען. און אין אַן אַטמאָספער, וואו עס האַלט זיך געזונט, פריידיק און מוטיק דער מענטשלעכער גייסט, אַנטשטייען אויך העכערע מענטשלעכע געפילן און די אַרבעט, דאָס לערנען, ווי בכלל יעדע נוצלעכע טעטיקייט ווערט אַן אינערלעכע נויטווענדיקייט וואָס גיט די גליקלעכע מעגלעכקייט צו דינען זיך, דער פאַמיליע און דער גאַנצער געזעלשאַפט.

## קינדער צאָלן מער נישט פאַר די זינד פון זייערע עלטערן

פוקד אב על בנים, על שלושים ועל רבעים, קינדער ביזן דריטן און פערטן דור באַצאָלן פאַר די זינד פון זייערע עלטערן און אור-עלטערן.

אין די דאָזיקע ווערטער איז פאַרקערפּערט א ביאָלאָגישער אמת, און אָפט טרעפט, אַז פאַר די „זינד" פון זייערע עלטערן באַצאָלן די אייניקלעך און אור-אייניקלעך ביז אין די ווייטסטע דורות. ס'איז אַ נאַטור-געזעץ, וואָס ווירקט נישט נאָר אין מענטשלעכן לעבן, נאָר אויך אין קעניגרייך פון חיות און פלאַנצן, וואו די אייגנשאַפטן פון די עלטערן קענען איבערגיין בירושה צו זייערע נאָכקומענדיקע דורות.

וואָס נידעריקער דער מענטש איז געשטאַנען אפן קולטור-לייטער, אַלץ גרעסער איז געווען זיין אָפּהענגיקייט פון די סטיכישע נאַטור-קרעפטן און אַלץ שטאַרקער זיין גלויבן אין דער אומבאַגרענעצטער און אומבּרחמנותדיקער קראַפט פון דער נאַטור, קעגן וועלכער ער האָט זיך געפילט אַזוי נישטיק, קליין, שוואַך און אומבאַהאָלפן.

דעם פאַקטאָר „ירושה" האָט מען דעריבער אַמאָל צוגעשריבן

אן ערשטראנגיקע און אומבאזיגבארע קראפט, וואס חתמעט דעם מענטשלעכן גורל מיט אן אייביקן צייכן; וועלכן דער מענטש איז נישט אומשטאנד אפצומעקן. די „ירושה" איז ביז נישט לאנג געזוען א שעיר-לעזאזל, א כפרה-הינדל אף וועלכן מען האט גע־ווארפן די שולד פון אלע צרות, וואס האבן געשטראפט א סך מענטשן-קעפ. די פארצייטיקע געזעלשאפט און די שול האבן מיט א לייכט הארץ פון זיך אראפגענומען די פאראנטווארט־לעכקייט און האבן א סך פון זייערע פעלערן, שוואכקייטן און חטאים אפן געביט פון דער דערציאונג ארויפגעלייגט אפן חשבון פון דער „ירושה".

מיט דער אנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער קולטור איז אויך זעלבסטשטענדיקער און זיכערער געווארן דער מענטשלע־כער געדאנק. דער מענטש האט מער אנגעהויבן שטעלן אף זיינע אייגענע כוחות און איז אפן און דרייסט ארויסגעטראטן אין קאמף קעגן דער נאטור, פון וועלכער ער האט שוין אראפגעריסן א סך שלייערן פון ניסים און מיסטעריעס. און ווען די נאטור האט באעוולהט א קינד מיט שעדלעכע ירושה-עלעמענטן, טורעט דער מענטש קעגן איר ארוים באוואפנט מיט די וויסנשאפטלעכע מעטאדן פון זיין דערציאונג און בילדונג.

די נאטור שטראפט די קינדער פאר פרעמדע זינד, אבער די סביבה און די דערציאונג קענען זיי פון דער שטראף אויסקויפן. דער מענטש דארף זיך מער נישט באטראכטן ווי א שפילצייג אין די הענט פון בלינדן גורל. דער מענטשלעכער ווילן און וויסן האט וועגן דעם אויך עפעס וואס צו זאגן. היינט דארפן מער די קינדער נים צאלן פאר די זינד פון זייערע עלטערן און דארט, וואו די סביבה איז א גינסטיקע און וואו די דערציאונג איז א גוטע, האט שוין — אין א גרויסער מאס — מער קיין שליטה נים די שלעכטע ירושה.

**דאס איז די העכסטע מאראלישע דערגרייכונג פון דער מא־דערנער וויסנשאפט און דער גרעסטער פארדינסט פון דער נייער פעדאגאגיק.**

זיבעטער טייל:

# וואָס טוט מען מיט די דערוואַקסענע קינדער


א תכלית פאַר קינדער ........................................ 201

ביים אויסקלייבן אַ פּראָפעסיע פאַרן קינד
דאַרף מען זיך רעכענען מיט זיין ווילן
און פעאיקייטן 203

# אַ תכלית פאַר קינדער

קינדער אין שול-עלטער דאַרפן גיין אין שול, אַזוי פאָדערט דאָס געזעץ. און פאַר אידישע עלטערן איז אַפילו נישט נויטיק אין דעם זין דער דרוק פון געזעץ. חינוך, קינדער-דערציאונג, איז בא אונז אַ פאָלקס-טראַדיציע, וואָס שטאַמט פון טויזנטער יאָרן און אַפילו די אָרעמסטע אידישע עלטערן באַמיען זיך זייערע מינדער-יעריקע קינדער נישט אָפּצערייסן פון דער עלעמענטאַרער שול.

אָבער וואָס טוט מען מיט די דערוואַקסענע קינדער? — דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס ענגבערט די מוחות פון אַ סך עלטערן, וועל־כע זוכן פאַרצווייפלט אַ תכלית פאַר די קינדער, ווען זיי וועלן דאַרפן אַראָפּגיין פונעם טאַטנס קעסטל.

פאַר אונזערע פאַרמעגלעכערע שיכטן איז דאָס אפשר קיין פּראָבלעם נישט. דאָרט ענדיקט זיך געוויינטלעך דאָס לערנען מיט אַ העכערער בילדונג, און צי די קינדער ווילן יאָ צי נישט, שטופּט מען זיי פון איין בילדונגס- אַנשטאַלט אין אַנדערן און פון איין קלאַס אין צווייטן, ביז דער דאָזיקער לערן-פּראָצעס פאַרענ־דיקט זיך מיט אַ מעשׂן-בלעכל פון אַ דאָקטער אָדער מיט אַן אַנדערן וואָסערן ניט איז טיטל, וואָס גיט דעם יונגן מענטשן אַ געוויסע פּראַקטישע צוגרייטונג צום לעבן און אַ באַשטימטע פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט.

אָבער לעצטנס איז דער צוטריט צו די העכערע בילדונגס-אַנ־שטאַלטן איבערהויפּט שטאַרק באַשווערט געוואָרן. עס איז אויך זייער גרויס די צאָל פון די אַזויגערופענע אינטעליגענטע פּראָלע־טאַריער און פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס האָבן נישט וואו אַנציאָווענדן זייערע פעאיקייטן און קענטעניש, און נאָך די לאַנגיאָריקע באַמי־אונגען צו מאַכן אַ „קאַריערע" — אויב דער ציל פון זייער יערנען איז נישט מער ווי די קאַריערע — בלייבן זיי דאָך אָן פּרנסה.

אָבער נישט אַלע קענען לערנען זייערע קינדער ביז „אין גרויען צאָפּ אַריין", און דאָס פּראָבלעם פון „תּכלית" פאַרשטערט שוין דעם שלאָף פון אַ סך עלטערן גלייך ווי זייערע קינדער פאַרענדיקן נאָר די עלעמענטאַרע שול.

און אין דעם פאַל קענען קיין צוויי מיינונגען נישט זיין. אויב מען קען נישט איבער מוז מען אַרונטער, און אַז מען קען דעם זון נישט מאַכן פאַר אַ „דאָקטאָר" דאַרף מען אים ווידמען אַ וואָסער נישט איז פּראָדוקטיווער און נוצלעכער באַשעפטיקונג, וואָס זאָל אים שפּעטער קענען זיכערן אַ פרייע און אומאָפּהענגיקע מאַטעריעלע עקזיסטענץ.

ס'איז נישט קיין פאַרברעכן ווען עלטערן קענען נים, בײַ די היינטיקע לעבנס-באַדינגונגען, צו געבן זייערע קינדער אַ העכערע בילדונג. עס קען אָבער יאָ זיין אַ פאַרברעכן ווען עלטערן גיבן נים זייערע קינדער אַ וואָסערע נים איז פּראָפעסיאָנעלע לעבנס-דערפאַרונג, וואָס זאָל זיי פאַרלייכטערן דעם קאַמף פאַר זייער שפּעטערדיקער זעלבסטשטענדיקער עקזיסטענץ.

די חשיבות פון אַרבעט דאַרף מען שוין היינט נישט דערווייזן: אַמאָל איז אַ בעל-מלאכה געווען אַ חרפּה אין דער משפּחה, היינט קוקט מען שוין גאַנץ אַנדערש אויף די זאַכן און אַן אמתע דערציאונג איז די, וואָס גיט דעם קינד אַ גענוגנדיקן סכום פּראַקטישע ידיעות, מיט וועלכע ער זאָל זיך קענען איינגלידערן אין אַ וואָסערן נישט איז ווירטשאַפטס-צווייג און ווערן אַ שעפערישער, זעלבסטשטענדיקער און נייטיקער מיטגליד אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

וואָס פאַרא פאַך צו לערנען אָדער וואָסערער פּראָפעסיע זיך ווידמען קענען מיר נישט אָנווייזן. דאָס מאָדערנע ווירטשאַפטלעכע לעבן איז פילזייטיק און שטאַרק קאָמפּליצירט, און דאָס וואָס איז מעגלעך און פּאַסיק פאַר איינעם קען זיין אומדערגרייכבאַר און אומפּאַסיק פאַר אַ צווייטן. וואָס אונז אינטערעסירט בלויז אין דעם פאַל איז די פּסיכאָלאָגישע זייט פון דער פראַגע, וואָס רעכנט זיך באַם אויסוואַל פון דער פּראָפעסיע מיטן כאַראַקטער, מיט די פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן און מיט די נייגונגען פון יעדן קינד באַזונדער.

## באַם אויסקלײַבן אַ פאַך פאַרן קינד
## דאַרף מען זיך רעכענען
## מיט זײַן ווילן און פעאיקייטן

ביים אויסוואל פון א פּראָפעסיע דאַרף מען זיך שטאַרק רע־כענען מיטן כאראקטער און מיטן טעמפעראמענט פון קינד, מיט זיין פסיכישער און פיזישער פאסיקייט צו דעם פאך, וועלכן מען האָט פאר אים אויסגעוויילט.

ווען מען קויפט פארן קינד א פאר שיך רעכנט מען זיך אָפּט מיט זיין אויסוואל. באם טיש האָט דאָס קינד רעכט צו עסן נאָר די מאכלים, וועלכע שמעקן אים, אָבער ווען עס קומט צום אויס־קלייבן א פאך פארן קינד, מיט וועלכן עס וועט דארפן פארבינדן זיין גאנצע צוקונפטיקע עקזיסטענץ, רעכנט מען זיך זייער זעלטן מיט זיין געשמאק און נייגונג.

בא אייניקע קינדער מערקט מען א געוויסע פּרעדיספּאזיציע און ליבע צו אייניקע ארבעטן. עס זיינען דאָ מיידעלעך, וואס ווי־לן נאָר זיין לערערקעס און אלע שפּילערייען זייערע פארוואנדלען

זיי אין אַ קלאַס מיט שילער; אַנדערע ווייזן אַרויס אַ געשמאַק פאַר קליידער, און די באַליבטסטע באַשעפטיקונג בײַ זיי איז צו נייען, שניידן און לאַטען.

אייניקע אינגעלעך ווייזן אַרויס אַ באַזונדער פאַרשטענדעניש און ליבע צום בויען, מייסטרעווען און שניצן. דאָס וואַקסן גלענצנ־דיקע בעלי־מלאכות און קינסטלער, וואָס וועלן זיך פילן גליקלעך ווען זיי וועלן האָבן אַ געלעגנהייט אַנצואווענדן אין דער אַרבעט זייערע פעאיקייטן און נייגונגען.

אַנדערע ווידער זיינען אומרואיקע נאַטור, קענען נישט איינ־זיצן אויף איין אָרט, זיינען דורכוים פול, ווערן שנעל מיט אַלעמען גוט־ברודער און דאַרפן שטענדיק אַרום זיך האָבן טומל און קינ־דער. פאַר אַזעלכע וועט אַ זיציקע אַרבעט זיין אַן אמתע פּיין. זייערע דינאַמישע נאַטורן פאָדערן באַוועגונג און זיי וועלן זיך קע־נען אויסלעבן נאָר בײַ אַזעלכע אַרבעטן, וואָס וועט זיי ברענגען אין אַ גרעסערן קאָנטאַקט מיט מענטשן.

עס זיינען דאָ איינזאַמע נאַטורן. קינדער, וואָס האַלטן זיך פונ־דערווייטנס, וואָס פאַרוקן זיך אין אַ ווינקל, וואָס שעמען זיך פאַר מענטשן און וואָס חברן זיך זייער שווער צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער. אַזעלכע קענען זיין גלענצנדיקע פאַכלייט, אָבער נאָר בײַ אַזעלכע אַרבעטן, וואו זיי וועלן קומען אין אַ קלענער באַרירונג מיט מענטשן.

קלאָר, אַז מען טאָר אינגאַנצן ניט שטעלן אַפן קינדס אויסוואַל און געשמאַק אין אַזאַ וויכטיקער פראַגע. אַ באַקאַנטער היגער מעדיקער און שריפטשטעלער האָט איינמאָל געפרעגט זיין פינף־יעריקן בחורל צי ער וויל אויך זיין אַ דאָקטער, ווי דער פּאַפּאַ? אויף דעם האָט אים זיין זון אַנטשלאָסן געענטפערט: ניין, פּאַפּאַ, איך וויל זיין אַ „באַסורעראַ" (מיסטפירער). פאַר וואָס עפּעס אַ „באַסורעראַ"? — האָט דער פאָטער איבערראַשט געפרעגט. — ווייל אַ „באַסורעראַ", האָט געענטפערט דאָס בחורל, פאָרט אַרום אי־בער אַלע גאַסן...

דער אידעאַל פון „אַרומפאָרן איבער אַלע גאַסן" זאָגט שוין

יאָ אַפּילו עפּעס אין דעם פֿאַל, אָבער פֿון דעם איז נישט געדרונגען אַז דער פֿאָטער דאַרף טאַקע ווידמען זיין זון דער פּרנסה פֿון מיסט־קלייבעריי. נישט ווייניקער קענען בלאַנדזשען אין דעם ענין אויך פֿיל עלטערע קינדער. ביים היגן „פֿרויד־אינסטיטוט" איז איינגע־אָרדנט אַ ביוראָ פֿון פּראָפֿעסיאָנעלער אָריענטאַציע, און די עלטערן און לערער, וואָס האָבן נישט קיין מעגלעכקייט אָנצוקומען צום אינסטיטוט דאַרפֿן זיך באַמיען אַליין צו אָריענטירן און אויסקלייבן פֿאַרן קינד אַזאַ פֿאַך, וואָס זאָל אים מער־ווייניקער זיין צום האַרצן, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן זיינע נאַטירלעכע נייגונגען און נישט זיין אין ווידערשפּרוך מיט זיין פֿיזישער און פּסיכישער נאַטור.

געדרוקט אין דער דרוקעריי
פון יהודה גלאזמאן,
סאָריענטעס 1976.